STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06609

KONOVALOV UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

קאָנאָוואַלאָוו

און אַנדערע דערציילונגען

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Konowałow un andere dercejłungen".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

מאַקסים גאָרקי.

(קורצע לעבנס-באַשרייבונג).

דער אמתער נאָמען פון באַרימטן רוסישן שרייבער איז פּיעשקאָוו. ער איז געבאָרן געוואָרן אין ניזשני-נאָווגאָראָד אין אַן אָרימער פאַמיליע, אין יאָר 1869. ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד איז ער געבליבן אַ יתום — אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. גוטע מענטשן האָבן אים אָפּגעגעבן אין דער לערע צו אַ שוסטער. דער הונגער און די קלעפּ אי פון באַלעבאָס אין פון די שיכּורים — די פּועלים האָבן אים גיך דערעסן און ער איז אַנטלאָפן צו אַן אַנדער בעל-מלאכה, וועלכער האָט אים באַהאַנדלט ניט בעסער פון דעם ערשטן. מיט דעם צווייטן בעל-טובה האָט ער אויך גיך אָפּגעשלאָגן כּפּרות, און איז אָנגעקומען צו אַ מאַלער פון איקאָנעס (הייליקע בילדער). ער איז אָבער ניט לאַנג אָפּגעווען ביי דער נייער מלאכה: מן הסתם האָט ער דאָ אויך קיין האָניק ניט געלעקט. ער איז אַוועק פון מאַלער און געוואָרן אַ באַהעלפער אין קיך אויף אַ קליינעם דאַמפּשיף, וואָס האָט געמאַכט נסיעות אויף דער וואָלגע. פון שיף איז ער אַריבער אַרבעטן אין אַ גאָרטן, וואו ער איז געוואָרן אַרויסגעצויגן; ער האָט געטאָן כּלע-בודת-פּרך און געקראָגן קלעגלאַכע שכירות. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 15 און האָט קוים געקענט לייענען און שרייבן.

זיין ערשטער רבי איז געווען דער קוכער פון שיף, וואו ער האָט געאַרבעט פאַר אַ באַהעלפער. דער קוכער האָט האָלט געהאַט צו לייענען און האָט באַקאַנט געמאַכט זיין באַהעלפער מיט די ווערק פון גאָגאָל, גליעב אוספּענסקי און אַנדערע גרויסע רוסישע שרייבער. אַ נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר די אויגן פון אָרימען פאַרוואָגלטן יתום, און עס האָט זיך אים פאַרוואָלט צו לערנען. ער איז אַוועק אין קאַזאַן. אָבער דאָרטן האָט ער זיך דער=

וואוסט באַלד נאָך זיין קומען, אַז פאַר די פּירות פון עץ־הדעת דאַרף מען באַצאָלן מיט מזומנים. ער האָט ניט געהאַט ביי דער נשמה אַפילו קיין פאַרשימלטע מטבע — און פון לערנען איז שוין קיין רייד ניט געווען. ער איז אָנגעקומען אין אַ בעקע־ריי, וואו ער האָט געקנאָטן די טייג און געבאַקט בייגל פאַר 3 רובל אַ חודש, און געאַרבעט האָט ער פון 16 ביז 18 שעה אַ טאָג. ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ פינסטערן לעבן. ער האָט געטרוימט פון דער פרייער לופט און איז געוואָרן אַ „באָסיאַק". מיר טרעפן אים אין די סטעפּעס פון נאָוואָראָסיע, אין דעם האַפן פון אָדעס, וואו ער שלעפּט זעק, ביי דער אַרבעט אין מילן, אויף אייזנבאַנען, אויף פעלדער, אין די שמוציקע קוואַרטאַלן פון גרוי־סע שטעט, וואו ער האַנדלט מיט קוואַס און עפּל א. ד. ג.

אָבער די גאַנצע צייט פון זיין גלות הערט ער ניט אויף צו לייענען און צו לערנען זיך. ניט איין מאָל איז ער געווען נאָענט צו זעלבסטמאָרד, און נאָר זיין שטאַרקער ווילן האָט אים אָפּגע־האַלטן פון אַ האַנדלונג, וואָס וואָלט צוגענומען פון דער וועלט איינעם פון די גרעסטע קינסטלער.

זיין ערשטע דערציילונג, וואָס האָט דערזען די וועלט, איז געווען „מאַקאַר טשודראַ". זי איז געווען אָפּגעדרוקט אין יאָר 1892, און פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעשריבן העכער 30 דער־ציילונגען, צוויי גרויסע ראָמאַנען: „פאָמאַ גאָרדיעיעוו" און די „דריי חברים" און צוויי דראַמעז: „די קליינבירגער" (מיעשטשאַנע) און „אויפן דעק".

דער פּאָגראָם*).

די מעשה האָט פּאַסירט מיט אַ יאָר 15 צוריק. איך האָב דעמאָלט געלעבּט אין אַ שטאָט אויף דער וואָלגע.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין יוני. פון אינדערפרי אָן האָב איך פאַרבּראַכט אונטן בּיים טייך. איך האָב געהאַט אויסצושמירן מיט זעגאַכץ אַ פלאַך שיפל, און עס איז שוין געווען אַרום מיטאָג־צייט, ווען ערגעץ אין דער פאָרשטאָט, הינטער מיר, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבּן אַ דערשטיקטער בּייזער ליאַרים, וואָס מען האָט געקענט אָננעמען פונווייטן פאַר אַ געשריי פון הונגעריקע אָקסן. איך בּין אַליין אויך געווען הונגעריק, כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער ענדיקן מיין אַרבּעט און תּחילת האָב איך זיך ווייניק געקימערט מיט דעם ווייטן געפילדער, אָבּער דאָך איז ער געוואַקסן מיט יעדער סעקונדע, זיך אויסבּרייטערנדיק ווי אַ רויך, בּעת עס בּרעכט אויס אַ שריפה.

אין דער הייסער לופט איבּער דער פאָרשטאָט איז געשטאַ־ אַ וואָלקן פון שטויבּ. איך האָב זיך איינגעקוקט אין יענער זייט, און עס האָט זיך מיר גענומען דוכטן, אַז די לופט האָבּן אָנגעפילט צוזאַמען מיטן שטויבּ, וואָס האָט זיך געהויבּן פון דער ערד, אויך פאַרשיידענע קולות און די קולות האָבּן זיך געטראָגן פון הונדערטער מיילער. דער שטויבּ איז געוואָרן וואָס אַ מינוט געדיכטער, די פאַרשיידענע קולות אַלץ העכער, די ערד האָט געציטערט. אין דערזעלבּער צייט האָט אויך גענומען ציטערן מיין

---

*) גאָרקיס דערציילונג איז ערשינען אין דעם בּוך, וואָס רוסישע שרייבּער און געלערנטע האָבּן אַרויסגעלאָזן לטובת דער הונגער־ליידנדיקער יידישער באַפעלקערונג אין דרום־רוסלאַנד. גאָרקי באַשרייבּט אַן אמתן פאַקט, דעם פּאָגראָם, וואָס האָט פּאַסירט אין ניזשני־נאָווגאָראָד אין יאָר 1884. דער אמתער נאָמען פון געהרגעטן פּאַדריאַטשיק זעלמאַן פון דער דערציילונג איז געווען דייטשלמאַן.

האָרץ, און איך האָב געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן עפּעס אַ שרעק, אַן אומגליק...

איך האָב אַוועקגעוואָרפן מיין אַרבעט, אַרויפגעקלעטערט אויפן זאַמדיקן ברעג און זיך אַרומגעקוקט. פון אַלע הייזער פון די טירן און טויערן האָבן געשפּרונגען מענטשן און זיינען געלאָפן איבער דער גאַס, ערגעץ ווייטער אינמיטן פאַרשטאָט; הינט און קינדער זיינען מיטגעלאָפן; באַאומרואיקטע טויבן האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ; הינער האָבן זיך געדרייט אונטער די פיס. די אַלגעמיינע אויפרעגונג האָט מיך אויך פאַרכאַפּט און איך בין מיטגעלאָפן.

„אויף דער יעליזאַוועטינסקאַיאַ איז אַ פּאָגראָם!" האָט עמי־צער אַ געשריי געטאָן.

גלייך אַנטקעגן דער לויפנדיקער מאַסע איבער דער ניט־ברוקירטער גאַס איז געפלויגן אַ משא־פורמאַן שלאָגנדיק מיט רישעות מיט דער לאַנגער לייצע זיין פערד און האָט געברומט ווי אַ לייב מיט אַלע זיינע כוחות:

— אונזערע קריגן קלעפּ!... איידאַ, פעק־טרעגער!

איך האָב זיך פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל געסל און בין געבליבן שטיין.

דאָס געסל איז געווען שרעקלאַך געפּאַקט מיט מענטשן. פאַר אונז, עפּעס ערגעץ ווייט, האָט זיך געטראָגן אַ ווילדער גע־שריי פון מענטשלאַכע קולות. מען האָט געקענט הערן, ווי עס קלינגען צעקלאַפּטע שויבן, ווי עפּעס פאַלט איין מיט אַ גוואַלדיקן גערויש, ווי שווערע קלעפּ האַקן די לופט; איינצלנע קולות האָבן זיך ווי וואָלקנס צוזאַמענגעגאָסן אין איינעם.

— דאָס הרגעט מען די יידן — האָט געזאָגט מיט אַ צופרי־דענעם טאָן אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ ריין און אָנשטענדיק; ער האָט געריבן זיינע קליינע מיט קנייטשן דורכגעגעסענע הענט: זיי האָבן דאָס כשר פאַרדינט.

איך האָב זיך דורכגעשלאָגן פאָראויס, נעענטער צום ליאַ־רים. וועלכער האָט מיך געצויגן צו זיך מיט אַ מאָדנער קראַפט און האָט מיר אויפגערעגט די נערוון. און ניט נאָר מיך אַליין

האָט ער צו זיך געצויגן, דער שוידערלאַכער ליאַרים; ער האָט אין זיך אַריינגעצויגן אַלעמען אַזוי ווי אַ זומפּ.

די פּנימער, וואָס איך האָב פאַר זיך דערזען, האָבן אַלע געטראָגן אויף זיך דעם אויסדרוק פון אַ טיפן זינלאָזן האַס; די אויגן האָבן ביי אַלעמען געבלישטשעט אַזוי משונהדיק ווילד און זשעדנע; די שווערע געדיכטע מאַסע האָט זיך געטראָגן פאָראויס און איז געווען קאַפּאַבל צו פאַרניכטן אַלץ אַרום זיך; יעדער איינציקער איז געווען קאַפּאַבל אומצוּוואַרפן דעם פאָדערשטן, אים צעטרעטן אונטער די פיס, דערשטיקן און דערוואָרגן.

איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ הויף, פון דאָרטן בין איך אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּלאַנקען אין אַן אַנדער הויף, פון דאַנען נאָך אין צוויי הויפן,—און איך בין ווידער געווען אין אַ געדיכטער מאַסע מענטשן. זיי האָבן אָנגעפּאַקט דעם ענגן פאַרבויטן הויף פון אַ גרויסן שטיינערנעם הויז, און די ערד האָט ביי זיי פשוט געציטערט אונטער די פיס. פאַרריסן די קעפּ, האָבן זיי עפּעס געברומט אַזוי ווי דער טייוול וואָלט אין זיי אַריין. די פּנימער זיינען געווען רויט, צווישן די אָפענע ליפּן האָבן געבלישטשעט די ציינער, די הענט האָבן זיי געוואָרפן אין אַלע זייטן, האָבן זיך געשטופּט פאָראויס, געשטויסן, געקלעטערט אויף די דעכער פון די נידעריקע הייזער אין די געהעפטן, אַרונטערגעפאַלן און ווייטער געקלעטערט. און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יעדער איינציקער האָט זיך, דוכט זיך, געשטויסן אין אַ באַזונדערער זייט, האָבן אַלע דאָך געהאַט עפּעס אַ כלל־געפיל; דער מענטש איז געוואָרן אַן אבר פון איין איינציקן אומגעהייערן קערפּער, וואָס האָט געלעבט מיט דערזעלביקער געוואַלטיקער קראַפט.

אויפן דאַך פון הויז, ביי דעם קוימען, הויך איבער דער געדיכטער מאַסע מענטשן, וואָס דער האַס האָט צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין חיה, איז געשטאַנען אַ הויכגעוויקסיקער דאַרער ייד. ער האָט געריסן מיט די פינגער די ציגל פון קוימען און האָט זיי איינס נאָכן אַנדערן געשליידערט אונטן; ער האָט דערביי געשריען אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער מיט אַ שאַרפער שטימע, וואָס האָט געקלונגען ווי די שטימע פון דער ווילדער מאַסע אונטן. זיין לאַנ־

גע גרויע באָרד האָט זיך געשאָקלט, זיינע ווייסע הויזן זיינען געווען באַדעקט מיט רויטע פלעקן.

צו אים אויבן האָבן זיך געטראָגן שרעקלאַך בייזע געשרייען:

— שיסט אים אַרונטער פון דאָרטן!

— גיט אַהער אַ ביקס! וואַרפט אויף אים שטיינער!

— קלעטערט צו אים אַרויף!

אין שטוב דורך די פענסטער האָבן זיך געזען דונקעלע פיגורן. דאָס זיינען געווען די פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן צעטראַסקעט די ראַמען און געוואָרפן פון אינעווייניק אין הויף אַלערליי זאַכן.

אַ בחורל מיט געגרייזלטע האָר און אַ ברייטן מויל האָט צוגעשלעפּט צום פענסטער אַ שפּיגל, אים אויפגעהויבן אין דער הויך און אַ געשריי געטאָן:

— איידאַ, היט זיך!

דער שפּיגל האָט אַ בלישטשע געגעבן אין דעם שיין פון דער זון און איז געפאַלן אויף דר׳ערד. דער בחורל האָט זיך אַריבערגעבויגן דורכן פענסטער און האָט אים באַגלייט מיט די אויגן. זיין ברייטער פּנים האָט געטראָגן אַן ערנסטן, פאַרזאָרגטן אויסדרוק, אָבער אָן דעם מינדסטן שפּור פון רישעות. ביי אַ צווייטן פענסטער האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיט אַ שוואַרצן באָרד, מיט אַ קישן אין האַנט. איין ריס—און אַ געדיכטער ווייסער וואָלקן פון פעדערן האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן.

— עס שנייט, ברידער, זעט, אַז איר זאָלט ניט אָפּפרירן די נעזער!—האָט אַ געשריי געטאָן דער יאָלד, ווען די פעדערן זיינען געפאַלן אויף די קעפּ.

אויפן הויף האָבן זיך דערהערט קולות.

— אַהער! איינער האָט געפונען אין אַ טון יידישע קינדער.

— הרגעט זיי אַוועק!

— מיט די שאַרבנס אָן וואַנט!

— העי, דו, אַלטער זשיד! גיי־זשע אַרונטער! מען האָט געפונען דיינע אייניקלאַך!

— קריך אַרונטער פון דאַך; אויב ניט, דערשלאָגן מיר דיי־
נע ממזרים!

אין דער לופט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ קינדערשער גע־
שריי—דאָס איז געווען אַ שרעקלאַכער קול, וואָס האָט דורכגע־
שניטן דעם פאַרשטיקטן ליאַרים פון דער מאַסע, אַזוי ווי אַ בליץ
שניידט דורך די וואָלקנס. און דער ליאַרים איז געוואָרן אַ ביסל
שוואַכער.

— רירט זיי ניט אָן!—האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן.

— לאָזט די קינדער צורו!

— שלאָגן דאַרף מען די עלטערע!

עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ קינדערשער קולכל, דין און
שאַרף, וואָס האָט אַ שניט געטאָן אין האַרצן און האָט באַטויבט
מער ווי אַלע אַנדערע קולות צוזאַמען.

— זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ?

— ניין, צעדריקט די פיס!

— דאָס איז אַ ביסל אַן אַלטער שד!

— אַנטיפּ, קום אַרויף אויבן—אַרונטערוואַרפן דעם אַלטן
זשיד!

צוויי פּעק־טרעגער, אמתע גבורים, האָבן זיך דורכגעשטופּט
דורך דעם מאַסע און האָבן גענומען קלעטערן אויפן דאַך.

אין אַ פענסטער האָט זיך ווידער באַוויזן דער בחורל מיט
די רויטע באַקן און ערנסטן געזיכט. ער האָט זיך געמאַטערט
אַרויסצושטופּן דורכן פענסטער אַן אַלמער אָדער אַ קאַסטן און
האָט אַ געשריי געטאָן צו די מענטשן אונטן אין הויף:

— קינדער, כאַפּט, ס׳איז געפעס!

דער קאַסטן האָט אָבער ניט געקענט דורכגיין דורכן פענ־
סטער. דער בחורל האָט אים אָפּגעשלעפּט צוריק, איז אויף איין
רגע פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט זיך ווידער באַוויזן אין פענסטער
און אַ געשריי געטאָן, אויסציענדיק די ווערטער:

— ה־י־ל־י־ט ז־י־ל־י־ך!

אונטן איז אַרונטערגעפאַלן מיט אַ בראַזג אַ הויפן טעלער,
דערנאָך איז אַרונטערגעפאַלן אַ בלאַנק־געפּוצטער סאַמאָוואַר. די

מענטשן אין הויף זיינען אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, פֿאַרשטעלט דעם קאָפּ מיט די הענט און זיך געקייקלט פון געלעכטער. אַ דיקער פויערל מיט רויטע האָר האָט אויפגעהויבן דעם סאַמאָוואַר, האָט אים אַ וואָרף געטאָן אין דער הויך און דערנאָך ווידער אויף דר׳ערד און האָט אים אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פיס. אויפן דאַך האָט זיך דערהערט אַ שרעקלאַכער געשריי... אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אויבן. דאָס בלעך פון דאַך האָט געבראַזגעט. עמיצן האָט מען פון דאָרטן געריסן מיט אַלע כּוחות. עטלאַכע סעקונדן איז דער מענטש געהאַנגען אין דער לופטן, ציטערנדיק מיט אַלע איברים. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעריסן און איז מיט אַ געשריי אַראָפּגעפלויגן אונטן. עס האָט זיך דערהערט אַ העסלאַכער, וויי־כער קלאַנג...

איך בין אַרויסגעלאָפן פון הויף און הינטער מיר האָט געהילכט אַ ברומעריי מיט נצחון:

— אַ—אַ—אַ!...

— אַהאַ... אַה!... דאָ האָבן מיר אים געפּאַקט!

אין גאַס האָט מען געבראָכן טישן און שטולן, געהאַקט קאַסטנס, מיט געלעכטער און לצנות געריסן בגדים. אַרום האָבן זיך געטראָגן פעדערן, פון די פענסטער פון צוויי הייזער זיינען געפלויגן קישנס, קערב, שטיקלאַך מעבל. די מאַסע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווילדן צעשטערונגס־גייסט, און זי האָט געכאַפּט די זאַכן, געריסן זיי, געבראָכן אויף דער העלפט, געטראָטן אונטער די פיס... צוויי פרויען, באַדעקט מיט טייכן שווייס, רויט ווי אינדיקעס, האָבן זיך פעסט איינגעריסן מיט די הענט אין אַ קאַסטן און אים געשלעפּט יעדערע צו זיך. פוך און פעדערן זיינען זיי געפלויגן אַרום די קעפּ. די פרויען האָבן עפּעס געשריען איינע דער צווייטער אין פּנים אַריין, אָבער וואָס — האָט מען ניט געקענט הערן; די קולות זיינען פאַרשטיקט געוואָרן דורכן קראַך פון האָלץ, דורך דעם ווילדן גערויש פון דער מאַסע און דער עיקר דורך דעם העסלאַכן געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פענסטער פון הויז.

אַ פויער, הויך און שטאַרק ווי אַ גבור, איז פאַרבייגעגאַנגען

לעבן מיר, אין אַ צעריסענער העמד און אָן אַ היטל, די האָר זיינען געווען ביי אים צעוואָרפן און איבערן שמוציקן געזיכט האָט געראָנען בלוט, וואָס איז געווען דיק און כמעט שוואַרץ. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, און אַ תמעוואַטער שמייכל איז געלעגן אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אָן אַ פּאָנאַר. ער האָט אים תיכּף אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים מיט זיין ברייטער ברוסט, און גענומען אים טרייסלען. דער פּאָנאַר האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען און איז איינגעפאַלן. „אָט אַזוי", האָט אַ געשריי געטאָן אַ צווייטער פויער, איז צוגעלאָפן, האָט געכאַפּט דעם פּאָנאַר און איז געפאַלן מיט אים צוזאַמען.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אין דער מאַסע, ווי אַ טויב אין אַ וואָלקן פון רויך, אַ מיידל אין צעריסענע קליידער, מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָר. זי איז געלאָפן מיט איין איינגעבויגענעם קאָפּ. דאָס געזיכט בלאַס ווי שניי, די אויגן ברייט אויפגעריסן.

— הרגעט זי אַוועק די זשידאָווקע!—האָט געברומט אַ שטימע, און דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער לעבעדיקער מאַסע, ווי אַ צוקערקע אונטער פליגן. איבער איר איז באַלד געוואָרן אַ מישמאַש פון מענטשלאַכע קערפּערס; מען האָט געקענט זען אויפגעהויבענע קולאַקעס; די לופט האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ מאָדנעם תאווהדיקן קרעכצען, מיט גראָבע ווערטער, זידלערייען, פייפעריי, מיטן קלאַנג פון שטאַרקע קלעפּ.— דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין ווילדן, רישעותדיקן קול פון נצחון...

— פלאַץ! זעלמאַן קומט צו פאָרן!—האָט זיך דערהערט אין דער מינוט פון אַ רעדל מענטשן, וועלכע האָבן עפּעס געשלעפּט איבער די שטיינער. דאָס „עפּעס" איז געווען אַ מענטש אָדער דער קערפּער פון אַ מענטשן, אַ האַלב-נאַקעטער, מאָגערער קערפּער, צעקוועטשט, צעריסן, פון קאָפּ ביז די פיס באַדעקט מיט בלוט און שמוץ. צו זעלמאַנס פוס איז געווען צוגעבונדן אַ שטריק, מיט וועלכן מען האָט אים געשלעפּט איבער די שטיינער פון גאַס, און

אַ ברייטער פּאַס בלוט האָט באַצייכנט דעם וועג. צווישן די פּלייצעס האָט זיך געשלעפּט אַ שטיק פלייש, צעזעצט, באַגאָסן מיט בלוט, און צוזאַמען מיט די לאַנגע, מאָגערע הענט האָט זיך דאָס געשלאָגן אָן די שטיינער...

אַ גאַסן־יונג איז צוגעלאָפן און אַרויפגעשפּרונגען אויפן קער־פּער. זיינע פיס זיינען איינגעזונקען געוואָרן אין די ווייכע שטי־קער פלייש, ער האָט פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און איז געפאַלן. אַלע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. זעלמאַן איז געווען אַ רייכער פאָדריאַטשיק. איך האָב אים אָפט געזען פאַר זיין לעבן. אָבער דאָס, וואָס האָט זיך איצט געשלעפּט פאַר מיינע אויגן אין גאַס, האָט ניט געהאַט קיין שום ענלאַכקייט ניט מיט אים און ניט איבערהויפּט מיט אַ מענטשן.

גאַנץ פאַרהילכט דורך דעם, וואָס איז פאַר מיר פאָרגעקומען, שיר דערשטיקט פון שטויב, האָב איך זיך געשלעפּט נאָך דער מאַסע ווי אַ שפּענדל שלעפּט זיך אויף אַ טייך נאָכן שטראָם וואַסער, און אַלץ, וואָס איך האָב געזען, איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ שרעקלאַכער חלום. דאָרטן, אויף אַ נידעריקן רינשטאָק וואָס גייט פון דאַך, איז געבליבן הענגען אַ ווייסער אונטערראָק; ער שוועבט הויך אין דער לופטן, און איינע אַן אַלטינקע שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און שטרעקט אויס די דאַרע ברוינע האַנט און וויל אים כאַפּן. אַ באַוואַקסענער טרעגער פּלייסט זיך אַרויפצושפּאַרן אַ סאַמעטענע היטל אויף זיין ברייטן קאָפּ. גאַסן־קינדער לויפן נאָך די עלטערע, קלייבן שטיקלאַך פון די צעבראָ־כענע שפּיגלען, און איינער פון זיי כאַפּט שפּרינגענדיק די פּע־דערן, וואָס פליען אַרום אין דער לופטן.

עס קומט צו לויפן אַ פּאָליציי־מאַן; ער כאַפּט אַרויס דעם שווערד פון שייד, אָבער מען לאַכט אים אויס, און פון הינטן הערן זיך געשרייען:

— האַלט אים!

— לאָזט אים ניט דורכגיין!

איינער וואַרפט אים אונטער די פיס אַ צעבראָכענעם קעסטל.

און דער פּאָליצײ־מאַן פּאַלט איבער אים. אַ הויכער געלעכטער שיסט אויס אין דער מאַסע.

איך טו אַ קוק אויף דר׳ערד; בײ מײנע פיס ליגט אַ שטיק פּאַרבלוטיקטע הויט באַדעקט מיט האָר...

— אַהער, אַהער, איר מענטשן!

דער געשרײ קומט פון הויף. די מאַסע שטופּט זיך אַהין אַרײַן דורכן טויער. עס טראָגט זיך אַ ברומערײ, אַהודזשערײ, אַפּײ־פערײ—אַ ריכטיקער גיהנם.

— שלאָגט זי! שלאָ־אָ־אָגט זי! — שרײַט מען.

אין הויז, אינעווײניק, אויפן צווײטן גאָרן, פּויקט אײנער מיט אַ ברעכשטאַנג, זיך סטאַרעוועדיק דורכצומויערן די וואַנד צווישן צווײ פענסטער. שטיקלאַך קאַלך און ציגל ברעקלען זיך און פאַלן אַרונטער, נאָך זײ ציט זיך אַ ווײסער וואָלקן שטויב. פון אַ פענסטער פליט אַ טאָץ, דרײט זיך אום אין דער לופטן און פאַלט אויפן קאָפּ אַ דיקער פרוי. די פרוי בײגט זיך אײַן אין צווײען, אַרויסלאָזנדיק אַ הילכעדיקן קוויטש.

„קאָזאַקן!“

„לויפט, ברידער! קאָזאַקן קומען!“

אויפן עק גאַס באַווײַזן זיך קעפּ פון פערד, בלויע קאָזאַצ־קע היטלאַך, קאָזאַצקע נאַגאַיקעס, און אַ הויכע הילכעדיקע שטי־מע קאָמאַנדירט:

„דרײ אין אַ רײ — ביעגאָם מאַרש!“

אַ הויפן ציגל פאַלט אויפן טראָטואַר. די וואַנט צווישן די צווײ פענסטער איז דורכגעבראָכן, און באַלד נאָכדעם רוקט זיך דורך פּאַמעלאַך דורך די פּאָרמלאָזע לאָך אַ גרויסער אַלמער. ער שאָקלט זיך, קריכט אַזוי ווי קעגן זײַן ווילן, האַקט זיך אָפּ בײ אַ קאַרניז, דרײט זיך אום און פאַלט אַרונטער אויף די שטײנער מיט אַ גוואַלדיקן קראַך. די לופט ווערט אָנגעפילט מיט אַ ווילדן געברויש, וואָס האַלט אָן אַ לאַנגע צײַט, און עס דוכט זיך, אַז אַ שטראָם טראָגט זיך אונטער דער ערד, באַדעקט מיט שוים, אין אַ ווילדן גרימצאָרן, זיך רײַסנדיק פון זײַן געלעגער אויבן אַרויף, דרויסן...

די מאַסע לויפט אונטער די קלעפּ פון די נאַגאַיקעס און פון די פיס פון די פערד. זי לויפט ווי אַ סטאַדע שעפּסן, נאַריש, בלינד. מען קען זיך לייכט באַהאַלטן אין די הויפן, אַריבער־שפּרינגען פּאַרקאַנעס, דאָך לויפן זיי אַלע פּאַזע גאַס, אונ־טערשטעלנדיק זייערע קעפּ, רוקנס און פּלייצעס אונטער די שאַר־פע קלעפּ. אַ קרעפּטיקער פּאַק־טרעגער מיט אַ געגרייזלטן קאָפּ קערט זיך פּלוצלונג אום, גיט אַ פערד אַ גוואַלדיקן טראַסק אין מאָרדע, און ווערט פאַרשוואונדן אין דער געדיכטער מאַסע קאָזאַקן. און אויפן פּלאַץ, וואו ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, זשוזשען אָן אַן אויפהער די קאָזאַצקע נאַגאַיקעס. די קאָזאַקן רייטן ווי־טער, אַ פערד ביי אַ פערד, ווי אַ פעסטע וואַנט, און די מענטשן אין גאַס לויפן ווי משוגעים, שטופנדיק און שטויסנדיק איינער דעם צווייטן.

— וואַרפט שטיינער אויף די קאָזאַקן!

פּאַר די קאַפּיטעס פון אַ פערד וואַרפט זיך אַ פרוי, האַלב נאַקעט, באַגאָסן מיט בלוט. זי איז ערשינען גאַנץ פּלוצלונג, אַזוי ווי זי וואָלט אַרויס פון דער ערד; מיט אַ שוידערלאַכן געוויין כאַפּט זי אָן דעם פוס פון פאָדערשטער קאָזאַק.

— לויפט! לוי־י־י־י־פט!

— שטייט!

— שלאָגט די קאָזאַקן!

די מאַסע שרייט עס אויס און—לויפט ווייטער, ווי אַ באַרג־שטראָם, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף איין רגע. די לופט איז אָנגע־פילט מיט די קלעפּ פון די קאָפּיטעס, וועלכע קלינגען איבער די שטיינער. די פערד קענען זיך קוים באַוועגן דורך די שטיקלאַך מעבל און גאַנצע בערג צעריסענע מלבושים, וועלכע ליגן זיי אונטער די פיס. די פערד שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס. די מאַסע בלייבט שטיין און קערט זיך אום צו די קאָזאַקן.

— פּופּציק מאַן אַרונטער פון די פערד!

די מאַסע ברומט און וואַרט. אָבער הינטער איר, אויפן אַנדערן עק גאַס, באַווייזן זיך אויך פּאָליציי־לייט און קאָזאַקן צופוס. דאַן פאַנגט מען אָן צו שפּרינגען איבער די פּאַרקאַנעס, אַריינ־

צולויפן אין די הויפן; די קאָזאַקן לויפן נאָך און מאַכן אַרעסטן. נאָר־וואָס איז געווען די מאַסע אַ ווילדע חיה, וועלכע האָט אָן רחמנות, אָן פאַרשטאַנד געטויט און געפּייניקט גאַנץ אומשולדיקע מענטשן, און איצט זיינען די בעסטיען ניט מער ווי פּחדנים. קאָזאַקן און פּאָליציי־לייט באַפאַלן די לויפנדיקע אויך אומזיניג און אָן מיטלייד, די פאַרפאָלגטע לויפן איבער די גאַסן ווי טרוסן, מיט קללות און זידלערייען.

אינאָוונט, בעת איך בין פאַרבייגעגאַנגען אויפן מאַרק אַ קאַזאַצקן פּיקעט, האָב איך געהערט, ווי איינער פון די קאָזאַקן האָט געזאָגט צום צווייטן:

— מען זאָגט, אַז עס זיינען דערהרגעט געוואָרן פערצן זשידעס!

דער צווייטער האָט גאָרניט געענטפערט און גלייכגילטיק געדרייכערט זיין פּיפּקע.

קין און אַרטעם.

קין איז געווען אַ קליינוואוקסיק, לעבעדיק יידל, מיט אַ שפּיציקן קאָפּ, מיט אַ געלן דאַרן פּנים, די ביינער פון די באַקן און די מאָרדע זיינען געווען באַוואַקסן מיט קופּקעס געלע האַרטע האָר, און דער פּנים האָט אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואָלט אַרויס־קוקן פון אַן אַלטן אַרומגעריסענעם ראַם פון פלוש, וואָס זיין צודעק פון אויבן וואָלט געווען דער קאָזירעק פון אַ פאַרשמירטער היטל.

פון אונטערן קאָזירעק און די געלע גאָר ווי אויסגעפליקטע ברעמען, האָבן געבלישטשעט קליינטשינקע גראָע אייגלאַך. זיי פלעגן זיך זייער זעלטן אָפּשטעלן אויף איין זאַך אַ לאַנגע צייט; זיי פלעגן אָן אַן אויפהער שנעל לויפן פון איין זייט אין דעם אַנדערן און אומעטום האָבן זיי געוואָרפן שמייכעלאַך—מיט פּחד, מיט חניפה, מיט אַ זוכעניש פון חן און חסד.

איטלאַכער, וואָס האָט געזען דידאַזיקע שמייכעלאַך, האָט פאַרשטאַנען באַלד אויף אַן אָרט, אַז דאָס עיקר־געפיל פון מענטשן, וועלכער קאָן אַזוי שמייכלען,—איז דאָס, וואָס יענער האָט מורא פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, און אין איין רגע קען ער פאַרציטערט ווערן פון שרעק ווי אַ בלאַט פון בוים. און דעריבער, ווער עס האָט זיך נאָר ניט געפוילט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיט רישעותדיקע לצנות און אַ שנעל אין נאָז דעמדאָזיקן געפיל פון דעם יידן, אַ געפיל, וואָס איז געווען תּמיד אָנגעשטרענגט און האָט דורכגעדרונגען ניט נאָר זיינע נערוון, אָבער משמעות אַפילו די פּאַלבן פון דעם פאַרוסיגענעם אָנצוג, וואָס האָט באַדעקט זיין אויס־געדאַרטן גוף פון אויבן ביז אַראָפּ און האָט אויך אייביק געצי־טערט.

דעם אידנס נאָמען איז געווען חיים אהרן פורוויץ; אָבער גערופן האָט מען אים קין. דאָס איז אייַנפאַכער ווי חיים; דער

גאָמען קין איז מער באַקאַנט צווישן מענטשן און אין אים ליגט אַ גרויסע מאָס פון באַליידיקונג. דער נאָמען איז אַפילו ניט געגאַנגען צו דעם קליינעם, דערשראָקענעם און שוואַכן מענטשל, אָבער יעדערן האָט זיך געדאַכט, אַז דערדאָזיקער נאָמען מאָלט אָפּ גאַנץ דייטלאַך דעם גוף און די נשמה פון יידן און פאַר איין גאַנג באַליידיקט ער אים.

ער האָט געלעבט צווישן מענטשן, וועלכע זיינען געווען שלימזמלניקעס, און פאַר אַזעלכע איז אַלעמאָל אַ גרויסער פאַרגעניגן צו באַליידיקן דעם צווייטן, און זיי ווייסן אויך, ווי אַזוי דאָס צו טאָן, ווייל לעת-עתה קענען זיי בלויז אויף אַזאַ אופן זיך נוקם זיין פאַר זייערע קריוודעס, און באַליידיקן קינען איז געווען גרינג. ווען מע האָט מיט אים געטריבן לצנות, האָט ער מערניט ווי געשמייכלט, און זיין שמייכלען איז געווען פון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך אין עפּעס פאַרזינדיקט; צייטנווייז האָט ער זיינע באַליידיקער נאָך אַליין אונטערגעהאָלפן צו מאַכן שפּאַס פון אים; דאָס איז געווען אַ מין האַנטגעלט, וואָס ער האָט געגעבן די מענטשן פאַר דאָס רעכט צו לעבן און אָטעמען צווישן זיי.

ער האָט געלעבט פון האַנדל, פאַרשטייט זיך. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן מיט אַ הילצערנעם קעסטל אויף דער ברוסט און האָט געשריען מיט אַ זיסן, דינעם קולכל:

— וואַק-שאַ! שוועבעלאַך! נאָדלען! שניט-סחורה! אַלערליי קלייניקייטן!

נאָך איין כאַראַקטער-צוג: אויערן האָט ער געהאַט גרויסע, אָפּגעשטאַנענע, און זיי פלעגן זיך הייבן און פאַלן אָן אַן אויפהער, פונקט ווי ביי אַ שרעקעדיקן פערד.

געהאַנדלט האָט ער אין שיכאַן, אין אַ געגנט, וואו עס האָט זיך פאַרקליבן דער גאַנצער אָפּגעריסענער נאַקעט פון שטאָט — פאַרשיידענע „פאַרבראַקירטע" מענטשן. שיכאַן שטעלט פאָר אַ שמאָלע גאַס, וואָס איז פאַרבויט מיט אַלטע הייזער, הויכע און מרה-שחורהדיקע; אין זיי געפינען זיך אכסניות, שיינקען, ברויט-בעקערייען, קראָמען מיט עסנוואַרג, מיט אַלטן אייזן און מיט אַלערלייאיקע אָפּגעניצעוועטע זאַכן; אין זיי האָבן געוואוינט גנבים און

קויפער פון געגנבעטער סחורה, אָרימע הענדלער און הענדלערקעס מיט עסנוואַרג. אין גאַס איז שטענדיק געלעגן אַ שאָטן פון די הויכע הייזער, און עס איז געווען דאָרטן אַ סך בלאָטע און שיכּורים; זומערצייט איז די גאַס תּמיד געווען פול מיט אַ שטאַרקן עיפּוש פון עפּעס, וואָס האָט געפוילט, און פון איבערגעבּרענטע בראַנפן. די זון פלעגט נאָר גאַנץ באַגינען, פאַרזיכטיק און ניט אויף לאַנג, אַרייַנקוקן אַהער אין גאַס, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו באַשמוצן מיט דער בלאָטע אירע שטראַלן.

די גאַס האָט זיך געצויגן איבער אַ זייטל פון אַ באַרג, ניט ווייט פון דעם ברעג פון גרויסן טייך, און איז תּמיד געווען פול מיט אַרבעטער פון שיפן, מיט מאַטראָסן פון דאַמפער, מיט פּעקטרעגער. דאָ האָבן זיי געשיכּורט און געלעבט אַ גוטן טאָג אַזוי ווי זיי פאַרשטייען, און אויך דאָ, אין פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך, פלעגן די גנבים זיצן און וואַרטן, ביזוואַנען יענע וועלן ווערן גוט מלא. לעבן די טראָטואַרן פון גאַס זיינען געשטאַנען גרויסע ליימענע טעפּ פון די הענדלערקעס מיט פעלמענעס (פלייש־קניידלאַך), טישלאַך פון די הענדלער מיט געפּילטע קוכנס און אָפּגעקאָכטע לעבער. די מאַסן אַרבעטער פון טייך האָבן זשעדנע געשלונגען די הייסע אכילות, די שיכּורים האָבן געזונגען לידער מיט ווילדע קולות און זיך געזידלט, די סוחרים האָבן מיט הילכעדיקע שטימען פאַררופן צו זיך דעם קונה און געלויבט זייער סחורה; עס האָט זיך געטראָגן אַ בריאַזג פון די וועגנס, וואָס האָבן זיך קוים מיט צרות געקענט דורכשפּאַרן צווישן די רעדלאַך מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין גאַס, האָבן געקויפט אָדער פאַרקויפט, געוואַרט אויף אַרבעט אָדער אויף אַ כשרע מציאה. אַ קאַשעבּוצע פון טענער האָט זיך געטראָגן ווי אַ ווינט איבער דער גאַס, וואָס איז געווען שמאָל ווי אַ טייך מיט שטייענדיק וואַסער, און די טענער האָבן זיך געהאַקט און צעהאַקט אָן די שמוציקע ווענט פון די הייזער; די הייזער האָבן אויסגעזען ווי אַ לייב באַדעקט מיט וואונדן, ווייל די קאַלך האָט זיך פון אויבן אָפּגעבּרעקלט און איז געווען אויסגעשמירט מיט גרינע פאַרשימלטע פלעקן.

אין דערדאָזיקער גאַס, וואָס איז געווען פול מיט קאָכעדיקער

בלאָטע, מיט אַ הילכעדיקן גערויש און מיט ניבול-פה, האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט קינדער,—קינדער גרויסע און קליינע, אָבער איינס ווי דאָס אַנדערע שמוציק, הונגעריק און פאַרדאָרבן. זיי זיינען דאָ אַרומגעלאָפן פון אינדערפרי ביז אינאָוונט און געלעבט האָבן זיי פון דער גוטסקייט פון די הענדלערקעס אָדער פון זייערע פלינקע קליינע הענטלאַך, און ביינאַכט האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן ערגעץ אָן אַ זייט,—הינטער אַ טויער, אונטער אַ טישל פון אַ קוכן-טרעגער, אין דעם טיפן פענסטער פון אַן אונטערשטן גאָרן. ווי די זון פלעגט גאָר אויפגיין, זיינען שוין ווידער געווען אויף די פיס די קליינע אויסגעצאַרטע קרבנות פון קינדערשע קראַנקייטן, און האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט: גנבענען געשמאַקע און טייערע ביסנס און אויסבעטלען די צוגעפוילטע, וואָס זיי האָבן דורכן טאָג פאַרקויפט צו בעלנים. וועמעס קינדער זיינען דאָס געווען? אַלעמענס... אָט אין דער גאַס איז דאָס קין אַרומגעגאַנגען טאָג-טעגלאַך, אויסרעכענענדיק אויפן קול דעם לאַנגן צעטל פון זיינע סחורה, און דאָ האָט ער זי טאַקע פאַרקויפט צו די פרויען פון גאַס. זיי פלעגן ביי אים אַנטלייען אויף אַ פּאָר שעה אַ פערציקער מיטן תּנאַי, אַז זיי זאָלן אים אָפּגעבן צוריק צוויי-און-צוואַנציק קאָפּיקעס, און זיי האָבן שטענדיק באַצאָלט ערלאַך זייער חוב. איבערהויפּט האָט קין געפירט אין דער גאַס גרויסע געשעפטן: ביי די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אַ וועק-געלאָזן שיכּורן, האָט ער געקויפט די העמדער, היטלאַך, שטיוול און האַרמאָניקעס, ביי די פרויען—די ספּאָדניצעס, די יאַקלאַך, די צירונג, וואָס זיינען ווערט געווען אַ גראָשן, און דערנאָך האָט ער פאַר דער סחורה געקראָגן אַנדערע אָדער ער האָט זי פאַרקויפט מיט אַ צוואַנציקער פּרנסה. און עס איז ניט פאַרביי איין שעה אין טאָג, וואָס מען זאָל פון אים ניט אָפּלאַכן אָדער ניט מכבד זיין מיט קלעפּ און אַמאָל פלעגט מען אים איינגאַנצן אַרומנעמען. ער האָט זיך אויף דעם ניט באַקלאָגט; אויף די אַלע קלעפּ און באַליידיקונגען האָט ער געענטפערט מיט זיינע וויין-טראַגישע שמייכעלאַך.

עס פלעגט זיך טרעפן, אַז אין אַ פינסטערן ווינקל פון גאַס

פלעגן דעם יידן באַפאַלן צוויי-דריי יונגען, וועלכע זיינען געוו'ען קאַפּאַבל פון הונגער אָדער פון דאָרשט נאָך בראַנפן אָוועקהרגע־נען אַ מענטשן; אַראָפּגעשליידערט אויף דר'ערד מיט אַ זעץ פון קולאַק אָדער גלאַט פון שרעק, פלעגט קין זיצן ביי די פיס פון זיינע רויבער, ציטערן מיט אַלע איברים, זוכן אין די קעשענעס און זיך בעטן ביי זיי:

— האַרעלאַך! גוטינקע! נעמט גיט צו אַלץ... מיט וואָס וועל איך האַנדלען?

און זיין דאַרער פּנים האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון די מיליאָנען שמייכעלאַך.

— נו, פאַרשטעק דיין פּיסק! גיב נאָר אַהער דרייסיק קאָ־פּיקעס...

די גוטע האַרעלאַך האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף ניט אַרויסרייסן ביי דער קו דעם גאַנצן אייטער, ווען מען וויל קריגן פון איר מילך.

עס פלעגט זיך טרעפן, אַז ער פלעגט זיך אויפהייבן פון דר'ערד און גיין צוזאַמען מיט זיי איבער דער גאַס, שפּאַסנדיק און שמייכלענדיק; זיי האָבן אים אויך אַ טובה געטאָן און גערעדט מיט אים און אָפּגעלאַכט פון אים און אַלע האָבן זיך געהאַלטן פראָסט און אָפן. און נאָך אַזאַ באַגעגעניש פלעגט קין מער ניט ווי ווערן אַ ביסל דאַרער.

מיטן קהל האָט ער על־כּל־פּנים ניט געלעבט אין אחדות. נאָר גאַנץ זעלטן האָט מען אים געקאָנט זען צוזאַמען מיט אַ יידן, און יעדעס מאָל איז געווען לייכט צו באַמערקן, אַז יענער קוקט אויף קינען מיט גאווה און פאַראַכטונג. אין גאַס האָט מען גערעדט, אַז קין איז געלעגן ביים קהל אין חרם, און אַ קורצע צייט האָבן אים די הענדלערקעס פון גאַס גערופן „פאַרפלוכטער".

עס איז אַ סברה, אַז די מעשה מיטן חרם איז געווען אַן אויסגעקלערטע, הגם קין איז בלתּי ספק געווען אַ שטיקל אפּיקורס, ער האָט מחלל שבת געווען און געגעסן טריפות. מען פלעגט צו־שטיין צו אים מיט קשיות, ווי אַזוי האָט ער ביי זיך געפּועלט צו עסן אַזעלכע זאַכן, וואָס זיין אמונה האָט געאַסורט? ער פלעגט

זיך צונויפקאָרטשען, אָנהייבן צו שמייכלען און זען יוצא צו ווערן מיט אַ גלייכוועדטל אָדער גאָר אַנטלויפן; פון דער יידישער אמונה און די יידישע מנהגים האָט ער קיינמאָל קיין וואָרט ניט דערציילט.

אַפילו די אומגליקלאַכע קינדערלאַך פון דערדאָזיקער גאַס האָבן אים אויך געדודפט; צו אים אין קעסטל און אין רוקן האָבן זיי געוואָרפן שטיקער בלאָטע, די שאָלאַכץ פון קאַוואָנעס און אַלערליי פּאַסקודסטווע. ער האָט זיך געסטאַרעט זיי אָפּצושטעלן מיט זיסע רייד. אָבער על-פּי רוב פלעגט ער אַנטלויפן פון זיי אין די געדיכטע רעדלאַך מענטשן, וואו זיי זיינען אים ניט נאָכ-געלאָפן, מחמת זיי האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי דאָרטן ניט צעטרעטן אונטער די פיס.

אַזוי האָט געלעבט קין טאָג איין, טאָג אויס; אַלע האָבן אים געיאָגט;—ער האָט געהאַנדלט, געציטערט פון שרעק און גע-שמייכלט. און אָט האָט צו אים איין מאָל זיין מזל אויך אַ שמייכל געטאָן...

* * *

איטלאַכער ווינקל פון לעבן האָט זיך זיין אייגענעם טיראַן. אין שיכאַן האָט דידאָזיקע ראָלע געשפּילט דער שיינער אַרטעם, אַ יונג—אַ ריז, מיט אַ רעגלמעסיק-קיילעכדיקן קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטע היטל פון שוואַרצע געגרייזלטע האָר. די ווייכע האָר האָבן זיך אים געשאָטן אויפן שטערן אין מאָדנע רינ-גען און זיך אַרונטערגעלאָזן ביז די וואונדער-שיינע סאַמעטענע ברעמען און די גרויסע ברוינע אויגן, לענגלאַכע און תמיד פאַר-צויגן מיט עפּעס אַ פוטערדיקער פייכטקייט. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ גלייכן, אַזאַ, ווי מען זעט אויף די בילדער פון די אַלטע רוי-מער, ליפּן רויטע, פולע, זאַפטיקע, באַדעקט מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצן; זיין גאַנצער קיילאַכדיקער רייִנער און טונקעלער פּנים איז געווען וואונדערבאַר גלייכמעסיק און פשוט שיין, און די אויגן זיינע, וואָס זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, האָבן אים זיי-ער געפּאַסט, און עפּעס אַזוי ווי געמאַכט פולער און באַדייטלאַ.

כער זיין מאָדנע שיינקייט. מיט אַ ברייטער ברוסט, הויך און שלאַנק, תמיד מיט אַן אומבאַוואוסט־צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן, איז ער געווען אין שיכאַן אַ בייזע אָנשיקעניש פאַר די מע־נער און אַ פרייד פאַר די פרויען. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָט ער פאַרבראַכט ליגנדיק ערגעץ אויף דער ברענענדיקער זון. גרויס, פויל, פלעגט ער ליגן און אריינאָטעמען די לופט און דעם שיין פון דער זון מיט לאַנגזאַמע זיפצן, פון וועלכע זיין מעכטיקע ברוסט האָט זיך געהויבן הויך און מעסיק.

ער איז אַלט געווען אַ יאָר פינף און צוואַנציק. מיט אַ יאָר דריי צוריק איז ער געקומען אין שטאָט צוזאַמען מיט אַן אַרטעל פון פּראָמזינער פּעק־טרעגער*), און ווען די אַרבעט־צייט איז אַוועק, איז ער דאָ פאַרבליבן אויף ווינטער; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אַפילו ניט דאַרפן איינטונקען אַ פינגער אין קאַלט וואַסער און קענען לעבן און האָבן פאַרגעניגן מיט זיין גבורהשאַפט און זיין שיינקייט. און אָט פון דעמאָלט אָן איז ער פון אַ דאָרף־יונג און פּעק־טרעגער געוואָרן אַ ליבלינג ביי די הענדלערקעס מיט פּעלמענעס, ביי די קרעמערקעס און ביי די אַנדערע פרויען פון שיכאַן. דורך דעם מין באַשעפטיקונג האָט ער געהאַט לרוב עסן און בראַנפן און טאַבאַק אַלעמאָל, ווען ער האָט נאָר געוואָלט. פאַרלאַנגען עפּעס מער האָט ער ניט געקאָנט, און אַזוי האָט ער געלעבט.

די פרויען האָבן זיך געריסן איבער אים, זיך געשלאָגן, אויף די פאַרהייראַטע געמסרט די מענער, פון די מענער און געליב־טע האָבן זיי געקראָגן געשלאָגן מכות רצח, — אַרטעם איז געווען גלייכגילטיק צו די אַלע זאַכן; ער האָט זיך געבאַקן אויף דער זון, אויסציִענדיק די איברים ווי אַ קאָטער, און האָט געוואַרט, ווען עס וועט זיך אין אים אויפוועקן אַ באַגער, וואָס ער האָט געקאָנט אויספירן; אַזעלכע באַגערן האָט ער געהאַט ניט קיין סך.

געוויינלאַך איז ער געלעגן אויפן באַרג, אין וועלכן די גאַס

---

*) פּראָמזינע איז אַ דאָרף אין סימבירסקער גובערניע, און פון דאָרטן גייען אַרויס אויף דער וואָלגע די שטאַרקסטע פּעק־טרעגער.

האָט זיך אַריינגעשפּאַרט. דאָ האָט ער געקאָנט זען גלייך פאַר זיינע אויגן דעם טייך, הינטערן טייך, ביזן עק הימל. האָבן זיך ברייט צעוואָרפן די וואָלקנס; וואו-ניט-וואו זיינען געלעגן אויף זייער גלאַטן גרינעם דיוואַן גראָע פלעקן — דאָס זיינען דערפער. דאָרטן — איז תמיד שטיל, קלאָר, גרין... און ווען ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ לינקס, האָט ער געזען זיין גאַס, פון איין עק ביזן אַנדערן, און איר האָט דאָס לעבן געקאָכט ווי אין אַ קעסל; ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם טאַראַראַם, האָט ער דערקענט די פיגורן פון באַקאַנטע מענטשן, האָט געהערט דעם הונגעריקן געפּילדער פון דער גאַס און האָט פּיליכט פון וואָס ניט אין געטראַכט. אַרום אים, איבערן באַרג, איז געוואַקסן אַ געדיכטער גראָז, ס׳זיינען געשטאַנען ווי פאַרוואָגלטע יתומים אויסגעדאַרטע בעריאָזעס, אַרומגעבראָכענע קוסטן בוזינע; די „באָסיאַקעס" זיינען אַהער געגאַנגען זיך אויסניכטערן, שפּילן אין קאָרטן, פאַרריכטן די בגדים אָדער אויסרוען די ביינער נאָך דער אַרבעט און נאָך דער געשלעג.

אַרטעם האָט קיין גוטן שם ביי זיי ניט געהאַט. ער האָט געהאַט אין זיך אַזאַ גבורה, אַז קיינער האָט אים ניט געקענט ביי קומען, און אָפט פלעגט ער פאַרפירן מחלוקות, און אַגב האָט ער שוין צו לייכט פאַרדינט זיין ברויט. דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה, און דערצו נאָך האָט ער זעלטן עמיצן געגעבן אַ חלק פון זיין רויב-פּרייז. איבערהויפּט זיינען אין אים ניט געווען אַנטוויקלט די געפילן פון חברשאַפט און עס האָט אים ווייניק געצויגן צו קומען צווישן מענטשן. אויב מען איז צו אים געקומען און פאַרפירט אַ שמועס, האָט ער גערן געענטפערט, אָבער אַליין האָט ער ניט אָנגעפאַנגען צו ריידן; אויב מען האָט ביי אים געבעטן געלט אויף אַ טרונק בראַנפן — האָט ער געגעבן, אָבער ער זאָל אַליין גיין און טראַקטירן מיט אַ גלעזל בראַנפן זיינע באַקאַנטע — דאָס ניט. און צווישן זיי איז געווען איינגעפירט, אַז איטלעכע פאַרהאָרעוועטע קאָפּיקע זאָל מען אויסברענגען בחברותא אויף עסן און טרינקען.

אַהער, אין די קוסטן, פלעגן קומען צו אַרטעמען די שלוחים

פון ליבע — אַן אָפּגעריסן און פאַרשמאָרקעט מיידל פון גאַס אָדער אַ פאַרשמאָרקעט יינגל. דאָס זיינען יונגע מענטשעלאַך, זיבן־אַכט יאָר אַלט, זעלטן צען, אָבער זיי פאַרשטייען סאַר אַ וויכ־טיקע שליחות מען האָט זיי פאַרטרויט; זיי ריידן מיט אַ פאַר־שטיקטן קול און אויף זייערע פּנימלאַך ליגט שטענדיק די העוויה פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ טיפן סוד...

— פעטערל אַרטעם, די מומע מאַריע האָט דיר געהייסן זאָגן, אַז איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן; בכן זאָלסטו היינט אָנדינגען אַ לאָד־קע און זאָלסט אַוועקפאָרן צו איר, אין די לאָנקעס...

— אַזוי־וי,—ציט אַרטעם פוילע ווערטער, און זיינע שיינע אויגן שמייכלען מיט אַ טונקעלן גלאַנץ.

— לאָז זיך ניט בעטן, און...

— פאַרוואָס ניט?... אַ... אָט וואָס.. וועלכע איז דאָס, די מומע מאַריע?...

— די קרעמערקע, ווייסט דען ניט? זאָגט דער שליח מיט אַ מין פאָרוואורף.

— די קרעמערקע... יאָ? דאָס איז די, וואָס האַלט דערביי די קראָם פון אייזן?

— נו, יאָ, דערביי די קראָם פון אייזן. אַניסיאַ ניקאָלאַיעוונאַ... ווי אַזוי ווייסט דאָס ניט!

— נו, נו, ברודערל. מיינסט טאַקע, אַז איך ווייס ניט ווער... איך זאָג דאָס גלאַט אַזוי... איך מאַך שפּאַס... כלומרשט ווי איך וואָלט פאַרגעסן... און מאַריען קען איך גוט...

אָבער דער שליח איז אין דעם ניט זיכער; עס ווילט זיך אים גוט אויספירן זיין שליחות און ער פאַנגט אָן צו ערקלערן אַרטעמען באריכות:

— מאַריע—דאָס איז יענע, די קליינע, מיט רויטע באַקן; לעבן די פיש...

— נו־נו!... יענע, וואָס לעבן די פיש. אָט! סאַראַ מענטש דו ביסט!... איך וועל דען פאַרמישן? גוט. זאָג איר, מאַריען, אַז איך פאָר, ער פאָרט, זאָג איר, גיי!

נאָך אַרטעמס רייד פאַרקרימט דער שליח זיין פּנימל, וואו עס צעגיסט זיך אַ מאָדנע זיסקייט, און ער פאַנגט אָן פאַרצויגן:

— פעטערל אַרטעם, גיב מיר אַ קאָפּיקע!

— אַ קאָפּיקע? און וואָס טוט מען, אַז ס׳איז ניטאָ? זאָגט אַרטעם, און רוקט אַריין ביידע הענט אין די הויזן-קעשענעס. און עס טרעפט זיך ניט, ער זאָל ניט געפינען אַ מטבע. מיט אַ גליק-לאַכן שמייכל פליט דער שליח ווי אַ פייל פון בויגן אָנצוזאָגן די פריילאַכע בשורה דער פאַרליבטער הענדלערקע מיט אָפּגעבאַקענע לעבער, אַז איר בקשה איז איבערגעגעבן געוואָרן, און פון איר אויך קריגט ער באַצאָלט פאַר דער טירחה. ער ווייס דעם פּרייז פון געלט און געלט דאַרף ער האָבן ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז הונגעריק; אָבער אויך דערפאַר, וואָס ער רויכערט פּאַפּיראָסן, טרינקט בראַנפן און האָט עסקים מיט מיידלאַך. אויף מאָרגן נאָך אַזאַ סצענע איז אַרטעם נאָך גלייכגילטיקער ווי פריער צום אַרומיקן לעבן און זיין זעלטענע שיינקייט פון אַ מעכטיקע אָבער רואיקע חיה בלאַנקט נאָך מער. אַזוי האָט זיך געצויגן דידאָזיקע זאַטע, כמעט באַוואוסטלאָזע עקסיסטענץ, רואיקע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אָן אַ צאָל שונאים, וועלכע האָבן אים מקנא געווען אָדער געהאַסט אויס אייפערזוכט; רואיק איז געווען אַרטעמס עקסיסטענץ, ווייל זי איז געווען באַוואַכט מיט דער שרעקלאַכער קראַפט פון זיין קולאַק.

אָבער צייטנווייז פלעגט זיך באַווייזן אין די ברוינע אויגן פון שיינעם יונג עפּעס אַ טונקעלער פלעק, דער אָנצייגער פון שטורים, זיינע סאַמעטענע ברעמען פלעגן זיך מיט כעס צונויפרוקן און אין דעם ברוינלאַכן שטערן פלעגט זיך דורכשניידן אַ טיפער קנייטש. ער פלעגט אויפשטיין און גיין פון זיין מקום-מנוחה אין גאַס אַריין, און וואָס נעענטער ער פלעגט צוקומען צו איר האַווען און שמייען, פלעגן די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן ווערן אַלץ קיילאַכדיקער און די דינע נאָזלעכער פלעגן אַלץ אָפטער ציטערן. אויף דער לינקער פּלייצע הענגט ביי אים אַ געלער יאַק פון גראָבן געוואַנט, די רעכטע פּלייצע איז פאַרדעקט מיט דער העמד און מען קען זען דורך איר, סאַר אַ מעכטיקע פּלייצע דאָס איז. שטיוול האָט

ער פֿיינט געהאַט און איז אַלעמאָל געגאַנגען אין לאַפּטשעס; די ווייסע לאַפּנס אויף די פֿיס, וואָס זיינען שיין איבערגעקרייצט מיט בענדלאַך, מאָלן אָפּ די פֿלייש פֿון זיינע פֿיס. געגאַנגען איז ער פּאַמעלאַך, ווי אַ גרויסער שטורימדיקער וואָלקן...

די גאַס איז באַקאַנט מיט זיינע דרכים און זי זעט שוין אויף זיין פּנים, וואָס זי האָט פֿון אים צו דערוואַרטן. עס הערט זיך אַ שושקעריי מיט אַ התראה:

— אַרטעם גייט!

און פֿאַרן שיינעם יונג מאַכט מען אין איילעניש דעם וועג, מען רוקט אָפּ אָן אַ זייט די טישלאַך און ברעטלאַך מיט סחורה, די קעסלען און ליימענע טעפּ מיט די הייסע געקעכטס, מען שמייכלט צו אים חניפהדיק, מען גיט אים אָפּ „שלום עליכם״... און אַלע ציטערן פֿאַר אים, און ער גייט צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן מורא פֿאַר זיין קולאַק, גייט און שווייגט, מיט אַ פֿינסטערע צורה, און ווילד-שיין, ווי אַ גרויסע חיה.

אָט האָט זיין פֿוס פֿאַרטשעפּעט אַ טישל מיט מאָגן, לעבער, לונגען—און דאָס פֿליט אַלץ אויף די בלאָטיקע שטיינער; דער הענדלער לאָזט אַרויס אַ פֿאַרצווייפֿלטן געשריי און פֿאַנגט זיך אָן צו זידלען.

— ווער הייסט דיר שטיין אין וועג?—פֿרעגט אַרטעם רואיק, אָבער מען זעט, אַז די מעשה וועט זיין אַ מיאוסע.

— דאָס איז פֿאַר דיר אַ וועג, דו אָקס איינער!—שרייט דער הענדלער ווי אַן אָפּגעבריטער.

— און ווי אַז איך וויל דאָ גיין?

הינטער די ביינער פֿון די באַקן באַוויַיזן זיך ביי אַרטעמען גרויסע בלאָזן, און זיינע אויגן זעען אויס ווי רויטע גליענדיקע טשוועקעס. דער הענדלער זעט דאָס און רעדט אַרויס אונטערן נאָז:

— די גאַס איז פֿאַר דיר צו שמאָל...

אַרטעם גייט לאַנגזאַם ווייטער. דער הענדלער לויפֿט אַוועק אין טראַקטיר, נעמט דאָרטן געקאָכטע וואַסער, וואַשט איבער אין

אים זיינע סחורה און אין פינף מינוט אַרום שרייט ער שוין ווי־דער אויף דער גאַנצער גאַס:

„לעבער, לונגען, אַ האַרץ אַ הייסע! מאַטראָס! גיב דער ערשטער צו לייזן! פאַר פינף קאָפּיקעס שנייד איך דיר אָפּ אַ שטיק צונג! מומעלע, קויף אַ העלזל! ווער דאַרף האָבן אַ האַרץ אַ הייסע? לעבער, לונגען!"

און עס רוישן ווי כוואַליעס די הילכעדיקע קולות און פון דער גאַס טראָגט זיך אַ שווערער עיפּוש פון בראַנפן, שווייס, פיש, זעגעכץ, ציבעלע.

מענטשן גייען אַרום הין און צוריק אינמיטן גאַס, פאַרשטעלן דעם וועג די פערד, שרייען, דינגען זיך, לאַכן, הויך איבער זייערע קעפּ זעט זיך אַ שטיק בלויער הימל, פאַרטונקלט פון שטויב און בלאָטע, וואָס הייבן זיך אַרויף אין דער לופט פון דערדאָזי־קער גאַס, און עס זעט אויס, אַז אַפילו די שאָטנס פון די הייזער זיינען דאָ אויך פייכט און דורכגעווייקט אין בלאָטע...

— שניט־סחורה! פּאָדים! נאָדלען!—שרייט קין, ניט אַרויס־לאָזנדיק פון אויג אַרטעמען, וועלכער איז פאַר אים נאָך מוראדי־קער ווי פאַר אַנדערע.

— קוכנס מיט בערנעס, קויף און דערקוויק די נשמה!—זינגט זיך פונאַנדער אויפן קול אַ יונגע פאַרקויפערקע פון קוכנס.

— ציבעלע, גרינע צי־בע־לע!—העלפט איר אונטער אַ צווייטע.

— קוואַ־אַס! קוואַ־אַס! — קוואָטשקעט מיט אַ הייזעריקער שטימע אַן אַלטינקער, קליין געוואַקסן, מיט אַ גראָבן בויך און אַ רויטן פּנים, זיצנדק אין שאָטן פון זיין פעסל מיט דער סחורה.

און אַ מאַן, וועלכער האָט געטראָגן אין גאַס דעם מאָדנעם צונעמעניש „דער אָפּגעשמיסענער חתן", האַלט אין פאַרקויפן אַ שיף־אַרבעטער זיין אייגענע העמד' פון לייב, אַ פאַרשמירטע, אָבער אַ שטאַרקע, און שרייט צום קונה מיט איבערצייגונג:

— דו פלאָ־אָקן איינער! וואו וועסטו קויפן פאַר אַ פערציקער אַזאַ פיינע שטיקל סחורה? אין אַזאַ העמד איז דאָך ניט מיאוס צו גיין זען אַ כלה, אַ קופּצאָווע, מיט מיליאָנען! טיי־ייוול!

דורך דעם אַלגעמיינעם ווילדן, אָבער האַרמאָנישן געפּילדער שניידט זיך דורך מיטאַמאָל אַ דינער קינדערשער קולכעלע.

— גיט, אין נאָמען פון קריסטוס, אַ קאָפּיצקע... אַ יתומל אַן עלנדן... ניטאָ קיין טאַטע און קיין מאַמע״...

טשיקאַווע און אַזוי פרעמד צו אַלץ קלינגט אין דערדאָזיקער גאַס דער נאָמען פון קריסטוס!

— אַרטיושאַ! קום נאָר אַהער! — שרייט מיט אַ ליבקייט אַ לעבעדיק ווייבל, די זעלנערשע דאַריאַ גראַמאָווא, וועלכע האַנדלט מיט פּעלמענעס. וואו ווערסטו דאָס פאַרפאַלן? וואָס פאַרגעסטו אונז?

— האָסט אַ פולע פאַרקויפט? — פרעגט רואיק אַרטעם און וואַרפט אום אירע סחורה מיט אַ לייכטן שטופ מיטן פוס. די פּעלמענעס, געלע און גליטשיקע, ציען זיך איבער די שטיינער און אַ פּאַרע גייט פון זיי, און דאַריע איז קאַפּאַבל צו קריכן זיך שלאָגן און שרייט זיך פונאַנדער מיט סם אין מויל:

— קיין ביסל בושה און חרפה האָסטו ניט אין די אויגן דיינע! דו גזלן דו! ווי טראָגט דאָס דיך נאָך די ערד, דו קעמל דו אַסטראַכאַנער!

מען מאַכט פון איר שפּאַס — אַלע ווייסן, אַז זי וועט דאָס אַרטעמען מוחל זיין.

און ער גייט ווייטער מיט דיזעלביקע לאַנגזאַמע טריט, אַרויפקריכנדיק אויף מענטשן מיט זיין ברוסט, טרעטנדיק זיי אויף די פיס. און פאָראויס פויזעט שנעל ווי אַ שלאַנג די פאַרשטיקטע התראה:

— אַרטעם גייט!

אין די צוויי ווערטער, אַפילו דער, וואָס הערט זיי צום ערשטן מאָל, פילט אויך אַ סטראַשונעק און ער טרעט אָפּ אַרטעמען דעם וועג און באַגלייט די מעכטיקע פיגור פון שיינעם יונג מיט נייגעריקע און פאַרזיכטיקע אויגן.

אָט באַגעגנט אַרטעם אַ באַקאַנטן „באָסיאַק“. זיי גיבן זיך די הענט, און אַרטעם מיט זיין אייזערנער לאַפּע דריקט אַזוי שטאַרק די האַנט פון זיין באַקאַנטן, אַז יענער שרייט פון ווי־

טאָק און זידלט זיך. דעמאָלט כאַפּט אים אָן אַרטעם מיט די פינ־גער פאַר דער פלייצע און דריקט זי אָדער ער טוט אים אָן אַנ־דער ווייטאָק און שטום, רואיק קוקט ער זיך איין, ווי דער מענטש אָ־צעט און זיפצעט אונטער זיין האַנט, ווי יענער ווערט דער־שטיקט פון ווייטאָק און רעדט צווישן די ציינער:

— לאָז אָפּ, תליון !... פאַרפלוכט זאָלסטו ווערן !...

אָבער דער תליון, אַזוי ווי אַ ריכטער, האָט קיין רחמנות ניט.

קין פלעגט אויך ניט זעלטן אַריינפאַלן אין אַרטעמס אומ־דערבאַרימדיקע הענט, וועלכער פלעגט זיך שפילן מיט אים, ווי אַ נייגעריק קינד שפילט זיך מיט אַ פליג.

אָט דידאָזיקע חידושדיקע און אומבאַגרייפלאַכע מעשים פון גיבור האָבן געהייסן אין שיכאַן „אַרטיושקעס אַרויסגאַנג". מיט זיין „אַרויסגאַנג" האָט ער זיך איינגעקויפט אַ גוזמע שונאים, אָבער יענע האָבן ניט געקענט צעברעכן זיין אומגעהייערע גבורה, כאָטש זיי האָבן שוין ניט איינמאָל פרובירט דאָס צו טאָן. אַמאָל האָבן זיך אויפגעקליבן זיבן געזונטע יונגען און מיט דער הסכמה פון דער גאַנצער גאַס באַשלאָסן צו לערנען בלק מיט אַרטעמען און אים אָפּצושלאָגן די פליגלען. צוויי פון זיי זייגען קוים אַרויס מיטן לעבן פון דערדאָזיקער פּראָבע, די איבעריקע זייגען אָפּגע־קומען מיט אַ קלייניקייט. אַ צווייטן מאָל האָבן די קרעמער— ביי וועמען אַרטעם האָט פאַרפירט די ווייבער—אָנגעדונגען דעם שטאָטישן קצב, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיין כוח און האָט ניט איינמאָל גובר געווען די אַטלעטן (גיבורים פון צירק). דער קצב האָט זיך אָנגענומען פאַר אַ היפּשע סומע געלט צו מאַכן פון אַרטעמען אַ האַלבן מת. מען האָט זיי ביידן צונויפגעבראַכט און אַרטעם, וועלכער פלעגט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן צו גיין שלאָגן זיך אין אַ שפּאַס, האָט מיט איין קלאַפּ אַרויסגעהאַקט ביי דעם קצב אַ האַנט פון פלייצע און מיט אַ צווייטן קלאַפּ „אונטער דער נשמה" האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויפן אָרט כמעט אַ טויטן. אָט די אַלע פאַקטן האָבן נאָך העכער אויפגעהויבן אַרטעמס

נאָמען פון אַ גיבור און די צאָל פון זיינע שונאים איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ סך גרעסער.

און ער האָט מאַריך געווען נאָכן אַלטן שטייגער זיינע „אַרויס־גאַנגען", צעשטערנדיק אַלץ און אַלעמען, וואָס איז אים נאָר געשטאַנען אין וועג. וואָסערע געפילן האָט ער אויסגעדריקט אויף דעם דאָזיקן דרך? מעגלאַך, אַז ער האָט אויף אַזאַ אופן זיך נוקם גע־ווען אָן דער שטאָט און אָן די פירונגען פון שטאָטישן לעבן, ער, וועלכער איז אויפגעוואַקסן צווישן וועלדער און פעלדער, וועל־כער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אייגענעם מקום; עס קען זיין, אַז ער, האָט געפילט און האָט דאָס אַליין ניט פאַרשטאַנען, ווי די שטאָט מאַכט אים אויס מענטש, פאַרסמענדיק זיין גוף און זיין נשמה, און דערפאַר האָט ער דאָס געקעמפט מיט דעם בייזן מחבל, וואָס האָט אים ביסלאַכווייז געמאַכט פאַר אַ שקלאַף. זיינע „אַרויסגאַנגען" פלעגן זיך צייטנווייז ענדיקן אין פאָליצײ־הויז, וואו די פאָליציי פלעגט אים באַהאַנדלען בעסער ווי די איבעריקע תושבים פון שיכאַן; זי האָט באַוואונדערט זיין מערקווירדיקע גבורה, מיט זיין גבורה האָט זי זיך משמח געווען, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין גנב און טויג גאָרניט פאַר דעם מין אַרבעט — ער איז פאַר איר צו נאַריש. אָבער על־פי רוב פלעגט אַרטעם נאָך אַן „אַרויסגאַנג" זיך אַוועקשלעפּן ערגעץ אין אַ הויז מיט אַ שלעכטן שם, און דאָרטן פלעגט אים אַריינעמען אונטער איר השגחה איינע פון די פרויען, וועלכע זיינען געווען אין אים פאַרליבט. נאָך זיינע העלדישקייטן איז ער געווען געוויינלאַך מרה־שחורהדיק און פול מיט קאַפּריזן, די אויגן פלעגן קוקן מיט אַ ווילדן גלאַנץ, און נאָכן פנים זיינעם, וואָס איז געווען אַזוי ווי פאַרשטיינערט, האָט מען אים געקענט אָננעמען פאַר אַ פרא אדם. אַ קרעמערקע, אַ געזונטע ווייבל פון איבער דרייסיק, פלעגט אַרומגיין אַרום דער־דאָזיקער חיה, און זיך האַלטן, ווי די חיה וואָלט געווען אירע; פונדעסטוועגן האָט זי געציטערט פאַר אַרטעמס קוק.

— אפשר הייסן דערלאַנגען נאָך אַ פּאָר פלעשער ביר, אַר־טיושאַ? אָדער זיסע שנאַפּס? ווילסט פיליכט וואָס ניט איז פאַר־

בייסן? וואָס איז די מעשה, וואָס דו ביסט עפּעס היינט ביי מיר גאָרניט אַזאַ כוואַט ווי אַלע מאָל?...

— טשעפּע זיך אָפּ!... פּלעגט אַרטעם זאָגן מיט אַ האַלבן מויל, און אויף עטלאַכע מינוט פּלעגט זי אויפ׳הערן צו שמייען אַרום אים, אָבער דערנאָך פּלעגט זי אָנהייבן אויף דאָס נײַ איינצושיפּורן דעם שיינעם יונג, מחמת זי האָט שוין געוואוסט, אַז בעת אַרטעם איז ניכטער, איז ער קאַרג אויף לאַסקעס...

און אָט האָט זיך אַמאָל געדאַרפט טרעפן — אַ המצאה כ׳לעבן — אַז דערדאָזיקער מענטש און קין זאָלן זיך צונויפקומען.

* *
*

מעשה שהיה כך היה:

איינמאָל נאָך אַן „אַרויסגאַנג“, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ פריילאַכער הוליאַנקע, איז אַרטעם געגאַנגען מיט זיין דאַמע פּאַלנדיק פון די פיס, צו איר צו גאַסט דורך אַ שמאָל און וויסט געסל פון פאָרשטאָט. דאָ האָט מען אויף אים געוואַרט. עטלאַכע מענטשן האָבן זיך אויף אים אַ לייג געטאָן און כהרף=עין אומגעוואָרפן צו דר׳ערד. אָפּגעשוואַכט פון בראַנפן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָט ער זיך ניט געקאָנט פאַרטיידיקן, און דעמאָלט האָבן זיך דאָס דידאָזיקע מענטשן אַ נעם געטאָן פאַר אים און כמעט אַ שעה צייט אים אויסגעצאָלט די טויזנטער באַליידיקונגען, וואָס זיי האָבן פון אים ווען ניט איז אַריבערגעטראָגן. אַרטעמס באַגלייטערין איז אַנטלאָפן, די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, דער פלאַץ וויסט ווי אַ מדבר, — עס איז זיי געווען סגראַבנע זיך גוט אָפּצורעכענען מיט אַרטעמען, און זיי האָבן טאַקע געאַרבעט, ניט שאַנעווענדיק די כוחות און ווען זיי זיינען מיד געוואָרן און האָבן געענדיקט, זיינען צוויי קערפּער געלעגן אויף דר׳ערד און זיך ניט גערירט — איין קערפּער איז געווען דעם שיינעם אַרטעמס, און דער צווייטער איז געווען פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געהייסן דער רויטער באָק.

די יונגע האָבן געהאַלטן אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט די צוויי קערפּער, און ענדלאַך האָט מען אַזוי באַשלאָסן: אַרטעמען זאָל מען באַהאַלטן אונטער אַן אַלטן שיפל, וואָס איז צעבראָכן

געוואָרן, בעת דער אייז איז געגאַנגען אין אָנהייב זומער, און איז איצט געלעגן ביים ברעג טייך מיטן דעק אַרויף,—און דעם רויטן באָק, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו אָכצען, מיטנעמען מיט זיך.

ווען מען האָט גענומען שלעפן אַרטעמען איבער דר'ערד צום ברעג, איז ער פון ווייטאָק געקומען אַ ביסל צו זיך, אָבער ער האָט די מינוט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ טויטן, וועט ער דווקא בעסער מאַכן, און ער האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין איין קרעכץ, הגם ער האָט שרעקלאַך געליטן. מען האָט אים געשלעפט, געשאָלטן, געזידלט און איינער פאַרן אַנדערן האָט זיך די חברה באַרימט מיט די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געגעבן דעם גבור. אַרטעם האָט געהערט, ווי מישקאַ וואַווילאָוו האָט דערציילט זיינע חברים, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געזען צו שטורכען אַרטעמען אונטער דער לינקער לאָפּעטקע, כדי דאָס האַרץ זאָל זיך ביי אים אָפּרייסן, און סוכאָפּלויעוו האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט געשלאָגן נאָר איבערן בויך, מחמת ווען מען זאָל ביי אַ מענטשן קאַליע מאַכן די קישקעס — וועט ער קיין שום נוץ ניט האָבן פון זיין עסן, און וויפל ער זאָל ניט אַכלען, וועט ער ניט האָבן קיין כוחות. לאָמאַקין האָט אויך דערקלערט, אַז צוויי מאָל איז ער אַרויפגעשפרונגען מיט די פיס אַרטעמען אויפן בויך. אויף אַזאַ גלענצנדיקן שטייגער האָבן זיך אויסגעפיינט אויך אַלע איבעריקע, און מיט זייער העלדישקייט האָבן זיי זיך באַרימט און גערעדט דערפון די גאַנצע צייט, ביזוואַנען זיי זיינען ניט געקומען צום שיפל און האָבן ניט אַרונטערגערוקט אונטער אים אַרטעמען. ער האָט געהערט אַלע זייערע רייד און אויך געהערט, ווי ביים אַוועקגיין האָבן אַלע אין איין קול באַשלאָסן, אַז איצטער וועט ער, אַרטעם, שוין מער ניט אויפשטיין אויף די פיס.

אָט איז ער געבליבן איינער אַליין, אין דער פינסטער, אויף אַ קופּקע פייכטע מיסט, וואָס די כוואַליעס פון טייך האָבן אָנגעטראָגן אונטער דעם שיפל אין דער צייט, ווען דאָס וואַסער הייבט זיך אויף. די נאַכט איז געווען אַ פרישע, ווי עס טרעפט אין

חודש מאַי, און פון דערדאָזיקער פרישקייט איז אַרטעם ביסלאַכווייז געקומען צו זיך. אָבער ווי ער האָט נאָר געפּרובט אונטערצו־פוזען צום טייך, פלעגט ער ווידער פאַלן אין חלשות פון אַ שרעק־לאַכן ווייטאָק אין גאַנצן לייב. און באַלד פלעגט ער ווידער קומען צו זיך, און האָט אויף דאָס ניי געפילט דעם ווייטאָק, און חוץ דעם אַ שרעקלאַכע דאָרשט. עפּעס אַזוי ווי דער טייך וואָלט זיך געריצט מיט זיין שוואַכקייט, האָט ער זיך שטילערהייט געשלאָגן ביים ברעג, אָט דאָ דערביי גאָר נאָענט לעבן אים. די גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין אַזאַ לאַגע און האָט מורא געהאַט צו קרעכצען און זיך אַ ריר צו טאָן.

אָבער איינמאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, האָט ער דערפילט, אַז מיט אים האָט געשען עפּעס אַ גוטע זאַך, וואָס האָט לייכטער געמאַכט זיין ווייטאָק. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער געעפנט איין אויג און האָט קוים געקענט רירן מיט די צע־האַקטע, אָנגעשוואָלענע ליפּן. עס איז געווען טאָג, ווייל דורך די שפּאַלטן פון שיפל זיינען אַהין געקראָכן שטראַלן פון דער זון־דערנאָך האָט ער מיט צרות אויפגעהויבן די האַנט צום פּנים און האָט דאָרטן דערטאַפּט נאַסע לאַפּנס. לאַפּנס זיינען אויך געלעגן ביי אים אויף דער ברוסט און אויפן בויך. ער איז געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן, און די קעלט האָט פאַרקלענערט זיין ווייטאָק.

„אַ טרונק"... האָט ער אַרויסגערעדט, פאַרשטייענדיק, אַז עמיצער דאַרף זיין לעבן אים. אַ האַנט וואָס האָט בשעת מעשה געציטערט, האָט זיך אויסגעצויגן איבער זיין קאָפּ, און צו אים אין מויל האָט עמיצער אַריינגעשטעקט די העלדזל פון אַ פלאַש. די פלאַש האָט געטאַנצט אין דער האַנט פון דעם, וואָס האָט זי דערלאַנגט, און געהאַקט אַרטעמען איבער די ציינער. ווען אַרטעם האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, האָט ער געוואָלט וויסן, ווער איז דאָ לעבן אים, אָבער ווען ער האָט געוואָלט אַ דריי טאָן דעם קאָפּ, האָט ער דערפילט אַ ווייטאָק אין האַלז. דעמאָלט האָט ער גענומען ריידן, זיך ווערגנדיק מיט יעדן וואָרט:

— בראַנפן... אַ גלעזל אין די גידערים... און אויך אויסשמירן די לייב... דעמאָלט וואָלט איך... אויפגעשטאַנען... אפשר...

— אויפשטיי-יין ? איר טאָרט ניט אויפשטיין. איר זייט אין גאַנצן בלוי און פאַרשוואָלן, ווי אַ דערטרונקענער... אָבער בראַנפן—דאָס קען מען יאָ. בראַנפן איז פאַראַן... איך האָב אַ גאַנ-צע פלאַש מיט בראַנפן...

מען האָט גערעדט שטיל, מיט אַ מין פחד, און זייער שנעל. אַרטעמען איז געווען באַקאַנט דידאָזיקע שטימע, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען, וועמעס דאָס איז געווען, וועלכע פון די פרויען.

— גיב אַהער,—האָט ער געזאָגט

און עמיצער, וועלכער האָט משמעות ניט געוואָלט, אַז יענער זאָל אים זען, האָט אים ווידער דערלאַנגט די פלאַש פון הינטן איבערן קאָפּ. אַרטעם האָט מיט צרות געשלונגען די בראַנפן און מיט איין אויג האָט ער געקוקט אויפן פייכטן און שווארצן דעק פון שיפל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט שוועמלאַך.

ווען ער האָט אויסגעטרונקען מער ווי אַ פערטל פלאַש, האָט ער טיף אָפּגעזיפצט; אים איז געוואָרן לייכטער; מיט אַ כאָרכל אין ברוסט, האָט ער גענומען ריידן אויף אַ שוואַכן קול, אָן שאַטירונגען.

— פיין האָט מען מיך באַאַרבעט... אָבער וואַרט... איך וועל אויפשטיין. שטיי איך אויף.. דעמאָלט—היט זיך...

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, אָבער ער האָט געהערט אַ שאָרך,—אַזוי ווי עמיצער וואָלט פון אים אָפּגעשפּרונגען,—און דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל, נאָר די כוואַליעס האָבן גע-רוישט, און ערגעץ ווייט-ווייט האָט מען געזונגען די „דובינושקע" און געשריען „אוך"—מען האָט משמעות געשלעפּט אַ שווערע משא. נאָכהער האָט אַ שנייד געטאָן מיט אַ מאָדנעם פּיסק דער פייפל פון אַ דאַמפער; דער פייפל האָט זיך תיכף אָפּגעהאַקט, און אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום האָט ער גענומען וואָיען מרה-שחורהדיק, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויף אייביק געזעגנט מיט דער ערד...

אַרטעם האָט לאַנג געוואַרט, מען זאָל אים וואָס ענטפערן אויף זיינע ווערטער, אָבער שטיל איז געווען אונטער דעם שיפל, און זיין שווערער דעק, דורכגעווייקט מיט אַ פאַרפוילטער גרינקייט,

איז געהאַנגען און האָט זיך געוויגט ביי אים איבערן קאָפּ, האָט זיך געהויבן און אַרונטערגעלאָזן, אַזוי ווי דער דעק וואָלט זיך לאַנגזאַם געצילעוועט און ענדלאַך געוואָלט מיטאַמאָל אַרויפפאַלן אויף אים און אים צעקוועטשן צום טויט.

אַרטעם האָט אויף זיך אַליין רחמנות געקראָגן. אים איז עפּעס מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער איז הילפלאָז ווי אַ קליין קינד, און אין דערזעלביקער צייט האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזאַ. אים, אַזאַ שטאַרקן, אַזאַ שיינעם, און מען זאָל מאַכן פאַר אַ קאַליקע, צערייסן דעם פּנים!.. מיט די שוואַכע הענט האָט ער גענומען באַטאַפּן די ביילן און די געשווילאַכטס ביי זיך אויפן געזיכט און אויף דער ברוסט, און דערנאָך האָט ער זיך מיט ביטערקייט אויסגעזידלט און פונאַנדערגעוויינט. ער האָט געשלוכצעט, געצויגן מיט דער נאָז, זיך געזידלט, און קוים מאַכנדיק מיט די ברעמען, האָט ער מיט זיי אַרויסגעקוועטשט די טרערן, וואָס האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן. די גרויסע און זודיקע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער די באַקן, גערונען צו אים אין די אויערן... און ער האָט געפילט, אַז פון די טרערן רייניקט זיך עפּעס אויס ביי אים אינעווייניק.

— גוט!... וואַרט נאָר!... האָט ער געשעפּטשעט מיט אַ געוויין.

און פּלוצלונג האָט ער דערהערט, אַז גאָר נאָענט פון אים, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אים איבערגעקרימט, הערט זיך אויך אַ פאַרשטיקטער געוויין מיט אַ שעפּטשען.

— ווער איז דאָס?—האָט ער געפרעגט שטרענג, הגם ער גופא האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן.

קיין ענטפער האָט ער ניט געקראָגן.

דעמאָלט האָט אַרטעם צונויפגענומען אַלע זיינע כּוחות, זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט, אַרויסגעלאָזן פון ווייטאָק אַ ווילדן געשריי ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, זיך אַ ביסל אויפגעהויבן אויף די עלנבויגנס און אין דער פינסטער האָט ער דערזען אַ קליינע פיגור, וואָס איז געזעסן ביים ברעג שיפּל, צונויפגענומען אין אַ קנויט. דערדאָזיקער מענטש האָט געהאַלטן זיינע קני אַרומגענומען מיט די לאַנגע און דינע הענט, דעם קאָפּ צוגעדריקט צו

די קני, און זיינע פּלייצעס האָבן געציטערט. אַרטעמען האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דאָס זיצט אַ יונגער בחורל...

— קום אַהער! — האָט ער געזאָגט.

אָבער יענער האָט ניט געפאָלגט און ניט אויפגעהערט צו טרייסלען זיך ווי אין קדחת. פון ווייטאָק און פון שרעק פאַר דער אומבאַקאַנטע פיגור איז אַרטעמען פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ ווילדן קול:

— קו־ום!.

און פון ווינקל האָט זיך געגעבן אַ שאָט אַ גאַנצער האָגל מיט ווערטער, וואָס דער מענטשל האָט זיך געאיילט אַרויסצורייידן מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— וואָס פאַר אַ רעה האָב איך אייך געטאָן? פאַרוואָס שרייט איר אויף מיר? איך האָב אייך דען ניט אויסגעוואַשן מיט וואַסער, און ניט געשטילט אייער דאָרשט, און ניט געגעבן אייך בראַנפן? איך האָב דען ניט געוויינט, ווען איר האָט געוויינט, און ניט געפילט אַ ווייטאָק, ווען איר האָט געקרעכצעט? אָ, גאָט מיין גאָט! אַפילו ווען איך טו אַ מענטשן גוטס, האָב איך דערפון אויך נאָר צרות! וואָס פאַר אַ רעה האָב איך אייך געטאָן, אייער נשמה און אייער לייב? וואָס פאַר אַ רעה קען איך אייך טאָן — איך! איך! איך!

און דער מענטש האָט איבערגעריסן זיינע רייד, זיך פונאַנ־דערגעוויינט הויך אויפן קול, איז אָבער באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ און גענומען זיך שאָקלען רעכטס און לינקס, זיצנדיק אויף דער ערד.

— קין! דאָס... דו ביסט דאָס!

— נו, וואָס איז? דאָס בין איך!

— דו? נו, נו! דאָס אַלץ — דו האָסט דאָס דאָדערט? אַי־אַי! דו קום נאָר אַהער. נו, נאַר אײנער!

אַרטעם האָט ניט דערוואַרט אַזאַ באַגעגעניש און האָט זיך פאַרלאָרן, אָבער אינדערזעלביקער צייט האָט ער דערפילט, אַז אין אים האָט זיך אָנגעצונדן אַ מאָדנע שימחה. ער האָט זיך אַפילו פונאַנדערגעלאַכט, ווען ער האָט דערזען, ווי דער ייד פּרוּוועט צו

אים אויף אַלע פיר מיט ניט־זיכערע טריט, און ווי עס ווינקען ביי אים, אָפּט־אָפּט און מיט אַן אויסדרוק פון שרעק, די קליינע אויגעלאַך אויפן מיאוסן פּנים, וואָס איז אַרטעמען געווען באַקאַנט אַזאַ לאַנגע צייט.

— גיי, האָב קיין מורא ניט! איך שווער דיר מיט גאָטס נאָמען, אַז איך וועל דיר ניט אָנרירן! — האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו דערמונטערן דעם יידן.

קין האָט צוגעפּויזעט צו זיינע פיס, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן אויף זיי מיט אַזאַ רחמנות־שמייכל, פּונקט ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז אָט־אָט צעטרעטן די פיס זיין קערפּער, וואָס איז אויסגעדאַרט געוואָרן פון שרעק.

— נו!.. אָט וואָס דו קענסט! און דאָס אַלץ האָסטו געטאָן? ווער האָט דיר געשיקט—אַנפּיסע?—האָט זיך נאָכגעפרעגט אַרטעם, קוים רירנדיק מיטן צונג.

— איך בין אַליין געקומען!

— אַליי־יין? זאָגסט אַ ליגן!

— איך זאָג ניט קיין ליגן?—האָט קין שנעל גענומען שעפּטשען.—איך בין אַליין געקומען—איך בעט אייך—גלויבט מיר! איך וועל דערציילן, ווי אַזוי איך בין געקומען. אָט הערט—איך האָב זיך דערפון דערוואוסט אין גראַבילאָוועקע... איך טרינק טיי און הער: אַרטעמען האָט מען ביינאַכט דערהרגעט צום טויט. איך גלויב ניט—פּכע! ווי קען דאָס זיין, אַז אייך זאָל מען דערהרגענען צום טויט? איך לאָז זיך אונטער די וואָנצן. אָ, קלער איך ביי זיך, איר נאַרישע מענטשן! דערדאָזיקער מענטש איז—ווי שמשון־הגבור, און ווער פון אייך קען אים צו שטייער קומען? אָבער מען קומט אַלץ צו גיין און מען זאָגט: געממיתט, געממיתט! און מען זידלט אייך, און מען לאַכט... אַלעמען טוט הנאה... און איך האָב גענומען גלויבן... און האָב זיך דערוואוסט, אַז איר זייט דאָדערט... מען איז שוין געקומען אַהער קוקן אויף אייך און מען האָט געזאָגט, אַז איר ליגט טויט... איך בין אַוועק און געקומען און האָב אייך דערזען... איר האָט געקרעכצעט, ווען איך בין דאָדערט געשטאַנען. איך האָב געקוקט אויף אייך און ביי זיך געקלערט —

דעם שטאַרקסטן מענטשן אויף דער וועלט — און אַט האָט מען אים אַוועקגעהרגעט!.. אַזאַ קראַפט, אַזאַ קראַפט!... איך האָב אויף אייך, האָט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט, רחמנות געקראָגן! איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז מען דאַרף אייך אַרומוואַשן מיט וואַסער... און איך האָב דאָס טאַקע געטאָן, און פון דאָס האָט איר גענומען צו זיך קומען... איך בין געוואָרן מלא שמחה... אָך, ווי איך האָב מיך דאָס געפרייט!... איר גלויבט מיר ניט, וואָס? דערפאַר, וואָס איך בין — אַ זשיד? יאָ? ניין אָבער, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר גלויבן.. איך וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס איך האָב זיך דערפרייט און וואָס איך האָב ביי זיך געטראַכט... איך וועל זאָגן דעם אמת... איר וועט ניט ווערן אין כעס אויף מיר?

— אָט האָסטו מיין צלם! אַ דונער זאָל מיך דערשלאָגן! — האָט זיך גענומען שווערן איבער די כוחות דער צעשלאָגענער גבור.

קין האָט זיך צוגערוקט צו אים נאָך נעענטער און נאָך מער אַרונטערגעלאָזן זיין שטימע.

— איר ווייסט, ווי גוט עס איז מיר צו לעבן? איר ווייסט דאָס, יאָ? איך האָב דען, זייט מוחל, ניט געליטן פון אייך קיין קלעפּ? און איר האָט דען ניט אָפּגעלאַכט פון דעם פאַרכאַטן זשיד? וואָס? דאָס איז ניט אמת? אַ! האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס איך זאָג אייך דעם אמת, איר האָט זיך דאָך געשוואָרן. זייט ניט אין כעס! איך זאָג נאָר, אַז איר, ווי אַלע איבעריקע מענטשן, האָבן גערודפט דעם זשיד... פאַרוואָס? אַ? אַ? איז דען אַ זשיד ניט דער זון פון אייער גאָט, און דען ניט איין גאָט האָט געגעבן אַ נשמה אייך און אים?

קין האָט זיך געאיילט, געוואָרפן איין קשיה נאָך דער אַנדערער, ניט וואַרטנדיק אויף קיינע תירוצים: — אין אים האָבן מיטאַמאָל גענומען זידן די אַלע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט פאַרצייכנט ביי זיך אין האַרצן די אויסגעשטאַנענע קריוודעס און באַליידיקונגען; איצטער האָבן זיי אַלע אין אים אויפגעלעבט און אָט האָבן זיי זיך געגאָסן פון זיין האַרצן ווי אַ הייסער פאָנטאַן. אַרטעם האָט זיך געפילט אַזוי ווי שולדיק פאַר אים.

— הער נאָר, קין, —האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול, רייד ניט דערפון! אין וועל דיך... אויב איך וועל דיך פון איצט מאָל אָן אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער... אָדער אַן אַנדערער — וועל איך צעהאַקן אויף שטיקער! האָסט פאַרשטאַנען?

— אַהאַ! —האָט קין אַ געשריי געטאָן מיט ניצחון און פון התלהבות האָט ער געגעבן אַפילו אַ שמאָקץ מיטן צונג — אָט זעט איר! איר האָט זיך פאַר מיר פאַרזינדיקט... זייט מוחל! ביי־זערט זיך ניט אויף מיר דערפאַר, וואָס איר ווייסט, אַז איר האָט זיך פאַר מיר פאַרזינדיקט! איך זאָג, אַז ניט, אָבער איך ווייס דאָך, אָ! איך ווייס, אַז איר זייט שולדיק ווינציקער פון די אַנ־דערע!... איך פאַרשטיי דאָס! זיי אַלע שפּייען נאָר אויף מיר מיט. זייערע פּאַסקודנע שפּייאַכץ, אָבער איר שפּייט אויף מיר און אויף זיי אַלעמען! איר האָט אַ פולע אַנדערע באַליידיקט ערגער פון מיר... איך האָב דעמאָלט געטראַכט ביי זיך — אָט דער שטאַרקער מענטש שלאָגט מיך און באַליידיקט מיך ניט דערפאַר, וואָס איך בין אַ זשיד, נאָר דערפאַר, וואָס איך—אַזוי ווי זיי אַלע, בין ניט בעסער פון זיי און לעב צווישן זיי... און... אַלעמאָל האָב איך מורא געהאַט פאַר אייך און אייך האָלט געהאַט. איך האָב אויף אייך געקוקט און געטראַכט, אַז איר וואָלט אויך געקענט צערייסן מיט די הענט אַ לייב און אויסהרגענען די פּלשתּים... איר האָט זיי געשלאָגן... און איך האָב האָלט געהאַט צו קוקן, ווי אַזוי איר האָט דאָס געטאָן... און מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיין שטאַרק, אָבער איך בין ווי אַ פליי...

אַרטעם האָט זיך הייזעריק פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט דאָס האָסטו אַן אמת געזאָגט—טאַקע ווי אַ פליי!..

דאָס וואָס קין האָט צו אים גערעדט, האָט ער כמעט ניט פאַרשטאַנען, אָבער עס האָט אים געטאָן הנאה, וואָס די קליינ־טשינקע פיגור פון יידן געפינט זיך לעבן אים. און בעת קין האָט געשעפּטשעט אַן אויפגערעגטער, האָבן זיך ביי אים אין קאָפּ צונויפגעשטעלט פאַמעלאַך אייגענע רעיונות:

„וויפל איז איצט דער זייגער? עס מוז שוין זיין מיטאָג־

צייט און קיין איינע קומט ניט צו גיין מבקר חולה זיין דעם ליבן פריינד... און אָט דער זשיד איז געקומען... האָט אויסגעהאָלפן, זאָגט—איך האָב אייך האָלט, און איך האָב אים באַליידיקט צייטנ־ וויז... לויבט מיין גבורה... וועט זי צו מיר ווען עס איז קומען צוריק? גאָטעניו, אויב זי וואָלט נאָר קומען צוריק."

אַרטעם האָט שווער געזיפצט און זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער האָט צעהרגעט זיינע שונאים און זיי ליגן, אָנגעשוואָלענע, אָט אַזוי ווי ער. און זיי אויך, אַזוי ווי ער, ווען זיך וואַלגערן אָן כוחות ערגעץ אויף דר'ערד... אָבער צו זיי וועלן קומען צו גיין אייגענע מענטשן, חברים, און ניט אַ זשיד...

אַרטעם האָט אַ קוק געטאָן אויף קינען, און עס האָט זיך אים באַוויזן, אַז פון די רעיונות איז אים ביטער געוואָרן אין גאָרגל און אין מויל. ער האָט אויסגעשפיגן און שווער אָפּגע־ זיפצט.

און קין האָט אַלץ גערעדט, שרעקלאַך אויפגערעגט; פון אויפרעגונג איז ביי אים פאַרקרימט געוואָרן די צורה און דער גאַנצער לייב האָט זיך געטרייסלט.

— און ווען איר האָט גענומען ווייגען... האָב איך זיך אויך פונאַנדערגעוויינט... אַזוי שטאַרק האָט דאָס מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר אייער גבורה...

— און איך ליג און קלער, ווער קרימט דאָס מיך איבער? — האָט אַרטעם אויסגערעדט מיט אַ פינסטערן שמייכל.

— איך האָב אַלעמאָל האָלט געהאַט אייער גבורה... און איך האָב געבעטן גאָט: דו אייביקער גאָט אונזערער, אין הימל און אויף דער ערד און אין די העכסטע און וויטסטע הימלען! זאָל זיך אַמאָל מאַכן, אַז איך זאָל צוניץ קומען אָט דעם אָ שטאַרקן מענטשן! הלוואַי זאָל איך זיך מיט וואָס ניט איז אויספיינען פאַר אים, און זיין גבורה זאָל זיך מיר אַוועקשטעלן פאַר אַ שומר! מאַך, אַז איך זאָל דורך איר פאַרהיט ווערן פון די רדיפות, און די וואָס יאָגן מיך, זאָלן גיין פאַרלאָרן פון דערדאָזיקער גבורה! אַזוי האָב איך מתפלל געווען... און לאַנג האָב איך געבעטן מיין

גאָט, אַז ער זאָל מיין שטאַרקסטן שונא מאַכן פאַר אַ מליץ יושר פאַר מיר, אַזוי ווי ער האָט מרדכין געגעבן פאַר אַ באַשיצער דעם קיסר, וועלכער האָט מנצח געווען אַלע פעלקער... און אַזוי האָט איר געוויינט, און איך האָב געוויינט... און מיטאַמאָל האָט איר אויף מיר אַ געשריי געטאָן, און אַלע מיינע תפילות זיינען פאַרפאַלן געוואָרן...

— איך האָב דען געוואוסט, וואָס?... דו מאָדנער מענטש...— האָט זיך אַרטעם פאַרענטפערט און אַ שמייכל געטאָן.

אָבער קין האָט על כל פנים קוים געהערט, וואָס יענער האָט געזאָגט. ער האָט זיך געשאָקלט, געמאַכט מיט די הענט און ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען מיט התלהבות, און אין זיינע רייד האָבן געקלונגען אַלערליי געפילן: אי שמחה, אי בטחון, אי אַ פאַרגעטערונג פון דער גבורה פון דעמדאָזיקן צעקאַליעטשעטן מענטשן, אי מורא, אי אַ שרעקלאַכער אומעט...

— מיין טאָג איז געקומען, און אָט בין איך איינער אַליין לעבן אייך... אַלע האָבן אייך אַוועקגעוואָרפן, און איך בין געקומען... איר וועט דאָך געזונט ווערן, אַרטעם? דאָס איז פאַר אייך קיין גרויסע סכנה ניט? און אייער גבורה וועט צו אייך קומען צוריק?

— איך וועל אויפשטיין... דאגה ניט... און דיך פאַר דיין גוט האַרץ וועל איך באַהיטן, ווי אַ קליין קינד...

אַרטעם האָט געפילט, אַז ביסלאַכווייז ווערט אים בעסער — דער לייב טוט ניט וויי אַזוי שטאַרק און אין קאָפּ איז ביי אים קלאָרער. מען דאַרף זיך אָננעמען פאַר קינען — וואָס טאַקע אין דער אמתן? אָט סאַר אַ גוטער ער איז, סאַר אַ אָפענע האַרץ ער האָט — רעדט אָפן, גלייך אין פנים אַריין, מיט אַ פולן מויל. ווען דער געדאַנק איז אַרויף אַרטעמען אין מוח, האָט ער פּלוצלונג געגעבן אַ שמייכל — שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער האָט עפּעס געוואָלט און אָט איצטער האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז געווען.

— עסן וויל איך דאָס... הער נאָר, קין, אפשר איז אַ סברה, אַז דו זאָלסט מיר קריגן עפּעס צום עסן?

קין איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ער האָט זיך שיר ניט צעפּלעט דעם קאָפּ אָן דעם באַלקן פון שיפל. זיין געזיכט איז עפּעס גאָר אַן אַנדערע געוואָרן — עס האָט זיך דאָרטן באַוויזן דער אויסדרוק פון קראַפט און אין דער־זעלביקער צייט אַ מאָדנע העלקייט ווי ביי אַ קינד. אַרטעם, אַט דער אָ גבור, וואָס מען געפינט נאָר אַזעלכע אין די בבא־מעשיות בעט עסן ביי אים, ביי קינען!

— איך וועל פאַר אייך מאַכן אַלץ, אַלץ! עס איז שוין אָנ־געגרייט אָט דאָדערט, אין ווינקל! איך האָב זיך אָנגעשפּייזט... איך ווייס, ווען עמיצער איז קראַנק, מוז ער עסן.. נו, יאָ! או ווען איך בין אַהער געגאַנגען, האָב איך אויסגעגעבן אַ גאַנצן רובל.

— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען! איך וועל דיר אָפּגעבן צען... איך קען דאָס אויספירן... ניט מיין געלט... כ'וועל זאָגן — גיב! און מען וועט געבן...

און ער האָט זיך גוטהאַרציק פונאַנדערגעלאַכט, און פון דעם געלעכטער האָט קין נאָך מער גענומען שיינען און האָט אַפילו אַ לאַך געטאָן.

— איך ווייס... זאָגט נאָר, וואָס איר ווילט? איך וועל טאָן אַלץ, אַלץ...

— אַ... אָט זעסטו... אויב עס איז שוין יאָ אַזוי... טאָ שמיר מיך אויס מיט בראַנפן! עסן גיב מיר ניט, נאָר אַפריער שמיר אויס... קענסט דאָס?

— און פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען? ווי דער בעסטער דאָקטאָר וועל איך מאַכן!

— גוט! ווי דו שמירסט מיך אויס, שטיי איך באַלד אויף.

— איר וועט אויפשטיי־יין? אָך, ניין, איר קענט ניט אויפ־שטיין!..

— איך וועל דיר באַווייזן, אַז איך קען יאָ! וואָס מיינסטו, איך וועל דאָרטן בלייבן נעכטיקן? דו מאָדנער מענטש... בעסער שמיר מיך אויס און כאַפּ זיך אַריבער אין פאַרשטאָט צו דער קוכן־בעקערין מאַקיעוונע... און זאָג איר, אַז איך וועל זיך צו איר

אין הויף אַריבערקלייבן וואוינען, אין שייער, וואו זי האַלט האָלץ... זאָל זי מיר דאָרטן אויסבעטן אויף שטרוי. ביי איר וועל איך זיך אויסליגן... אָט! פאַר אַלץ וועל איך דיר באַצאָלן... האָב קיין מורא ניט!

— איך גלויב, — זאָגט קין, אָנגיסנדיק בראָנפן אַרטעמען אויפן ברוסט. — איך גלויב אייך מער ווי זיך אַליין... אַך, איך קען אייך!

— או־או! רייב, רייב... נישקשה, זאָל ווי טאָן... רייב כסדר... אַ־אַ־אַ!... אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי—האָט געברומט אַרטעם. .

— איך וועל פאַר אייך גיין אין וואַסער, — ערקלערט זיך קין אין ליבע.

— אַזוי, אַזוי, אַזוי... די פלייצקע, די פלייצקע רייב... אַך, טייוולאָנים! ווי זיי האָבן מיך דאָס צעביגלט! און אַלץ איז די ווייבל שולדיק. אויב די ווייבל וואָלט זיך ניט אונטערגעדרייט, וואָלט איך געווען ניכטער... און ווען איך בין ניכטער—פּרוביר נאָר קריכן צו מיר!

קין איז שוין אַריין אין דער ראָלע פון אַ דינער און האָט ערקלערט:

— אָ, די פרויען! דאָס זיינען אַלע עבירות פון דער וועלט... ביי אונז, יידן, איז אַפילו פאַראַן אַ באַזונדערע תפילה, וואָס מען זאָגט אינדערפרי: געלויבט ביסטו גאָט, אונזער גאָט, דער קיניג פון דער וועלט, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך ניט באַשאַפן אַ פרוי...

— נו? טאַקע? האָט אַ געשריי געטאָן אַרטעם.—אָט אַזוי טאַקע, גאָר אָן חכמות, לויבט איר גאָט? אָט ס'אַר אַ מאָדנע מענטשן איר זייט... וואָס איז זי דען פאַר אַ ווערד, די פרוי? זי איז מערניט ווי אַ נאַר... אָבער אָן איר קען מען אויך ניט אויסקומען... מען זאָל אָבער לויבן גאָט דערפאַר... דאָס איז ניט קיין פיינקייט פון אייך... ווי זאָל איר דאָס ניט פאַרדריסן, דער פרוי, מיין איך! זי האָט דאָך עפּעס אויך אַ געפיל...

ער איז געלעגן, גרויס ווי אַ באַרג, און האָט זיך ניט גע־רירט מיט קיין אבר; די געשווילאַכטס האָט אים געמאַכט נאָך גרעסער ווי ער איז געווען, און קין, דער קליינער און דאַרער

נפש, האָט זיך געדרייט אַרום אים און פאַרלאָרן די כּוחות אים איינרייבנדיק די זייטן, די ברוסט, דעם לייב, און האָט נאָכאַנאַנד געהוסט פון דעם שטאַרקן ריח פון די בראַנפן.

איבערן ברעג טייך זיינען איטלאַכע מינוט פאַרבייגעגאַנגען מענטשן, עס האָבן זיך געהערט טריט און קולות. דאָס שיפל איז געלעגן ביי אַ זאַמדיקן משופּעדיקן בערגל, מער פון איין אייל די הייך, און פון אויבן האָט מען דאָס געקענט זעען נאָר פון סאַמע עק באַרג. דער שמאָלער פּלאַץ צווישן דעם שיפל און דעם טייך איז געווען באַדעקט מיט זאַמד, מיט שפּענדלאַך און מיט מיסט. אונטערן שיפל איז נאָך געווען בלאָטיק. היינט אָבער האָט זי עפּעס טשיקאַווע אינטערעסירט מענטשן. קין און אַרטעם האָבן באַמערקט, ווי נאָכאַנאַנד גייט מען פאַרביי, ווי מען זעצט זיך אויפן דעק, ווי מען קלאַפּט מיט די פיס אין די זייטלאַך... אויף קינען האָט דאָס שלעכט געווירקט. ער האָט אויפגעהערט צו ריידן און זיך דרייענדיק אַרום אַרטעמען, האָט ער געשמייכלט, און אין זיין שמייכל איז געלעגן רחמנות און שרעק.

— איר הערט?

— איך הער, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער גבור צופרידענערהייט.—איך פאַרשטיי... זיי ווילן דערגיין, ווען איך וועל ווידער באַקומען צוריק מיין כּוח... זיי דאַרפן דאָך דאָס וויסן... די ביינער זייערע אָנצוגרייטן... כאַ־כאַ! שדים! זיי פאַרדריסט מן הסתם, וואָס איך בין ניט געפּגרט... זייער אַרבעט איז איצט אַרויסגעוואָרפן...

— איר ווייסט וואָס?—האָט אים קין געזאָגט שטיל אויפן אויער, מיט דער מינע פון אימה און התראה.—איר ווייסט? אָט וועל איך איצט אַוועק און איר וועט פאַרבלייבן איינער אַליין... און זיי וועלן דעמאָלט קומען צו אייך און... און...

אַרטעם האָט געעפנט דאָס מויל און זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט אויף אַ הייזעריקן קול.

— אַך, דו... צורה מיאוסע! דו מיינסט, הייסט דאָס, אַז זיי האָבן דאָס פאַר דיר מורא, וואָס? אַך דו איינער!

— אַ! אָבער איך קען זיין אַן עדות!

— זיי וועלן דיך מכבד זיין!... כאַ־כאַ־כאַ! אַט דעמאָלט גיי זאָגן עדות!... אויף יענער וועלט!—

קינס שרעק איז פאַריאָגט געוואָרן מיט אַרטעמס געלעכטער און דעם פּלאַץ פון שרעק האָט פאַרנומען אין דער שמאָלער איינגעפאַלענער ברוסט פון דעם יידן אַ שטייפע און פריילאַכע זיכערקייט. איצטער וועט זיין לעבן אַוועק אויף אַן אַנדער דרך, איצטער איז ביי אים פאַראַן אַ מעכטיקע האַנט, וואָס וועט שטענדיק אָפּפירן פון אים די קלעפּ און די אומגערעכטיקייטן פון די מענטשן, וועלכע האָבן אים געפּאַטערט, ווייל זיי האָבן ביזאַהער ניט מורא געהאַט פאַר קיין שום שטראָף.

עס איז פאַרביי בקרוב אַ חודש.

איינמאָל נאָכמיטאָג, אין אַ צייט, ווען דאָס לעבן אין שיכאַן ווערט מאָדנע אָנגעשמירענגט, ווערט עפּעס געדיכטער און קאָכט אויף, ווען אַרום די פאַרקויפער פון עסנוואַרג שטייען גרויסע רעדלאַך אַרבעטער פון די שיפן און פון האַפן מיט ליידיקע מאָגנס און הויך אויפן קול, איבערשרייענדיק איינער דעם צווייטן, פאָדערן זיי עסן, און די גאַנצע גאַס פילט זיך אָן מיטן וואַרימען ריח פון געקאָכטע פלייש, — אין דער צייט האָט עמיצער מיט אַ האַלבן מויל אָגעשריי געטאָן:

— אַרטעם גייט!

עטלאַכע אָפּגעריסענע באָסיאַקעס, וועלכע האָבן זיך אַרומגעשלעפּט פוסט און פּאַס איבערן גאַס, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ כשרע מציאה, זיינען ערגעץ נעלם געוואָרן. די תושבים פון שיכאַן האָבן אומרואיק און נייגעריק אַ קוק געגעבן מיט אַ קרומען אויג אין דער זייט, פונוואַנען עס האָט זיך דערהערט די התראה.

אויף אַרטעמען האָט מען שוין לאַנג געוואַרט; אין זיין קומען איז מען געווען טיף אַריינגעטאָן און מיט היץ האָט מען גערעדט מכוח דעם, ווי אַזוי ער וועט אויסזען דעם ערשטן מאָל.

פונקט ווי אַלעמאָל איז אַרטעם געגאַנגען אינמיטן גאַס רואיק און פאַמעלאַך און אַזוי ווי עס גייט אויף אַ שפּאַציר אַ זאַ-

טער מענטש; זיין אויסזען איז אויף אַ האָר ניט פאַרענדערט גע-וואָרן. ווי אַלעמאָל איז דער יאַק ביי אים געהאַנגען אויף איין פּלייצע, דאָס היטל איז געווען פאַרריסן אָן אַ זייט... און די שוואַרצע לאָקן האָבן זיך צעשאָטן איבערן שטערן. אויך ווי אַלע-מאָל; דעם גרויסן פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט ער אַריינ-געשטעקט אין גאַרטל, די לינקע האַנט איז געלעגן טיף אַריינ-געדרוקט אין דער הויזן-קעשענע, און די גבורשע ברוסט האָט זיך אויסגעשטעלט פאָראויס. נאָר אין זיין שיינעם געזיכט איז געלעגן מער שכל ווי פריער — דאָס איז געוויינטלאַך די מעשה מיטן מענטשן, ווען ער שטייט אויף פון אַ קראַנקן-בעט. ער איז געגאַנ-גען און האָט געענטפערט אויף די „גוט-מאָרגנס" פויל שאָקלענ-דיק מיטן קאָפּ.

די גאַנצע גאַס האָט אים באַגלייט מיט די אויגן און מען האָט זיך פּשוט ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דערדאָזיקער גבורה, וואָס קען גאָר ניט צעבראָכן ווערן און האָט אַזוי לייכט אַריבער-געטראָגן קלעפּ. אין גאַס זיינען געווען אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן מיט רישעות גערעדט פון זיין געזונט ווערן; מיט פאַראַכטונג האָבן זיי געזידלט די חברה, וואָס האָט אַרטעמען ניט אָפּגעשלאָגן די לונגען און ניט איבערגעבראָכן די ביינער. ווי קען דאָס זיין, אַז עס זאָל זיך געפינען אַ מענטש אויף דער וועלט, וועמען מען זאָל גאָרניט קענען פּטרן אויף טויט!... אַנדערע ווידער האָט די גע-שיכטע הנאה געטאָן און זיי האָבן געזען צו טרעפן, ווי אַזוי דער גבור וועט זיך אָפּרעכענען מיטן רויטן באָק און יענעמס חברים. וואָס מעכטיקער עמיצנס קראַפט איז, פאַרבלענדט זי אַלץ מער די אויגן, און דער גרעסטער טייל פון עולם איז געווען פאַרכישופט פון אַרטעמס קראַפט.

און אַרטעם איז דערווײַלע אַריין אין „גראַבילאָוועקע"—דעם קלוב פון שיכאַן.

ווען זיין הויכע און מעכטיקע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון טראַקטיר, זיינען ווייניק געסט געווען אין לאַנגן צימער מיטן נידעריקן האַלב-קיילאַכדיקן באַלקן, אויסגעלייגט פון ציגל. ווען אַרטעם איז אַריין, האָבן זיך דערהערט צוויי-דריי גע-

שרייען, עס איז געוואָרן עפּעס אַ רוקעניש און אַ דרייעניש אין עמיצער האָט זיך ווי אַ קאַץ אַ וואָרף געטאָן אין ווייטן ווינקל פון דערדאָזיקער גרוב, וואו עס האָט געפונען פון די ווענט, וואו די לופט איז געווען פול מיטן עיפּושדיקן רויך פון וואָלוועלן טאַבאַק, און וואו יעדע ברעקעלע איז געווען דורך און דורך פאַרשימלט און פאַרבלאָטיקט.

אַרטעם האָט קיינעם ניט געוואָלט באַמערקן. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן איבערן טראַקטיר און ווען דער שיינקער סאַווקע כליעבניקאָוו האָט אים פריינדלאַך געגריסט, האָט ער געענטפערט אויף יענעמס גוט-מאָרגן מיט דער פראַגע:

— קין איז ניט געווען?

— דאַרף באַלד זיין... זיין צייט איז נאָענט.. אַרטעם איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי איינעם פון די פענסטער מיט אייזערנע גראַטקעס, האָט באַשטעלט טיי, אַוועקבעלייגט אויפן טיש זיינע ריזיקע הענט און גענומען גלייכגילטיק קוקן אויפן עולם. אין טראַקטיר זיינען געווען אַ מאַן צען, אַלץ באָסיאַקעס; זיי זיינען געשטאַנען אין אַ רעדל לעבן צוויי טישן און פון דאָרטן האָבן זיי געלויערט אויף אַרטעמען. ווען זייערע אויגן פלעגן באַגעגענען די אויגן פון שיינעם יונג, פלעגט ביי דער חברה ווערן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן און זיי פלעגן אָנהייבן צו שמייכלען מיט אַ רחמנות פּנים; עס איז געווען קאָנטיק, אַז זיי האָבן געוואָלט אַריינטרעטן מיט אַרטעמען אין אַ שמועס, אָבער יענער האָט אויף זיי געוואָרפן אַ שווערן פינסטערן קוק. און אַלע האָבן געשוויגן און ניט געהאַט די העזה אָנצופאַנגען מיט אים צו ריידן. כליעבניקאָוו איז געווען פאַרנומען הינטערן בופעט מיט זיינע פלעשלאַך און גלעזלאַך און זינגענדיק אונטערן נאָז עפּעס אַ לידל, האָט ער געקוקט אַרום זיך מיט אויגן פון אַ פוקס.

פון גאַס האָט זיך געגאָסן אין די פענסטער אַ הילכעדיקער געפּילדער; עס האָט זיך געהערט, ווי מען האָט זיך דאָרטן געזידלט און געשאָלטן מיט אָפּגעוואַשענע קללות, ווי מען האָט זיך געשוואָרן, ווי הענדלער האָבן געשריען. ערגעץ גאָר נאָענט איז מיט אַ בריאַזג אַראָפּגעפאַלן אַ פלאַש און האָט זיך צעבראָכן אויף

די שטיינער. אַרטעמען איז געוואָרן אומעטיק אין דעם פאַר־שטיקטן שענק...

— נו, איר ווײלף,—האָט ער מיטאַמאָל געגומען ריידן הויך און ציענדיק די ווערטער. — וואָס זייט איר שטיל געוואָרן? רייסן די אויגן און שווייגן... —

— ריידן קענען מיר אויכעט, אייער שטרענגע עקסעלענץ!— האָט געזאָגט דער אָפּגעשמיסענער חתן, זיך אויפהויבנדיק פון זיי־ אָרט און איז צוגעגאַנגען צו אַרטעמען.

דאָס איז געווען אַ דאַר מענטשל אין אַ פּאַרוסינעוון יאַק און זעלנערישע הויזן, אַ פּליכעוואַטער, מיט אַ שפּיציק בערדל מיט קליינע רויטע אויגן, וואָס האָבן געווינקט מיט אַ בייזן גלאַנץ.

— מען זאָגט, אַז דו ביסט געווען קראַנק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, זיך זעצנדיק אַנטקעגן אַרטעמען.

— נו?

— גאָרניט... מען האָט דיך אַ צייט ניט געזען... וויפל מאָל האָב איך זיך נאָכגעפרעגט נאָך דיר: וואו איז דאָס אַרטעם אַהינ־ געקומען? הערסט, עס האָט זיך אים גאָר פאַרוואָלט צו קרענקען!

— אַזוי... נו?

— נאָכאַמאָל... נו? לאָמיר פאָרן ווייטער... וואָס האָט דיר ווי געטאָן?

— און דו ווייסט ניט?

— איך בין דען געווען דיין דאָקטאָר?

— און אַלץ וואָס דו זאָגסט איז ליגן, דו הונט איינער,— האָט געזאָגט אַרטעם מיט אַ קרומען שמייכל. צו וואָס לייגסטו? דו ווייסט דאָך דעם אמת?

— אוודאי ווייס איך—האָט געזאָגט דער אָפּגעשמיסענער חתן אויך מיט אַ קרומען שמייכל.

— פאַרוואָס־זשע זאָגסטו אַ ליגן?

— אַ ליגן איז קליגער, אַזוי קומט ביי מיר אויס...

— קליגער! אַזוי, דו מענטש איינער! ... אַ גאָרנישט ביסטו!

— יאָ... מען זאָל דיר זאָגן דעם אמת, קענסט נאָך אין כעס ווערן; אַ קשיה אויף דיר...

— שפייען וויל איך אויף דיר!

— אַדאַנק כאַטש דערפאַר! און מיט אַ גלעזל בראַנפן וועסט דאָס מיך גאָרניט מכבד זיין פון שימחה, וואָס דו ביסט געזונט געוואָרן?

— הייס דערלאַנגען...

דער חתן האָט באַשטעלט אַ האַלבע פלעשל בראַנפן און איז גאָר אַ לעבעדיקער געוואָרן.

— ס׳אַר אַ לייכטן לעבן דו האָסט דאָס, אַרטעם!... תמיד האָסטו געלט...

— נו, וואָס איז?

— גאָרניט... די פרויען העלפן דיר אויס!... פאַרפלוכט זאָלן זיי ווערן!

— און אויף דיר קוקן זיי ניט.

— ווי קומען מיר צו דיר. מיר וואָלטן געהאַט זיילבע פיס ווי דיינע, וואָלטן מיר געגאַנגען מיט דיר אין איין וועג, און אַ טענה,—האָט אָפּגעזיפצט דער חתן.

— מחמת אַ פרוי האָט האָלט אַ געזונטן מענטשן. וואָס ביסטו? און איך בין — אַ ריינער מענטש, אָט וואָס...

אויף אַזאַ שטייגער פלעגט אַרטעם ריידן מיט די באָסיאַקעס. זיין גלייכגילטיקע, פוילע און געדיכטע שטימע האָט געמאַכט זיינע ווערטער קרעפטיקער און שווערער, און זיי זיינען שטענדיק געווען אַ גראָבע אַ פול מיט באַליידיקונגען. ער האָט אפשר געפילט, אַז דידאָזיקע מענטשן זיינען אין אַ סך ענינים ערגער פון אים, אָבער אַלעמאָל קליגער.

...עס איז אַריין קין מיט זיין קעסטל סחורה אויף דער ברוסט און מיט אַ געל ציצן קליידל, וואָס איז געהאַנגען אַיבער דער לינקער האַנט. אַ צוגעדריקטער מיטן געפיל פון שרעק, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזן, איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר, האָט אויסגעצויגן זיין האַלז און מיט אַן אומרואיקן שמייכל באַקוקט דעם שנעק, אָבער ווען ער האָט דערזען אַרטעמען, האָט זיין גאַנצע צורה געגומען שיינען פון שימחה. אַרטעם האָט אויף

אים געקוקט מיט אַ ברייטן שמייכל און די ליפּן האָבן זיך ביי אים געריררט.

— קריך אַהער, צו מיר! — האָט ער צו קינען אַ געשריי געטאָן! דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צום חתן און מיט חוזק אים אָפּגעגעבן אַ באַפעל:

— און דו טראָג זיך אָפּ פונדאַנען... לאָז אַ מענטשן זיך זעצן...

דעם חתנס פּרצוף, באַדעקט מיט געלע, האַרטע האָר, איז אויף אַ רגע פאַרשטיינערט געוואָרן פון התפּעלות און פאַרדראָס. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון שטול, אַ קוק געטאָן אויף די חברים, וועלכע זיינען ניט ווינציקער פון אים נשתומם געוואָרן, אויף קינען, וועלכער איז געגאַנגען צום טיש פאָרזיכטיק און קוים אָנרירנדיק די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע מיט זיינע שטיוול... און פּלוצלונג האָט ער בייז אויסגעשפּיגן:

— טפו! —

נאָכדעם איז ער פּאַמעלאַך און שטילערהייט אַוועק צו זיין טיש, וואו עס האָט זיך תיכף דערהערט אַ פאַרשטיקטער שמועס, אין וועלכן מען האָט געקענט קלאָר דערקענען די נאָטעס פון חוזק און רישעות. קין האָט אַלץ געשמייכלט, ווי אַ פאַרלאָרענער, מלא שמחה, און אין דערזעלביקער צייט האָט ער געוואָרפן פון דער זייט אומרואיקע אויגן אין דעם ווינקל, וואו עס איז געזעסן דער באַליידיקטער חתן מיט זיין חברה.

און אַרטעם האָט גערעדט צו אים גוטהאַרציק:

— נו, סוחר, לאָמיר טיי טרינקען, וואָס?... מען דאַרף קויפן אַ קוכן — וועסט עסן קוכן? וואָס קוקסטו אַהין?... שפּיי אָן אויף זיי, האָב קיין מורא ניט... וואַרט נאָר, איך וועל זיי באַלד אָנמוסרן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ רוק געטאָן מיט דער פּלייצע און זיין יאַק איז אַראָפּגעפאַלן אויף דר'ערד, און איז צוגעגאַנגען צום טיש פון די אומצופרידענע. הויך און שטאַרק, אויסשטעלנדיק די ברוסט, הייבנדיק די אַקסלען און מיט אַלע מיטלען אַרויסווייזנ־דיק פאַר זיי, ס'אַר אַ גבורה ער האָט אין זיך, איז ער געשטאַנען אַנטקעגן דער חברה, מיט אַ קרומען בייזן שמייכל אויף די ליפּן.

און זיי זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע פּלעצער, שטום ווי די וואַנט און שוין אָנגעגרייט צו מאַכן אַ ויברח.

— נו,—האָט אָנגעפּאַנגען אַרטעם,—וואָס ברומט איר?

עס האָט זיך אים געוואָלט זאָגן עפּעס אַ שרעקלאַך־שטאַרקן וואָרט, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער און האָט זיך אָפּגעשטעלט...

— מעגסט דברן מיטאַמאָל!—האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער אָפּגעשמיסענער חתן, פאַרקרימענדיק די ליפּן,—זאָלסט בעסער אָפּשטיין פון אונז אויף אַלע פיר זייטן, דו גאָטס גולם!...

— שווייג!—האָט אַרטעם אַ פיר געטאָן מיט די ברעמען...

— ביסט אין כּעס... עס שטייט דיר ניט אָן, וואָס איך חבר זיך מיט אַ זשיד און דיך האָב איך אַוועקגעטריבן... איך זאָג אייך אַלעמען,—צר, דער זשיד, איז בעסער פון אייך! מחמת ביי אים איז דאָ אַ געפיל צו אַן אַנדער מענטשן... און איר האָט קיין געפיל ניט... ער איז נאָר אַ פאַרמאַטערטער... און אָט איצטער נעם איך אים אונטער מיין האַנט... און אויב וואָסער ניט איז פאַרזע־עניש פון אייער כאַפּטע וועט אים באַליידיקן—זאָל שוין יענער דעמאָלט בעסער אָפּזאָגן ווידוי באַצייטנס! איך בין מודיע אין קלאָרע דיבורים: ניט שלאָגן וועל איך, איך וועל מאַטערן...

אין די אויגן ביי אים האָט זיך באַוויזן אַ ווילדער פייער, די אָדערן אויפן האַלז האָבן זיך אָנגעבלאָזן און די נאָזלעכער — געגומען ציטערן.

— דאָס, וואָס מען האָט מיך אַ שיכּורן צעשלאָגן, איז ביי מיר ווערט אַ שפּיי! קיין כּוחות איז ביי מיר ניט אָפּגעקומען, נאָר דאָס האַרץ האָט מען מיר געמאַכט האַרטער... אָט אַזוי זאָלט איר וויסן! און פאַר קינעץ, פאַר איטלאַכן שלעכטן וואָרט, וואָס מען וועט אים זאָגן, וועל איך זיך אָננעמען און ממיתן וועל איך אָט טאַקע צום טויט. איר קענט דאָס אַלעמען זאָגן פון מיינעט־וועגן...

ער האָט טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך אַרונטערגעוואָרפן אַ שווערע משא; ער האָט זיך אומגע־קערט צו זיי מיטן רוקן און איז אַוועק...

— פיין אָפּגעדרשנט !—האָט דער אָפּגעשמיסענער חתן אַ געשריי געטאָן מיט אַ האַלבן מויל און זיין צורה האָט זיך פאַרקרימט אין גרויס אומעט, בעת ער האָט געקוקט, ווי אַרטעם זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן קינען.

קין איז געזעסן ביים טיש, בלייך פון אויפרעגונג, און האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אַרטעמען די אויסגעגלאָצטע אויגן, און אין זיי איז געלעגן אַ געפיל, וואָס איז שווער אויסצודריקן מיט ווערטער.

— האָסט געהערט ?—האָט אים שטרענג געפרעגט דער שייינער יונג.—אָט... געדענק־זשע, ווי נאָר עמיצער וועט דיר אָנרירן לויף צו מיר און זאָג. איך וועל די מינוט קומען און אים צעגווינטעווען די ביינער...

דער ייד האָט עפּעס געשעפּטשעט, האָט געבעטן גאָט אָדער געדאַנקט דעם מענטשן. און דער אָפּגעשמיסענער חתן מיט זיין חברה האָבן אינדערשטיל איבערגערעדט צווישן זיך און גענומען אַרויסגיין פון טראַקטיר איינער נאָכן אַנדערן. ווען דער חתן איז פאַרבייגעגאַנגען אַרטעמס טיש, האָט ער געזונגען אונטערן נאָז:

ווען אין צוגאָב צו מיין קאָפּ
קריג איך געלט אַ פולן טאָפּ,
ווער איך—אוי—אַ מענטש אַ פּראַכט—
כ׳וואָלט געשיכורט טאָג און נאַכט...

און אַ קוק געבנדיק אַרטעמען גלייך אין געזיכט אַריין, האָט ער אומדערוואַרט געענדיקט דאָס לידל מיט זיינע אייגענע ווערטער, ער האָט זיך דערביי געקרימט און צום טאַקט געטאָפּעט מיטן פוס:

און די תּמעוואַטע יונגען
כ׳וואָלט אין שוואַרצן ים דערטרונקען.
אָט אַזוי !

און האָט זיך שנעל אַרויסגעגנבעט דורכן טיר.

אַרטעם האָט זיך אויסגעזידלט און אַרומגעקוקט. אין דעם האַלב־פינסטערן, פאַררויכערטן און עיפּושדיקן גרוב זיינען געבליבן בלויז דריי מענטשן—ער, אַנטקעגן אים קין און הינטערן בופעט סאַווקע.

סאַווקעס גנבישע אייגעלאַך האָבן זיך באַגעגנט מיט אַרטעמס שווערן קוק און אויף זיין לאַנגער צורה האָט זיך די רגע אַרויפגעצויגן דער אויסדרוק פון אַ זיסער צניעות.

— פיין און שיין האָסטו געהאַנדלט, אַרטעם מיכאַיליטש! — האָט ער געזאָגט, גלעטנדיק זיין באָרד. גאָר ווי עס איז געבאָטן אין די הייליקע ספרים... ווי אין דער מליצה מיטן גוטהאַרציקן שומרוני... אין עיפוש איז געלעגן קין, באַדעקט מיט קרעץ... און אָט דו האָסט זיך פון אים ניט אָפגעקערט...

אַרטעם האָט ניט געהערט זיינע ווערטער, נאָר זייער ווידערקלאַנג. דער ווידערקלאַנג האָט זיך געטראָגן פון דעם קיילאַכדיקן באַלקן און אין געדיכטע טענער איז ער געקראָכן אין די אויערן. אַרטעם האָט געשוויגן און געשאָקלט שטילערהייט מיטן קאָפ, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אַוועקטרייבן פון זיך דידאָזיקע טענער. און זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו שווימען און האָבן זיך איינגעביסן צו אים אין די אויערן און אים געררייצט. עס איז געווען אומעטיק, די לופט איז געווען פאַרשטיקט. אַ מאָדנע שווערקייט האָט זיך אַוועקגעלייגט אַרטעמען אויפן האַרצן.

ער האָט געקוקט אויף קינען, ניט אָפרייסנדיק פון אים די אויגן. מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפ, זיך ברענענדיק די ליפן און בלאָזנדיק אויפן ספאָדיק, האָט דער ייד זשעדנע געטרונקען די טיי און דער ספאָדיק האָט געטאַנצט ביי אים די הענט. צייטנוויין האָט אַרטעם געכאַפט ביי זיך אויפן געזיכט יענעמס אַ שנעלן קוק, און פון דעם קוק פלעגט ווערן דעם גיבור נאָך אומעטיקער. אין זיין ברוסט איז געוואַקסן אַ פאַרשטיקטער און אומבאַשטימטער געפיל פון אומצופרידנהייט, זיינע אויגן זיינען געוואָרן טינקעלער און ער האָט זיך ווילד אומגעקוקט. אין קאָפ האָבן זיך ביי אים געדרייט, אַזוי ווי מיל=שטיינער, געדאַנקען אָן ווערטער. פריער פלעגן זיי צו אים ניט קומען, און אָט אין דער צייט, וואָס ער איז געלעגן קראַנק, זיינען זיי געקומען... און גייען ניט אַוועק...

די פענסטער, ווי אין אַ תפיסה, מיט אייזערנע גראַטעס, פון גאַס גיסט זיך אין זיי אַ געפילדער פאַרהילכט צו ווערן... איבערן קאָפ הענגט אַ פייכטער שווערער שטיינערנער באַלקן, די דילן,

געמאַכט פון ציגל, זיינען נאַס פון בלאָטע, באַדעקט מיט מיסט... און אָט דער אָ קליינטשינקער, אָפּגעריסענער, פאַרשלאָגענער מענטשל... זיצט, ציטערט, שוויגט... און אין די דערפער וועט מען באַלד אָנפאַנגען צו שניידן די גראָז. הינטערן טייך, אַנטקעגן שטאָט, דערגרייכט שוין די גראָז אויף די לאָנקעס ביזן גאַרטל און ווען עס טוט פון דאָרטן אַ בלאָז אַ ווינט, ברענגט ער צעטראָגן אַזאַ מחיהדיקן ריח... אָט די מינוט וואָלט ער גענומען אַ שניידאייזן, און זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער לאָנקע.

— וואָס שוויגסטו נאָכאַנאַנד, קין?—האָט אַרטעם געזאָגט אומצופרידענערהייט. — וואָס איז, דו האָסט נאָך אַלץ מורא פאַר מיר? אוי, ביסטו דאָס אַ פאַרלאָרענער מענטש!

קין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים גענומען מאָדנע שאָקלען, און זיין פּנים האָט בשעת מעשה אויסגעזען פאַרשעמט און קלאָגעדיק.

— און וואָס זאָל איך ריידן? און מיט וואָס פאַר אַ צונג זאָל איך ריידן מיט אייך? אָט מיט דער? — דער ייד האָט אַרויסגעשטעקט דעם שפּיץ צונג און אים באַוויזן אַרטעמען, — מיט וועלכער איך רייד מיט אַלע איבעריקע מענטשן? איך דאַרף זיך דען ניט שעמען צו ריידן מיט אייך מיט דערדאָזיקער צונג? איר מיינט, איך פאַרשטיי ניט, אַז איר שעמט זיך אויכעט צו זיצן מיט מיר דערביי? וואָס בין איך און וואָס זייט איר? איר טראַכט דען, אַרטעם, גרויסע נשמה, איר זייט געגליכן צו יהודי המכבי!... וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר זאָלט וויסן, צו וואָס גאָט האָט אייך באַשאַפן? אַ! קיינער ווייס ניט די טיפע סודות פון באַשעפער און קיינער קען ניט טרעפן, צו וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען דעם לעבן. איר ווייסט ניט, וויפל טעג און נעכט האָב איך געטראַכט, צו וואָס דאַרף איך האָבן מיין לעבן? צו וואָס דאַרף איך מיין גייסט און מיין פאַרשטאַנד? וואָס בין איך פאַר די מענטשן? אַ שפּיי-קעסטל פאַר זייערע גיפטיקע שפּייעכץ. און וואָס זיינען די מענטשן פאַר מיר? שלאַנגען, וואָס בייסן מיר איין אין אַלע ערטער פון מיין לייב און אין מיין נשמה... צו וואָס לעב איך אויף

דער וועלט? און פאַרוואָס ווייס איך נאָר פון צרות... אַפילו די זון האָט פאַר מיר אויכעט קיין שטראַל ניט!

ער האָט גערעדט היציק, האַלב-שעפּטשענדיק, און אַזוי ווי אַלעמאָל, ווען זיין אויסגעמאַטערטע נשמה פלעגט זיך אויפרעגן, האָט געציטערט זיין גאַנצער פנים.

אַרטעם האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט, ער האָט אָבער געהערט און געזען, אַז קין באַקלאָגט זיך. דערפון איז אַרטעמען געוואָרן נאָך מער נודנע.

— נאַ דיר! האָסט שוין ווידער אָנגעפאַנגען דיין לידעלע!— האָט ער מיט פאַרדראָס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ—איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט—אַז איך וועל זיך אָננעמען!

קין האָט זיך שטילערהייט ביטער צולאַכט.

— ווי אַזוי וועט איר זיך פאַר מיר אָננעמען פאַרן געזיכט פון מיין גאָט? ער יאָגט דאָס מיך...

-- נו, דאָס פאַרשטייט זיך! טאָן גאָט אַנטקעגן קען איך ניט,—האָט צוגעבאַמקעט אַרטעם פראָסט-האַרציק און מיט אַ טאָן פון רחמנות האָט ער געגעבן דעם יידן אַן עצה:—לייד, ברודערקע!... מיט גאָט וועסטו גאָרניט מאַכן...

קין האָט געגעבן אַ קוק אויף זיין מליץ יושר, און אויף זיינע ליפן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל... אויך מיט רחמנות. אַפּריער האָט דער שטאַרקער רחמנות געקראָגן אויפן קלוגן, דערנאָך האָט דער פאַרשטאַנד מיטגעפילט מיט דער גבורה, און צווישן די ביידע מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן און האָבן געשמועסט, האָט זיך דורכגעטראָגן עפּעס אַ מאָדנע שטימונג, און אָט די שטימונג האָט זיי אַ ביסל דערנענטערט איינעם צום צווייטן.

— דו האָסט אַ ווייב?—האָט געפרעגט אַרטעם.

— אָ, איך האָב אַ גרויסע געזינד פאַר מיינע כוחות...— האָט קין שווער אָפּגעזיפצט.

— גאָר אַזוי!—האָט געזאָגט דער גבור. ער האָט זיך קוים געקענט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל זיך געפינען אַ פרוי, וועלכע זאָל קענען האָלט האָבן דעם יידן, און מיט אַ נייעם אויסדרוק פון בייגעריקייט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף קינען, וועלכער איז גע-

ווען אַזאַ אויסגעמאַרעטער, קליינטשינקער, שמוציקער, פאַרשלאָ-
גענער.

— איך האָב געהאַט פינף קינדער, איצטער—האָב איך פיר.
איין מיידעלע, חיה, האָט אַלץ געהוסט, געהוסט און איז גע-
שטאָרבן... גאָט מיינער... טאַטע זיסער!... און מיין ווייב איז אויך
אַ קראַנקע... נאָר זי טוט און הוסט...

— עס איז דיר שווער—האָט געזאָגט אַרטעם און זיך פאַר-
טראַכט.

קין האָט זיך אויך פאַרטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

אין די טירן פון טראַקטיר האָבן גענומען אַריינגיין הענד-
לער מיט אַלטוואַרג; זיי פלעגן צוגיין צום בופעט און שטילערהייט
זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט סאַווקען. ער האָט זיי עפּעס דער-
ציילט בסוד און בשעת מעשה צוגעוואונקען אין דער זייט, וואו
אַרטעם איז געזעסן מיט קינען, און די חברה האָט אויף זיי גע-
קוקט מיט התפעלות און חוזק. קין האָט שוין באַמערקט דידאָזיקע
בליקן און איז פאַרציטערט געוואָרן. און אַרטעם האָט ווידער גע-
חלומט, אַז ער גייט אַרום איבער דער לאָנקע מיט אַ שנייד-אייזן
אין די הענט... דאָס שנייד-אייזן פייפט און מיט אַ ווייכן שאָרך
לייגט זיך די גראָז צו זיינע פיס...

— גייט אַוועק, אַרטעם... און אויב איר ווילט ניט, וועל
איך אַוועק... אָט זיינען געקומען מענטשן, — האָט געשעפּטשעט
קין,—און זיי לאַכן פון אייך איבער מיר...

— ווער לאַכט דאָס? — האָט אַ ברום געטאָן אַרטעם, זיך
אויפכאַפּנדיק פון די חלומות, און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ווילד-
דע אויגן.

אָבער אין טראַקטיר זיינען אַלע געווען ערנסט און פאַר-
טאָן אין די אייגענע עסקים. אַרטעם האָט ניט געכאַפּט קיין איינ-
ציקן בליק. און ער האָט שטרענג אָנגערוקט די ברעמען און גע-
זאָגט צום יידן:

— זאָגסט אַ ליגן... באַקלאָגסט זיך אומזיסט און אומנישט...
אָט אַזוי... זע—שפּיל זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן! דו באַקלאָג

זיך דעמאָלט, ווען עס איז דאָ פאַרוואָס. אפשר ווילסטו מיך שטעלן אין נסיון, האָסט געזאָגט גלאַט אַזוי?

קין האָט אים שמערצלאַך געשמייכלט אין געזיכט און גאָרניט געענטפערט. אַ פּאָר מינוט זיינען זיי ביידע געזעסן און ניט גערעדט. דערנאָך האָט זיך קין אויפגעהויבן, אָנגעטאָן אויפן האַלז זיין קעסטל און זיך פּאַרטיק געמאַכט אַוועקצוגיין. אַרטעם האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— גייסט? נו, גיי, האַנדל... און איך וועל דאָ נאָך זיצן...

מיט זיינע ביידע הענטלאַך האָט קין אַ טרייסל געטאָן די ריזיקע לאַפּע פון זיין באַשיצער און איז שנעל אַוועק.

ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז ער אַריין הינטער אַ ווינקל האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט און גענומען פון דאָרטן אַרויסקוקן ער האָט געקענט זען די טיר פון טראַקטיר און אים איז ניט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן. אין דער טיר, אַזוי ווי אין אַ ראַם, האָט זיך באַוויזן אַרטעמס געשטאַלט. זיינע ברעמען זיינען געווען אָנגערוקט און דער פּנים האָט ביי אים אַזוי אויסגעזען, עפּעס ווי ער וואָלט האָבן מורא צו דערזען פאַר די אויגן אַ נודנע זאַך. ער האָט זיך לאַנגזאַם איינגעקוקט אין די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, און דערנאָך האָט זיין פּנים אָנגענומען דעם געוויינלאַכן אויסדרוק פון פוילקייט און גלייכגילטיקייט. און ער איז אַוועק דורך די רעדלאַך מענטשן אַהין, וואו די גאַס האָט זיך אַריינגערוקט אין באַרג,—משמעות אויף זיין אַלטן אָרט.

קין האָט אים באַגלייט מיט שמערצלאַכע בליקן; ער האָט פאַרדעקט מיט די הענט זיין געזיכט און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן שטערן אָן דער אייזערנער טיר פון דער קלייט, לעבן וועלכער ער איז געשטאַנען...

* * *

אַרטעמס סטראַשונאָק האָט געווירקט—מען האָט זיך דערשראָקן פאַר אים און אויפגעהערט צו רודפן דעם יידן.

קין האָט דערזען, אַז די דערנער, דורך וועלכע ער איז געגאַנגען צו זיין קבר, זיינען געוואָרן ווייניקער שטעכעדיק. די

מענטשן האָבן עפּעס אויפגעהערט גאָר צו באַמערקן, אַז ער לעבט אויף דער וועלט. אַזוי ווי ביז אַהער האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן זיי, אויסרעכענענדיק דעם לאַנגן צעטל פון זיינע סחורה, אָבער מען פלעגט אים שוין ניט אַרויפטרעטן בכיוון אויף די פיס, ווי דאָס איז פריער געווען. מען האָט אים ניט געשטופּט אין די דאַרע זייטן, ניט געשפּיגן צו אים אין קעסטל... הגם פריער האָט מען ניט געקוקט אויף אים אַזוי קאַלט און פיינדלאַך, ווי מען האָט גענומען יעצט קוקן.

ער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש צו יעדע ברעקעלע, וואָס איז געווען נוגע צו אים; ער האָט דערום באַלד באַמערקט, אַז מען קוקט אויף אים מיט אַנדערע אויגן, און ער האָט זיך אַ פרעג געטאָן: וואָס זאָל דאָס באַדייטן און וואָס פאַר אַ רעה קען דערפון אַרויס פאַר אים? אַ סך האָט ער געטראַכט וועגן דעם און ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט גענומען אויף אים אַזוי קוקן... און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פריער, הגם זייער זעלטן, פלעגט מען מיט אים אַריינטרעטן אין אַ פריינדלאַכן שמועס... צייטנווייז מכוח זיינע געשעפטן... און אַמאָל אויך שפּאַסן, און טאַקע גאָר אָן שום רישעות...

קיין האָט זיך גענומען פאַרטראַכטן. דאָס איז שוין אַ כלל, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דער מענטש בדרך הטבע געניייגט צו זען אַפילו די פּיצעלע גוטס, וואָס איז דאָרטן געווען און וואָס דעמאָלט האָט ער גאָרניט באַמערקט...

ער האָט זיך גענומען פאַרטראַכטן, אָנגעשפּיצט די אויערן און געקוקט מיט אַ שאַרפן אויג. איין מאָל האָט ער דערהערט אַ נייע לידל, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אָפּגעשמיסענעם חתן, דעם משורר פון גאַס.

דער מענטש האָט פאַרדינט זיין ברויט מיט שפּילן און זינגען; זיינע חפצים זיינען געווען אַכט הילצערנע עס-לעפל. ער פלעגט זיי נעמען צווישן די פינגער און זיך קלאַפּן מיט זיי איבער די אָנגעבלאָזענע באַקן, איבערן בויך, בייטנדיק די פינגער; ער האָט אויך געקלאַפּט די לעפל איינעם אָן דעם אַנדערן, און עס פלעגט אַרויס ניט קיין שלעכטער אַקאָמפּאַנימענט צו די קופּלעטן, וואָס

ער פלעגט אויסקלערן פון קאָפּ. דער שפּילן גופא האָט ניט גע־בראַכט אַ סך פאַרגעניגן, אָבער דערפאַר האָט דער כלי־זמר גע־מוזט זיין פלינק ווי אַ קונצנמאַכער; און אַ פלינקע האַנט, צו וואָס זי זאָל ניט אויסגענוצט ווערן, האָט דאָ אין גאַס געהאַט ביי דעם עולם אַ גרויסן פּנים.

און אָט אַמאָל האָט זיך קין אָנגעשטויסן אויף אַ רעדל מענטשן, און צווישן זיי איז געשטאַנען דער חתן מיט זיינע לעפל און האָט געהאַקט מיטן צונג ווי אַ מאַרק־יידענע:

— איר, פּריצים, מיט אַ קעשענע אַ ברייטע, מאַכט ניט קיין פּליטה! אַהער־צו, זיסע, מען וואַרט שוין אויף אייך לאַנג אין תּפיסה! איך שפּיל אַ פרישן שיר, נאָר וואָס אויסגעבאַקן אין מיינע געשיר — אַ הייסער ביסן! קען ניט זיין בעסער... גיט אַ קאָפּיקע פון איטלאַכן פּרעסער, און ווער עס האָט אַ פּנים ווי אַן אָפּגעבאַקע־נעם עפּל — פון דעם נעם איך אַ קאָפּיקע מיט אַ קנעפּל! איך הייב אָן:

קריכט אַריין די זון אין פענסטער
איז אַ שמחה אַ גדולה;
און אָט ווען איך קריך אַריין...

— דאָס האָט מען שוין געהערט! — האָט איינער פון פּוב־ליקום אַ בעל־ספקות אַ געשריי געטאָן.

— מיר ווייסן, אַז איר האָט געהערט! ווילסט אפשר מען זאָל דיר געבן אָן געלט די ברויט פאַר די קוכן... — האָט ער־קלערט דער חתן, קלאַפּנדיק מיט די לעפל, און האָט מאריך גע־ווען זיין לידל:

אוי, ס'איז אַ ביטערן לעבן איך האָב!
איך בין ניט קיין געראָטענער.
'עם טאַטן מיטן ברודער האָט מען אויפגעהאַנגען
און איך האָב זיך פון דער תּליה אָפּגעריסן!...

— אַ שאָד! — האָט זיך דערהערט אין דער פּובליקום.

אָבער קאָפּיקעס האָבן זיך צו אים געשאָטן, מחמת מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַן ערלאַכער מאַן, און אויב ער האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ ניי לידל, וועט ער שוין ניט אָפּנאַרן.

„אַט קומט זי די נייע, די הילצערנע חיה! און די לעפּל האָבן געגומען טאַנצן.

עס האָבן זיך באַקאַנט אַן אָקס מיט אַ שפּין,
עס האָבן זיך באַקאַנט אַ זשיד מיט אַ תּם,
דער אָקס טראָגט די שפּין אויפן עק,
דער זשיד פאַרקויפט דעם תּם צו די ווייבלאַך,
מומעלאַך, טייערינקע!...

— סטאָפּ, מאַשין! אַ גוטן מאָרגן אייך, הער קין, מיט אַ קלאָץ איבערן האַלז! איר האָט געהערט די לידל, סוחר? זייט מוחל, ניט פון אייך זינג איך... גייט זיך אין אייער וועג.

קין האָט צעשאָטן פאַרן קינסטלער זיינע שמייכעלאַך און איז אַוועק פון אים מיט אַ זיפץ: דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז עפּעס וועט אַרויס.

דידאָזיקע טעג זיינען געווען ביי אים טייער, ער האָט זיך אָבער אויך געשראָקן פאַר זיי. איטלאַכן פרימאָרגן פלעגט ער קומען אין גאַס און זיין ביי זיך זיכער, אַז היינט וועט שוין קיי- נער ניט האָבן די העזה אַוועקצונעמען פון אים זיינע קאָפּיקעס. און זיינע אויגן זיינען געוואָרן ביסלאַכווייז העלער און רואיקער. אַרטעמען האָט ער געזען אַלע טאָג; אויב דער גבור האָט אים אָבער ניט גערופן, פלעגט קין צו אים ניט צוגיין.

אַרטעם פלעגט אים צורופן זעלטן און ווען ער פלעגט אים שוין יאָ אַמאָל צורופן, פלעגט ער פרעגן געוויינלאַך:

— נו, וואָס—לעבסט?

— אָ, יאָ! כ׳לעב... און האָב אייך צו דאַנקען,—פלעגט זאָגן קין, און זיינע אויגן האָבן בשעת מעשה געבלישטשעט פון שמחה.

— מען טשעפּעט ניט?

— זיי קענען זיך דען שטעלן קעגן אייך! — פלעגט דער ייד אַ געשריי טאָן מיט שרעק.

— נו... זעסטו!... און ווי וואָס—קום זאָגן.

— כ׳וועל זאָגן!

— אָט, אָט!...

ער פלעגט אָפּמעסטן מיט פינסטערע אויגן דעם יידנס פי־גור און אים אָפּלאָזן.

— גיי... האַנדל!

און קין פלעגט שנעל אַוועקגיין פון זיין באַשיצער, און פלעגט באַמערקן, אַז דער עולם קוקט אויף אים מיט חוזק און רישעות, און דאָס האָט אים געשראָקן.

עס האָט זיך אַזוי געצויגן אַן ערך פיר וואָכן.

איינמאָל אינאָוונט, ווען קין האָט זיך שוין געקליבן גיין אַהיים, האָט ער באַגעגנט אַרטעמען. דער שיינער יונג האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צוגערופן צו זיך מיטן פינגער. קין איז שנעל צו אים צוגעלאָפן און האָט דערזען, אַז אַרטעם איז פינסטער און אָנגעבלאָזן, ווי אַן אָסיענדיקער וואָלקן.

— ביסט פאַרטיק געוואָרן מיט דיין האַנדל, וואָס? האָט יענער געפרעגט.

— שוין... זיך געקליבן גיין אַהיים...

— וואַרט אויף... קום נאָר, כ'וועל דיר וואָס זאָגן — האָט געזאָגט אַרטעם מיט אַ פאַרשטיקטן קול.

און ער איז אַוועק פאָראויס, הויך און שווער, און קין איז געגאַנגען פון הינטן.

זיי זיינען אַרויס פון גאַס און האָבן גענומען דעם וועג צום טייך, וואו אַרטעם האָט געפונען אַ סגראַבנעם אָרט אונטער דעם משופּעדיקן בערגל, ביי די סאַמע כוואַליעס.

— זעץ זיך — האָט ער געזאָגט צו קינען.

יענער האָט זיך אַנידערגעזעצט און מיט פּחד, פון דער זייט געקוקט אויף זיין באַשיצער. אַרטעם האָט איינגעבויגן דעם רוקן און גענומען פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס. און קין האָט געקוקט אין הימל, אויף דעם וואַלד מאַסטן ביים ברעג, אויף יענער זייט טייך, אויף די רואיקע כוואַליעס, וועלכע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין דער שטילקייט פון אָוונט, און האָט זיך געמאַטערט צו טרעפן, פון וואָס קלייבט זיך דאָס דער גבור צו ריידן.

— נו, וואָס? — האָט געזאָגט אַרטעם — לעבסט?

— כ'לעב, אָ! איצטער האָב איך קיין מורא ניט.

— גוט, הייסט דאָס...
— כ'דאַנק...
— וואַרט אויף! האָט געזאָגט אַרטעם.
און ער האָט געשוויגן אַ לאַנגע צייט, ציענדיק דעם פּאַ־פּיראָס, וועדליג דער ייד האָט געוואַרט אויף זיינע רייד, און דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פון אַן אומבאַשטימטן געפיל פון שרעק.
— נ־ע... איז איצטער, הייסט דאָס, גאָרניט, מען באַליי־דיקט ניט?
— אָ, זיי האָבן פאַר אייך מורא! זיי אַלע זיינען ווי הינט, און איר—ווי אַ לויב! און איך בין איצטער...
— וואַרט אויף!
— נ־נו? און וואָס ווילט איר מיר זאָגן?—האָט געפרעגט קין מיט אַ ציטער.
— זאָגן? ס'איז ניט אַזוי פּראָסט...
— וואָס איז דאָס אַזוינס?
— אַ! זעסטו... לאָמיר ריידן קלאָרע דיבורים. מיטאַמאָל—און פּאַרטיק!
— אַהאַ!
— און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך קען ווייטער ניט...
— וואָס? וואָס קענט איר ניט?
— גאָרניט! כ'קען ניט! עס עקלט מיר... ווי קומט דאָס גאָר צו מיר? פאַר מיר איז דאָס קיין עסק ניט!... האָט געזאָגט אַרטעם מיט אַ זיפץ.
— וואָס מיינט איר? וואָס איז פאַר אייך קיין עסק ניט?
— אָט דאָס אַלץ... דו און אַלץ... איך וויל דיר מערניט קענען... מחמת—פאַר מיר איז דאָס קיין עסק ניט.
קין האָט זיך איינגעקאָרטשעט, אַזוי ווי מען וואָלט אים אַ קלאַפּ געטאָן, און האָט געשוויגן.
— און אויב מען וועט דיך באַליידיקן, גיי צו מיר ניט און באַקלאָג זיך פאַר מיר ניט... איך קען דיר ניט העלפן... און

װעל זיך ניט גײן אָננעמען פֿאַר דיר, פֿאַרשטײסט? איך קען דאָס ניט.

קין האָט געשװיגן װי אַ טױטער.

און װען אַרטעם האָט אױסגערעדט די װערטער, האָט ער פֿרײ אָפּגעצױגן דעם אָטעם און מאַריך געװען קלאָרער און דײַטלאַכער.

— דערפֿאַר, װאָס דו האָסט דעמאָלט אױף מיר רחמנות געקראָגן, קען איך דיר באַצאָלן. װיפֿל דאַרפֿסטו? זאָג — קריגסטו באַלד. אָבער רחמנות האָבן אױף דיר קען איך ניט... איך האָב דאָס ניט אין מיר... און איך האָב זיך די גאַנצע צײַט נאָר געבראָכן... פֿאַרשטעלט, מערגיט. כ׳האָב געמײנט — אַז איך האָב רחמנות, און עס לאָזט זיך אױס — אַז דאָס איז אַ מוליר, מער ניט. איך קען קײן שום רחמנות ניט האָבן.

— דערפֿאַר, װאָס איך בין אַ זשיד? האָט קין שטילערהײט געפֿרעגט.

אַרטעם האָט אױף אים אַ קוק געטאָן פֿון דער זײַט און האָט אַרױסגערעדט גאַנץ אײנפֿאַך אײנע פֿון יענע װערטער, װאָס װערן געבאָרן אין האַרצן:

— װאָס אַרט מיר, אַז אַ זשיד? קעגן גאָט זײַנען מיר אַלע זשידעס...

— פֿאַרװאָס־זשע? — האָט קין שטילערהײט געפֿרעגט.

— איך קען ניט, מען זאָגט דאָך דיר, מענטש אײנער! פֿאַרשטײסט, עס איז ניטאָ בײַ מיר קײן שום רחמנות צו דיר... און צו קײנעם ניט... דו דאַרפֿסט דאָס פֿאַרשטײן... אַן אַנדערן װאָלט איך דאָס ניט געזאָגט, כ׳װאָלט אים אײנפֿאַך געגעבן אַ גוטן פּלעט איבערן מוח — און פּטור! און דיר זאָג איך דאָס...

— װער װעט אױפֿשטײן פֿאַר מיר קעגן די רשעים? װער װעט זיך אײנשטעלן פֿאַר מיר קעגן די שלעכטסטוער? — האָט שטיל און טרױעריק געפֿרעגט דער ייד מיט די װערטער פֿון תּהילים.

— כ׳קען ניט... — האָט אַרטעם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אױף בײן. — ניט דערפֿאַר טו איך דאָס, װאָס זײ לאַכן... איך האָב זײ אין דר׳ערד, פֿון מײנטװעגן — לאַך! איך האָב אױף דיר קײן

רחמנות ניט... און פאַר יענער זאַך — ווייל איך בעסער באַצאָלן מיט געלט.

— אָ, גאָט, נוקם ונוטר! גאָט, וואָס דו לעבסט אייביק, וואָס דו באַצאָלסט יעדערן זיין שכר, פאַנג אָן צו שיינען, הייב זיך אויף אין דער הויך, דו ריכטער פון דער ערד...—האָט קין מתפלל געווען און האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ קליינעם קנייטל.

דער זומערדיקער אָוונט איז געווען שטיל און וואַרים, די שטראַלן פון דער אונטערגעגאַנגענער זון האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייך מיט אַ מין טרויעריקער ליבשאַפט. פון בערגל איז געפאַלן אַ שאָטן אויף אַרטעמען און קינען.

— דו באַטראַכטסט נאַר,—האָט אַרטעם טרויעריק גערעדט מיט איבערצייגונג, וואָס איז איצטער מיין ציל? אָט דאָס פאַרשטייסטו ניט, און איך—און... איך דאַרף זיך אָננעמען פאַר זיך אַליין... ווי זיי האָבן מיך דעמאָלט צעשלאָגן—געדענקסט?

ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער און זיך גענומען דרייען אויפן זאַמד, און דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויפן רוקן, אויסציענדיק די פיס צום וואַסער און פאַרלייגנדיק די הענט הינטערן קאָפּ.

— איך קען זיי איצטער אַלעמען...

— אַלעמען?—האָט קין געפרעגט ווי אַ דערשלאָגענער.

— אַלעמען! איצטער וועל איך אָנפאַנגען צו קוויטירן מיט זיי מיינע חשבונות!... און דו שטייסט מיר אין וועג...

— מיט וואָס קען איך אייך שטיין אין וועג האָט?-דער ייד אַ געשריי געטאָן.

— איך מיין ניט, אַז דו שטייסט מיר אין וועג, אָבער... עס קומט שוין אויס אַזוי—איך טראָג אַ כעס קעגן אַלע מענטשן, בין איך ערגער פון זיי? אָט דאָס איז דאָס... נו, קומט ביי מיר אויס, אַז איצטער ביסטו ביי מיר אַן איבעריקער. פאַרשטייסט?

— ניין! האָט געענטפערט דער ייד ווייכמוטיק און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— פאַרשטייסט ניט? אָט ס'איז אַ מענטש דו ביסט! אויף דיר דאַרף מען רחמנות האָבן—וואָס, ניט? נו, און איצטער קען איך

אויף קיינעם קיין שום רחמנות ניט האָבן... איך האָב ניט קיין רחמנות אין זיך...

ער האָט אַ שטויס געטאָן דעם יידן אין זייט און צוגע־לייגט:

— קיין ברעקל רחמנות ניט, האָסט פאַרשטאַנען!

אַ לאַנגע צייט האָט זיך קיין וואָרט ניט געהערט. אַרום זיי, אין דער וואַרימער און שמעקעדיקער לופט, איז געשוואומען דער גערויש פון די כוואַליעס און עפּעס פאַרשטיקטע, אָכצנדיקע טענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער ווייטנס, פון דעם שלעפּעריקן און פינסטערן טייך.

— וואָס זאָל איך איצטער טאָן?—האָט ענדלאַך געפרעגט קין, אָבער קיינער האָט אים ניט געענטפערט, מחמת אַרטעם האָט איינ־געדרעמלט אָדער זיך פאַרטראַכט.—ווי וועל איך לעבן אָן אייך? האָט דער ייד געזאָגט העכער.

אַרטעם האָט געקוקט אין הימל און געענטפערט:

— וועגן דעם דאַרפסטו שוין אַליין אַ קלער טאָן.

— גאָטעניו, גאָטעניו!

— אָט, מיטאַמאָל ווילסטו, אַז מען זאָל דיר זאָגן—ווי אַזוי צו לעבן—האָט אַרטעם פויל געצויגן די ווערטער.

נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן רואיק.

— איך האָב דאָס שוין לאַנג געוואוסט... נאָך דעמאָלט, ווען איך בין געגאַנגען צו אייך, אַן איסקאַליעטשעטן, האָב איך שוין גע־וואוסט... אַז ניט לאַנג וועט איר זיך אָננעמען פאַר מיר..

און דער ייד האָט געקוקט אויף אַרטעמען מיט אַ רחמנות־פּנים, אָבער ער האָט ניט באַגעגנט יענעמס אויגן.

— איר טוט דאָס אפשר דערפאַר, וואָס זיי לאַכן פון אייך איבער מיר?—האָט קין געפרעגט פאָרזיכטיק, קוים אַרויסריידנדיק די ווערטער.

— זיי, זאָגסטו? און וואָס גייען זיי מיר אָן?—האָט אַרטעם אַ קרומען שמייכל געטאָן, עפענענדיק די אויגן.—אויב איך וואָלט באַר וועלן, וואָלט איך דיך אַוועקגעזעצט אויף די פּלייצעס און גע־

טראָגן איבערן גאַס, זאָלן זיי לאַכן... אָבער וואָס איז די פּעולה... אַלץ דאַרף מען טאָן נאָכן אמת נאָך... ווי דאָס האַרץ הייסט... וואָס עס איז ניטאָ אין האַרצן—איז שוין ניטאָ, און מען קען זיך ניט העלפן... און מיר, ברודערקע, כ'וועל דיר זאָגן גלייך אין פּנים אַריין, עקלט, וואָס דו ביסט אַט אַזאַ... יאָ!... אַט אַזוי קומט ביי מיר אויס.

— אַך... אמת! נו, וואָס זאָל איך איצטער טאָן? אַוועק־גיין?

— גיי, ביז וואַנען עס איז נאָך ליכטיק... מען וועט דיך דערווייַלע ניט רירן. פון אונזער שמועס ווייס דאָך קיינער ניט...

— יאָ־אָ... און איר וועט קיינעם ניט אויסזאָגן, אַ?—האָט קין אַ בעט געטאָן.

— נו... פאַרשטייט זיך. פונדעסטוועגן קריך מיר ניט אָפּט אין די אויגן...

— גוט,—האָט דער ייד מסכים געווען שטיל און טרויעריק און זיך אַוועקגעשטעלט אויף די פיס.

— כ'וואָלט דיר אַן עצה געגעבן, וואו ניט איז אין אַן אַנ־דער אָרט צו האַנדלען, — האָט אַרטעם געזאָגט גלייכגילטיק. דו ווייסט דאָך, דאָדערט זיינען די פּאַראַנדקעס שטרענגע...

— וואו־זשע זאָל איך גיין?

— כ'ווייס ניט... ווי דו ווילסט.

— זייט געזונט, אַרטעם.

— זיי געזונט, ברודער.

און ליגנדיק האָט ער געגעבן דעם יידן די האַנט אוז אַ קוועטש געטאָן מיט זיינע פינגער יענעמס טרוקענע ביינער.

— זיי געזונט. האָב קיין פאַריבל ניט...

— איך האָב צו אייך ניט — האָט דער ייד געזאָגט און שווער אָפּגעזיפצט.

— אָט אַזוי... אַזוי איז בעסער, באַרעכן זיך אַליין... ביסט פאַר מיר שוין גאָר קיין חבר ניט... איך דאַרף דען לעבן פון דיינטוועגן? דאָס פּאַסט ניט...

— זייט געזונט!

— נו, גיי...

קין איז אַוועק פּאַזע דעם ברעג טייך, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזן און שטאַרק איינגעהויקערט.

דער שיינער אַרטעם האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו יענער איז אַוועק, און אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום איז ער ווידער געלעגן אַזוי ווי פריער, מיט דער צורה צום הימל וואָס איז שוין געוועזן פינסטער, ווייל די נאַכט האָט זיך אָנגע־רוקט.

אין דער לופט זיינען געבאָרן געוואָרן און צעגאַנגען מאָדנע טענער. דער טייך האָט זיך געשלאָגן אָן די ברעגעס, מאָנאָטאָן און טרויעריק.

און ווען קין איז אָפּגעגאַנגען אַן ערך פופציק טריט, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, איז צוגעגאַנגען צו אַרטעמס מעכטי־קער פיגור, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד, האָט זיך לעבן איר אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן שטיל און מיט עניוות:

— און אפשר וועט איר זיך נאָך מישב זיין?

אַרטעם האָט געשוויגן.

— אַרטעם?—האָט קין אַ רוף געטאָן, אָבער קיין ענטפער האָט ער ניט באַקומען.—אַרטעם? אפשר האָט איר דאָס געזאָגט גלאַט אַזוי? האָט דער ייד איבערגעחזרט און זיין שטימע האָט געציטערט.—דערמאָנט זיך נאָר, ווי איך האָב אייך דעמאָלט... אַ? אַרטעם? קיינער איז ניט געקומען, נאָר איך בין געקומען.

ער האָט דערהערט אַ שטאַרקן כראָפּען.

קין איז נאָך אַ צייט געשטאַנען לעבן דעם גיבור און האָט זיך אַלץ איינגעקוקט אין זיין שיינעם געזיכט, וואָס דער שלאָף האָט געמאַכט ווייך. די ריזיקע ברוסט האָט זיך געהויבן מעסיק און הויך און ווען די שוואַרצע וואָנצן האָבן זיך גערירט פון זיין אָטעם, האָבן זיך געזען די בלישטשענדיקע, שטייפע ציינער פון שיינעם יונג. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט געשמייכלט...

מיט אַ טיפן זיפץ האָט דער ייד נאָך נידעריקער אַראָפּגע־לאָזן דעם קאָפּ און איז ווידער אַוועק צום ברעג טייך. ער האָט געציטערט מיט אַלע אברים פאַר שרעק פאַרן לעבן, און איז גע־

גאַנגען פּאָרזיכטיק, — אין די אָפּענע פּלעצער, וואָס זיינען געווען באַשיינט פון דער לבנה, האָט ער זיינע טריט געמאַכט ווייכער, ווען ער פלעגט אַריין אין שאָטן — האָט ער זיך גערוקט פּאַמעלינקעס...

און ער האָט אויסגעזען ווי אַ מייזל, ווי אַ קליינע טרוסעוואַטע חיהלע, וועלכע גנבעט זיך אין איר לאָך צווישן די טויזנטער סכנות, וואָס קוקן אַרויס אויף איר פון אַלע זייטן.

און די נאַכט איז שוין אַרונטער און אויפן ברעג טייך איז געווען וויסט...

באָלעס.

מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר אַמאָל דערציילט אַזאַ גע־
שיכטע:

ווען איך בין געווען אַ סטודענט אין מאָסקווע, איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען אין שכנות מיט איינער פון „דידאָזיקע"... פאַרשטייסט? זי איז געווען אַ פּוילישע שיקסע, געהייסן האָט זי טערעזע. אַ הויכע, אַ שטאַרקע, מיט שוואַרצע האָר, צונויפגעוואַק־סענע ברעמען און אַ גרויסע גראָבע צורה, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אויסגעהאַקט פון אַ גאַנצע שייט האָלץ, — פלעגט זי אויף מיר אַרויפוואַרפן אַן אימה מיטן בעסטיאַלישן גלאַנץ פון אירע טונקעלע אויגן, מיט דער געדיכטער באַס־שטימע, מיט אירע דרכים פון אַ בעל־עגלה, מיט איר גרויסן דיקן גוף פון אַ מאַרק־יידענע... איך האָב געוואוינט אויף אַ בוידים, און איר טיר איז געווען אַנט־קעגן מיינער. געוויינלאַך פלעג איך קיינמאָל ניט עפענען מיין טיר, ווען איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אינדערהיים. אָבער דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פּאַסירט ניט אָפט. אַמאָל פלעג איך זיך מיט איר באַגעגענען אויף די טרעפּ, אויפן הויף און זי פלעגט צו מיר טאָן אַ שמייכל; עס האָט דעמאָלט אויסגעזען אין מיינע אויגן, אַז אין איר שמייכל ליגט אי אַ גראָבער שמוץ, אי די ווילדקייט פון אַ רויב־חיה. ניט איינמאָל האָב איך זי געזען אַ שיכּורע, מיט פאַרגלאָסענע, הילצערנע אויגן, מיט צעקודלטע האָר, מיט אַ מאָדנעם עקלהאַפטן שמייכל אויף די ליפּן... אין אַזאַ פאַל פלעגט זי מיר זאָגן:

— איר זאָלט זיין געזונט, פּאַנע סטודענט! — זי פלעגט זיך דערביי נאַריש פונאַנדערלאַכן, און איטלאַכס מאָל פלעגט מיך נע־מען נאָך מער עקלען פון דער מיאוסער שטיק סחורה. איך וואָלט אַרויסגעפאָרן אויף אַן אַנדער דירה, בכדי פּטור צו ווערן פון אַזאַלכע באַגעגענישן און שלום־עליכמס, אָבער איך האָב געהאַט

אַ פיינעם צימער, פון פענסטער האָט זיך געזען אַ ברייטע וועלט, און עס איז געווען אַזוי שטיל אין גאַס... איך האָב געליטן.

און פּלוצלונג, אין אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך געוואַל־גערט אויף מיין בעטל און האָב געהאָרעוועט מיטן שכל אויסצו־טראַכטן עפּעס אַ תירוץ, כּדי איך זאָל ניט דאַרפן גיין אויף די לעק־ציעס, — עפנט זיך אויף די טיר, און די עקלהאַפטע טערעזע רופט אויס פון שוועל מיט איר באַס:

— איר זאָלט זיין געזונט, פּאַנע סטודענט!

— וואָס דאַרפט איר האָבן?—זאָג איך. איך טו אַ קוק — דער פּנים איז ביי איר פאַרשעמט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן וואָס צו בעטן... עפּעס גאָר ווי ניט איר פּנים.

— אָט זעט איר, פּאַנע, איך וועל ביי אייך בעטן מיר טאָן אַ טובה... זעט—זאָגט מיר ניט אָפּ!

איך ליג, שוויג און טראַכט:

אַן אָנשטעל! אָן אָנגריף אויף מיין צניעות, ניט מער און ניט ווייניקער! זי ביי זיך שטאַרק, יעגאָר!

— איך דאַרף, זעט איר, אַוועקשיקן אַ בריוו אַהיים,—זאָגט זי און אַזוי שטיל, מיט געבעט, מיט ענוות.

— ע, קלער איך ביי זיך, — דער טייוול קען דיר נעמען! גוט, כ'וועל דיר טאָן די טובה!

איך האָב זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצטביים טיש, גענו־מען אַ בויגן פּאַפּיר און זאָג:

— גייט צו אָט אַהערצו־צו, זעצט זיך און זאָגט, וואָס איר ווילט שרייבן...

זי גייט צו, זעצט זיך אַוועק פאָרזיכטיק אויף אַ שטול און קוקט אויף מיר מיט אַ רחמנות־פּנים.

— זאָגט־זשע; צו וועמען איז דער בריוו?

— איבער דער וואַרשעווער באַן, אין שטאָט סווענציאַן, צו באָלעסלאַוו קאַשפּוט...

— וואָס זאָל איך שרייבן... זאָגט...

— מיין ליבער באָלעס... האַרץ מיין... מיין טרייער געליב־טער... זאָל דיך באַהיטן גאָטס מוטער! מיין גאָלדענע האַרץ, פאַר־

וואָס האָסטו אַזוי לאַנג ניט געשריבן דיין טייבעלע טערעזע, וואָס איר האַרץ קרענקט נאָך דיר...

איך האָב שיר ניט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַ פיינע „טייבעלע״! הויך ווי עוג מלך הבשן, מיט אַ קולאַק, וואָס וועגט אַ פוד, און מיט אַזאַ שוואַרצן פּרצוף, פּונקט ווי די טייבעלע וואָלט איר גאַנץ לעבן געווען אַ קוימען-קערער און זיך קיינמאָל ניט גע-וואַשן! איך האָב זיך מיט גרויסע צרות איינגעהאַלטן, און פרעג:

ווער איז ער אָט דער באַלעסט?

— באַלעס, פאַנע סטודענט,—איז זי אויף מיר ברוגז גע-וואָרן דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרדרייט דעם נאָמען (באַלעסט הייסט אַ חולאַת).—ער, באַלעס, איז מיין חתן...

— אַ חתן?!?

— וואָס איז דער פאַן אַזוי נשתומם געוואָרן? וואָס איז, אין בין קיין מיידל ניט, וואָס איך קען שוין קיין חתן ניט האָבן?

זי, אַ מיידל!... פיין, אַ?

— אָך, פאַרוואָס ניט! אַלץ קען זיין... און שוין לאַנג, ווי איר זייט חתן-כלה?

— דאָס זעקסטע יאָר.

„אַהאָ!״ טראַכט איך ביי זיך. נו, האָבן מיר אָנגעשריבן דעם בריוו. אַזאַ, זאָג איך אייך, צאַרטן ליבעס-בריוו, אַז איך גופא וואָלט זיך געביטן מיט באַלעסן, אויב די שיקערקע פון ברי-וועלע וואָלט געווען ניט טערעזע, נאָר אַן אַנדער באַשעפעניש, אַ ביסל קלענער פון איר.

— אָט, אַדאַנק אייך, פאַנע, פאַר דער טובה פון גאַנצן האַרצן!—זאָגט מיר טערעזע און פאַרבויגט זיך. אפשר קען איך אייך אויך מיט וואָס ניט איז אָפּדינען?

— ניין, ניין, אַ גרויסן דאַנק!

— אפשר זיינען ביי דעם פאַן די העמדער און די הויזן אין לעכער?

איך פיל, אַז דערדאָזיקער העלפאַנד אין ספּאָדניצע מאַכט מיך רויט ווי אַ בוריק, און איך בין איר מודיע קורץ און שאַרף, אַז אין אירע טובות נייטיק איך זיך ניט.

זי איז אַוועק.

עס זיינען פאַרביי אַ צוויי וואָכן... אָוונטצייט. איך זיץ ביים פענסטער און פייף, און קלער, ווי אַזוי פירט מען אויס, אַז איך זאָל ניט קלערן פון זיך אַליין? עס איז אומעטיק, און דאָס וועטער איז פאַסקודנע, גיין ווילט זיך ערגעץ ניט, און פון גרויס אומעט פאַנג איך אָן צו גריבלען, צו קאַלופּן זיך אין דער נשמה. דאָס איז אַפילו אויך אַן אומעטיקער עסק, אָבער קיין שום אַנדער זאַך האָט זיך ניט געוואָלט טאָן. עס עפנט זיך די טיר — דאַנקען גאָט! עמיצער איז געקומען...

— דער פאַן סטודענט איז ניט פאַרנומען מיט אַ נייטיקן אינטערעס?

טערעזע! המ...

— ניין .. וואָס איז?

— כ'וואָלט געבעטן דעם פאַן אָנשרייבן פאַר מיר נאָך אַ בריוו...

— גוט... צו באָלעיסן?

— ניין, איצטער שוין פון אים...

— וואָ-אָ-אָס?

— אָ סאַר אַ נארישע פרוי איך בין! ניט אַזוי האָב איך, פאַנע, געזאָגט, האָט קיין פאַראיבל ניט! איצטער, זעט איר, דאַרף איך ניט פאַר מיר, נאָר פאַר אַ חברטע... כ'מיין, ניט פאַר אַ חברטע, גאָר... פאַר איינעם אַ באַקאַנטן... אַליין קען ער ניט שרייבן... און ער האָט אַ כלה, אָט אַזוי ווי איך... טערעזע... איז אָט אפשר קען דער פאַן אָנשרייבן אַ בריוו צו יענער טערעזע?

איך קוק אויף איר—די צורה פאַרשעמט, די פינגער ציטערן, משמעות זי קריכט און קען ניט אַרויסקריכן—און... איך הייב אָן צו טרעפן, וואָס דאָ טוט זיך.

— אָט וואָס, ליבע פרוי,—זאָג איך,—איר האָט ניט קיין שום באָליעסעס און קיין שום טערעזעס און איר קלערט דאָס אַלץ אויס פון אייער אייגענעם קאָפּ. און פון מיר וועט איר קיין שום ביינדל ניט אָפּלעקן און ווערן מיט אייך באַקענט וויל איך ניט... איר האָט פאַרשטאַנען?

מיטאַמאָל האָט זי זיך עפּעס מאָדנע דערשראָקן, זיך פאַרלאָרן, זיך גענומען טאָפּטשען אויף איין אָרט און אַזוי לעכערלאַך מאַכן מיט די ליפּן; זי האָט אפּנים געוועלט וואָס זאָגן, אָבער די ווערטער זײַנען געבליבן שטעקן אין האַלז. איך וואַרט, וואָס עס וועט אַרויס פון דעם; און איך זע און פיל, אַז איך האָב, דאַכט זיך, אַ ביסל געהאַט אַ טעות, ווען איך האָב זי חושד געווען, אַז זי וויל מיך אַראָפּפירן פון דרך הישר. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די מעשה איז דאָ גאָר אַנדערש.

— פאַן סטודענט,—האָט זי אָנגעפאַנגען, און ניט דעררײדנדיק, האָט זי פּלוצלונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך אומגעדרייט צו דער טיר ווי אַ סאָלדאַט און איז אַוועק. איך בין געבליבן מיט אַ פּאַסקודנעם געפיל אויפן האַרצן; איך הער—די טיר האָט זיך בײַ איר צוגעקלאַפּט, מיט אַ טראַסק — די ווײַבל איז משמעות שטאַרק אין כעס געוואָרן... איך האָב זיך באַרעכנט, אַז איך וועל צו איר אַרײַנגיין; כ׳וועל זי אַ רוף טאָן און אָנשרײַבן פאַר איר אַלץ, וואָס זי דאַרף דאָרטן האָבן.

איך גיי אַרײַן צו איר אין צימער—איך זע, זי זיצט בײַם טיש, האָט זיך אָן אים אָנגעשפּאַרט און דעם קאָפּ האַלט זי צונויפגעקוועטשט מיט די הענט.

— הערט נאָר אויס,—זאָג איך צו איר.

אַלעמאָל ווען איך דערצייל די געשיכטע און קום אָט צו דעם אָרט, פיל איך זיך עפּעס אַזוי טשיקאַווע... אַ נאַרישקייט, מער גאָרניט! יאָ...

— הערט נאָר אויס,—זאָג איך צו איר.

זי טוט אַ שפּרונג פון אָרט, קריכט אויף מיר, בלישטשענדיק מיט די אויגן, לייגט מיר אַרויף בײדע הענט אויף די פּלייצעס און הייבט אָן צו שעפּטשען... וואָס זאָג איך שעפּטשען? צו דונערן מיט איר באַס...

— נו, וואָס איז? נו? אַזוי! ס׳איז ניטאָ קיין שום באַליעס, ס׳איז ניטאָ... און טערעזע איז אויך [illegible]! און וואָס איז אייך פאַר אַ דאגה? אייך איז שווער צו [illegible] מיט דער פען איבערן פאַפּיר, יאָ? אוי, איר מענטש אייבער! און נאָך אַזאַ... ווייסינקער! קיי-

נער איז ניטאָ, ניט קיין באָליעס, און ניט קיין טערעזע, נאָר איך אַליין בין דאָ! נו, וואָס איז, נו?

— זייט מוחל, — זאָג איך אַ פֿאַרטומלטער פֿון אַזאַ קבלת פּנים,—פֿון וואָס האַנדלט זיך דאָ? קיין באָליעס איז ניטאָ?

— יאָ, ניטאָ! נו, וואָס איז?...

— און קיין טערעזע—איז אויך ניטאָ?

— און קיין טערעזע איז ניטאָ! איך בין טערעזע!

איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין! איך גלאָץ אויף איר די אייגן און וויל טרעפֿן, ווער פֿון אונז ביידן האָט פֿאַרלאָרן דעם שכל? און זי איז ווידער אַוועק צום טיש, האָט דאָרטן גענומען עפּעס זוכן, גייט צו צו מיר און זאָגט ברוגזדיק:

— אויב אייך איז שוין געווען אַזוי שווער אָנצושרייבן באָלעיסן, טאָ אָט איז עס, אייער שרייבאַכטס, נאַט אייך! און איך וועל געפֿינען אַנדערע, וואָס וועלן מיר אָנשרייבן...

איך טו אַ קוק—אין האַנט האַלט איך דעם בריוו צו באָליעסן. טפֿו זאָל דאָס ווערן!

— הערט נאָר, טערעזע! וואָס טוט זיך דאָ? צו וואָס דאַרפֿט איר, אַז אַנדערע זאָלן אייך שרייבן, ווען איך האָב אייך אָט אָנגעשריבן אַ בריוו, און איר האָט אים ניט אָפּגעשיקט?

— וואו?

— אָט צו דעמדאָזיקן... צו באָליעסן?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז קיין שום באָליעס איז ניטאָ!

איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין קיין איין וואָרט! די איינציקע זאַך, וואָס איז געבליבן צו טאָן, איז געווען אַ שפּיי טאָן און אַוועקגיין. אָבער זי האָט מיר גענומען געבן צו פֿאַרשטיין.

— נו, וואָס איז?—האָט זי אָנגעפּאַנגען ברוגזדיק.—ער איז ניטאָ, און געפּטרט!—און זי האָט ברייט אויסגעשטעלט די הענט, אַזוי ווי זי וואָלט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער איז ניטאָ. — און מיר ווילט זיך, ער זאָל יאָ זיין... איך בין דען ניט אַזאַ מענטש ווי אַלע? געוויס, בין איך... איך ווייס... אָבער וועמען קומט אַרויס אַ רעה דערפֿון, וואָס איך שרייב צו אים?...

— זייט מוחל—צו וועמען?

— צו באַליעסן, איך זאָג דאָך אייך!

— אָבער ער איז דאָך גאָר ניטאָ?

— אַך, טאַטע זיסער! נו, וואָס איז, אַז ניטאָ. נו? ניטאָ, און כלומרשט יאָ דאָ!... איך שרייב צו אים, נו, איז קומט אויס, ווי ער וואָלט יאָ געווען... און טערעזע—דאָס בין איך, און ער ענטפערט מיר, און איך אים ווידער...

איך האָב פאַרשטאַנען... מיר האָט גענומען אַזוי מאָדנע צופּן פאַרן האַרצן, קאַלעמוטנע איז מיר געוואָרן, און פונקט ווי איך וואָלט זיך פאַר עפּעס פאַרשעמט. דערביי, דריי טריט פון מיר, לעבט אַ מענטש, וועלכער האָט אויף דער וועלט קיינעם ניט, וואָס זאָל אויף אים אַמאָל אַ קוק טאָן מיט ליבע, מיט אַ וואַרימען געפיל, און אָט דער מענטש קלערט זיך אויס פון קאָפּ אַ פריינד!

— אָט האָט איר מיר אָנגעשריבן אַ בריוו צו באַליעסן, און איך האָב אים געגעבן אַן אַנדערן איבערלייענען, און ווען מען לייענט מיר דעם בריוו, הער איך זיך צו און מיין, אַז באַליעס איז יאָ דאָ! און איך בעט אָנשרייבן אַ בריוו פון באַליסן צו טערעזען... צו מיר, הייסט דאָס. ווען מען שרייבט מיר אָן אַזאַ בריוו און מען לייענט אים, מיין איך שוין גאָר אינגאַנצן, אַז באַליס איז דאָ! און פון דאָס איז מיר לייכטער דאָס לעבן...

יאָ... זאָל דאָס גיין אין אַלדי העלן!... נו, אָט פון יענער צייט אָן האָב איך גענומען פּינקטלאַך צוויי מאָל אין וואָך שרייבן בריוולאַך: איינעם—צו באַליעסן און אַ צווייטן—אַן ענטפער פון באַליעסן צו טערעזען. גוט האָב איך געשריבן די ענטפערס. זי פלעגט זיי הערן און יאָמערן בשעת מעשה ווי אַ ביבער... מיט איר באַס. און דערפאַר, וואָס איך האָב ביי איר אַרויסגערופן טרערן מיט בריוולאַך צו איר פון דעם אויסגעטראַכטן באַליעסן, פלעגט זי מיר פאַרצירעווען די סקאַרפּעטקעס און פאַרנייען די לעכער אין די העמדער און אין אַלע זיבן זאַכן... דערנאָך, אין אַ חדשים דריי אַרום נאָך דער געשיכטע, האָט מען זי אַריינגעזעצט אין געפענגעניש, איך ווייס ניט פאַרוואָס. און יעצט איז זי שוין זיכער אויף דער וועלט ניטאָ.

מיין באַקאַנטער האָט אַראָפּגעטרייסלט די אַש פון זיין פּאַ=

פיראָס, פאַרטראַכטערהייט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און געענדיקט צו דערציילן:

— יאָ... וואָס מער אַ מענטש האָט געגעסן די ביטערע קרייטיכער, ווילט זיך אים אַלץ שטאַרקער צו פאַרזוכן דעם טעם פון זיסע זאַכן. און מיר פאַרשטייען דאָס ניט; מיר זיינען פול מיט אונזער אַלט-פרענקישער צניעות און קוקן איינער אויפן צווייטן מיט אַזעלכע אויגן, אַזוי ווי יעדער איינציקער פון אונז וואָלט טאַקע אין דער אמתן געווען זיכער, אַז ער איז אַ צדיק תמים ...

דאָס איז נאַריש און... זייער אכזריותדיק. אַ גרויסע זאַך, געפאַלענע מענטשן... און ווער, פרעג איך ביי דיר, זיינען זיי דאָס, די געפאַלענע מענטשן? קודם כל — מענטשן, דיזעלביקע ביינער, דיזעלביקע בלוט, דיזעלביקע פלייש און דיזעלביקע נערוון, וואָס מיר האָבן. טאָג איין, טאָג אויס דערציילט מען דאָס אונז שוין אַ היבש ביסל דורות. און מיר האָרכן און... צו אַלדי שוואַרץ יאָר. וואָס קען נאָך זיין נאַרישער? אָדער מיר זיינען שוין אינגאַנצן טויב געוואָרן פון די הילכיקע דרשות איבער מענטשן-ליבע?... מיר אַליין, אין תוך אַריין, זיינען דאָך אויך געפאַלענע, און, ווי איך פאַרשטיי, זיינען מיר זייער טיף געפאַלן... געפאַלן אין דעם אָפּגרונט פון אַ גרויסהאַלטן זיך. מיר זיינען איבערצייגט, איך ווייס ניט פאַרוואָס, אַז אונזערע נערוון און אונזער מאַרך פון קאָפּ זיינען בעסער פון די נערוון און דעם מאַרך פון די קליינע מענטשעלאַך, וועלכע זיינען ניט אַזוי כיטרע ווי מיר זיינען, קענען זיך ערגער פון אונז פאַרשטעלן פאַר גוטינקע... מילא, וואָס איז דאָ וועגן דעם צו ריידן. דאָס איז אַזוי אַלט... אַז עס איז גאָר אַ חרפה צו ריידן אַפילו... זייער אַלט... יאָ!

אַ בוך, וואָס לאָזט ניט שלאָפן.

איך בין ניט קיין חדר־יינגל; איך האָב אָפּגעלעבט, ברוך השם, פערציק יאָר אויף דער וועלט, און דעם דרך החיים קען איך אויסגעבונדן, ווי מיינע פינף פינגער. מיך דאַרף מען שוין אין חדר ניט פירן! איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, און בכדי זיי זאָלן קענען לעבן אָן זאָרג, האָב איך געמוזט צוואַנציק יאָר כסדר בויגן מיין רוקן אין דרייען; יאָ, דאָס איז גאָרניט אַזאַ לייכטע זאַך, און אָנגענעם זיכער ניט. אָבער יענע צייט איז פאַרביי. איצט וויל איך אויסרוען מיינע ביינער פון דער מאַטערניש פון לעבן; אָט דאָס בעט איך אייך צו האַלטן אין זינען, ר׳ קרוב!

ווען איך בין פריי פון דער אַרבעט, האָב איך האָלט צו לייענען. פאַר דעם קולטור־מענטשן איז לייענען אי אַ נויטווענדיקייט, אי אַ חיות. אַ בוך איז ביי מיר אויס די וועלט, און לייענען איז געוואָרן מיין ליבסטע געוווינהייט. אָבער איך בין ניט ווי יענע פאַרדרייטע קעפּ, וועלכע שלינגען אַריין איטלאַכס בוך, נאָר ווי אַ הונגעריקער אַ שטיקל טרוקענעם ברויט, וועלכע זוכן אין איטלאַכן כתב אַ נייע מתן־תורה, אַ וועג־ווייזער.

איך ווייס אַליין, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן, איך ווייס דאָס זייער גוט!

איך קלייב זיך אויס צו לייענען נאָר **גוטע** ביכער, איך מיין אַזעלכע, וואָס פילן אָן מיין האַרץ מיט אַ גוטן מוט. ווען דער שרייבער מאָלט די ליכטיקע זייטן פון לעבן און פאַרשטייט אויך דערביי פאָרצושטעלן אָנגענעם די שלעכטע זייט, דעמאָלט געפעלט ער מיר; אויב דער געבראָטנס איז ניט געראָטן — ניט פריש, צוגעברענט — דערפאַר אָבער איז דער סאָס געשמאַט. מיר, וועלכע האָבן דעם גאַנצן לעבן אָפּגעהאָרעוועט ווי אָקסן אָן אַ רגע מנוחה, מיר ווילן, אַז דאָס בוך זאָל אונז אַיינשלעפערן, ווי

אַ זומער־ווינטל, ווי דער זאַנפטער געריוש פון בלעטער, ווי פויגל־געזאַנג. אָט דאָס וויל איך אייך זאָגן, ר' קרוב!... רו, וואָס קיין טייוול זאָל מיר ניט צעשטערן, איז מיין הייליגעס רעכט, — און וואָסער חכם וועט מיר קומען זאָגן, אַז דאָס איז ניט אמת?

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך מיר געקויפט אַ בוך, איר ווייסט, פון די ביכער, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון די היינ־טיקע פיל־גערימטע שרייבער.

אין אָוונט האָב איך פונאַנדערגעשניטן די בלעטלאַך און גענומען לייענען. איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב ניט אַ סך צוטרוי צו די יונגע „סימפאַטישע" טאַלאַנטן. איך ליב טור־געניעוון; ער איז אַ זאַנפטער, רואיקער שרייבער; ווען מען לייענט זיינע ווערק, דוכט זיך אויס, ווי מען וואָלט געטרונקען פעטע מילך, און עס קלערט זיך דערביי: דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין מלך סאָבעצקעס יאָרן, וואָס קען דאָס מיר אָנגיין? גאַנטשאַראָוון האָב איך אויך האָלט: זיין שרייבן איז מחיהדיק סאָלידנע, פרידלאַך און איבערציייגנדיק.

איך האָב בכן גענומען לייענען. טאַטע זיסער, וואָס איז דאָס? דער לשון איז קאָרעקט, שיין, פליסיק; דער אינהאַלט — איך זאָג אייך, ר' קרוב, אַז מער אומפּאַרטייאיש קען גאָרניט זיין. בקיצור — אויסגעצייכנט! איך האָב אָפּגעפּטרט איין דערציי־לונג, צוגעקלאַפּט דאָס ביכל און זיך אַ ביסל פאַרטראַכט. זי האָט אַפילו איבערגעלאָזן ביי מיר אַן אומעט אין האַרצן, אָבער שפּע־טער איז דער איינדרוק פאַרשוואונדן געוואָרן, און איך האָב גע־קענט מאריך זיין מיין לייענען אָן סכנות נפשות. איך האָב דאָרטן ניט געפונען קיין גראָבע שטיק, צווייידייטיקע רייד, אַ וואונק אויף די רייכע קלאַסן, און אויך האָט דער שרייבער זיך ניט באַמיט אַרויסצושטעלן די נידעריקע און נויט־ליידנדיקע מאַסן פאַר אַ מוסטער פון אַלע גוטע מעלות. איך לייען דורך אַ צווייטע דערציילונג, — אויף מיין ערנוואָרט, בעסער קען גאָר ניט זיין! בראַוואָ!...

מען דערציילט אַ מעשה, אַז ווען אַ כינעזער וואַרפט אַן אומחן אויף זיינעם אַ גוטן ברודער און וואָלט אים וועלן פאַרסמען, טראַקטירט ער אים מיט אינגבער־קאָמפּאָט. דאָס איז זייער אַ גע־

שמאַקע אכילה, וואָס מען קען זיך דערמיט גאָר קיינמאָל זאַט ניט אָנעסן; מען עסט עס אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען עסט זיך איבער און מען ציט אויס די פיס...

אָט אַזאַ מין מעשה האָט משמעות פּאַסירט אויך מיט דעם ביכל. איך האָב עס דורכגעלייענט ביז דער לעצטער שורה, שוין ליגנדיק אין בעט, און ווען איך בין פּאַרטיק געוואָרן, האָב איך אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און געוואָלט איינשלאָפן. איך האָב זיך רואיק אויסגעצויגן; אין שלאָפצימער איז געוואָרן פינסטער און שטיל.

פון העלער הויט האָב איך גענומען פילן עפּעס גאָר אַן אומגעוויינלאַכע דרייעניש אין מוח, אַזוי ווי אָסיענדיקע פליגן, איר ווייסט, דער סאָרט פליגן, וואָס איר קענט פון זיך בשום אופן ניט אָפּטרייבן, וואָלטן מיך אַרומגערינגלט און אין דער שטיל גענומען זשומען אַזוי ווי זיי וואָלטן צו מיר אַרויפגעקלעטערט אויפן נאָז, אויף די אויערן, אויפן קינבאַק און וואָלטן מיך געקיצלט מיט זייערע פיסלאַך.

איך האָב געעפנט די אויגן, אָבער איך האָב גאָרניט געזען; מיין גוטער מוט איז פונדעסטוועגן פון מיר אַוועק; ניט־ווילנדיק האָב איך געמוזט קלערן פון דעם איבערגעלייענטן ביכל; פינס־טערע געשטאַלטן האָבן זיך מיר אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע גייַ־סטיקע אויגן—דאָס זיינען געווען העסלאַכע, שטומע, בלייכע באַ־שעפענישן, אָן אַ פיצל בלוט אין פנים; איך זע, אַז זייער לעבן איז מיזעראַבל און אָן אַ שום האָפענונג.

איך קען ניט איינשלאָפן.

אין קאָפּ קריכן אַרום טרויעריקע געדאַנקען; פונוואַנען האָבן זיי זיך גאָר געקענט נעמען? איך האָב אָפּגעלעבט 40 יאָר, 40! מיין מאָגן וויל שוין מערניט פאַרדייען דעם עסן, ווי עס געהער צו זיין. מיין פרוי זאָגט—המ—אַז איך ליב זי שוין מער ניט מיט אַזאַ פייער ווי פאַר פינף יאָרן. מיין זון איז אַ אי־דיאָט, יאָ, אַ פשוטער אידיאָט. ער לערנט זיך אָפּשיילאַך, ער איז פויל, גייט אַרום פוסט און פּאַס און לייענט אַלערליי שונד. עס איז אַ חידוש, פונוואַנען עס נעמען זיך גאָר אַזעלכע שעדלאַכע

ביכער! ביי מיין ווייב פאַנגען זיך אָן צו באַווייזן אויפן פּנים קנייטשן, זי וויל אָבער נאָך אַלץ, מען זאָל זי האַלט האָבן. מיין דינסט איז געווען, ווען מען זאָל זי געניי באַטראַכטן, די סאַמע נאַרישע, וואָס קען נאַר געבן, און מיין גאַנץ לעבן, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ צוועק האָט עס אייגנטלאַך?

אָבער גענוג צו פאַנטאַזירן! איך עפן אויף די אויגן — רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס?

דאָט בוך שטייט לעבן מיין בעט. דאָס איז אַ דינע, פאַרטריקנטע באַשעפעניש מיט לאַנגע פיס, וואָס האָבן ניט, דוכט זיך, אויף זיך קיין שטיקל פליישׁ. די באַשעפעניש טוט מיר סאַרקאַסטיש אַ וואונק און שעפּטשעט מיט אירע בלעטער:

— נו, וואָס האָסטו אויפגעהערט צו קלערן? —

דער שאָטן האָט אַ לאַנגן פאַרטרויערטן פּנים, די אויגן זיינע בלישטשען, גרויסע יסורים שפיגלען זיך אָפּ אין זיי, דער בליק פאַרקריכט טיף אין דער נשמה אַריין.

— איבערלייג זיך נאַר, טו נאַר אַ ביסל אַ טראַכט, צו וואָס האָסטו אייגנטלאַך אָפּגעלעבט 40 יאָר? וואָס האָסטו פאַר דער צייט אויפגעטאָן, און וואָס פאַר אַ נוץ האָט געבראַכט דיין לעבן? קיין איינציקער נייער געדאַנק איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון דיין מוח. אין די גאַנצע 40 יאָר האָסטו ניט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל זיין שׂכלדיק און זעלבשטענדיק. אין דיין ברוסט האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט אויפגעוואַכט אַ געזונט און שטאַרק געפיל. און ווען דו האָסט חתונה געהאַט, האָסטו גענומען דיין פרוי אַז אויס אמתער ליבע, נאַר ווייל נאָך דיין חשבון איז אויסגעקומען, ניט גראָד דעמאָלט האָסטו געדאַרפט האָבן אין הויז אַ פרויענצימער פאַר דיר און פאַר דיין גוף. אַ האַלבן לעבן האָסט זיך געלערנט און וואָס איז געווען די פעולה? אין דער צווייטער העלפט לעבן האָסטו פאַרגעסן די תורה, וואָס דו האָסט אויסגעלערנט אין דער ערשטער העלפט, און דיין אייניציקע דאגה איז געווען — צו געניסן וואָס מער פון די גוטע זאַכן, וואָס דאָס לעבן גיט. דער צוועק פון דיין לעבן איז געווען צו האָבן פאַרגעניגן און זיין זאַט. דו ביסט אַ טויגעניכטס, אָן אַ שום אינהאַלט. און קיינער דאַרף

דיך ניט האָבן, און ווען דו שטאַרבסט אַוועק, וועט קיין שפּור פון דיר ניט פאַרבלייבן, ווי דו וואָלסט גאָר קיינמאָל ניט געלעבט אויף דער וועלט! —

דאָס פאַרפּלוכטע בוך האָט זיך צו מיר אַלץ נעענטער גע־רוקט, אָט ליגט עס ווי אַ קאָשמאַר אויף מיין ברוסט און ווערגט מיך; זיינע בלעטלאַך שעפּטשען:

— עס זיינען פאַראַן אויף דער ערד צענדליקע טויזנטער, וועלכע לעבן אַזוי ווי דו. יאָר איין, יאָר אויס, ליגט איר, ווי פּרייסן אין קיך, אין אייערע וואַרימע לעכער, און אייער לעבן איז אָן אַ טרייסט און אויסגעוועבט. —

איך הער זיך צו מיט ביידע אויערן צו די רייד, און עס דוכט זיך מיר, אַז לאַנגע, קאַלטע פינגער צופּן מיר ביים האַרצן. איך פיל זיך עלנד, אומרואיק. אַ סך פריידן האָב איך קיינמאָל ניט געזען אין לעבן. איך קוק אויף מיין לעבן בלויז ווי אויף אַ פליכט, וואָס איז געוואָרן אַ פּשוטע געוווינהייט. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך אייגנטלאַך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט ערנסט וועגן דעם (איך דאַרף זיך אין דעם מודה זיין), איך האָב געלעבט אָן אַ שום געדאַנק. פּלוצלונג שיקט אָן דער טייוול אָט דאָס נאַ־רישע ביכל, און באַפאַרבט מיין לעבן אין טרויעריקע, פינסטערע פאַרבן.

— מענטשןליידן, פאַרלאַנגען עפּעס, שטרעבן צו עפּעס, און דו—דו ביסט געווען אַ באַאַמטער, אַ טשינאָווניק. צו וואָס? מיט וואָס פאַר אַ צוועק? וואָס האָט דאָס געהאַט פאַר אַ זין? האָט דאָס דיר אפשר פאַרשאַפט פאַרגעניגן! אָדער האָט דאָס עמיצן געבראַכט אַ נוץ? נאָך וואָס האָסטו אייגנטלאַך געלעבט?

די אַלע קשיות האָבן מיר באַלעסטיקט און געמאַטערט. איך האָב ניט געקענט איינשלאָפן. אַ מענטש מוז דאָך אָבער שלאָפן.

די העלדן פון בוך האָבן אויף מיר ארויסגעקוקט מיט שטאַ־רע אויגן פון די בלעטלאַך און כּסדר געפרעגט:

— מיט וואָס פאַר אַ צוועק האָסטו געלעבט אויף דער וועלט?

— דאָס איז ניט אייער דאגה,—האָב איך זיי געוואָלט ענט־פערן, אָבער קיין איין וואָרט האָט ניט געקענט אַרויסגיין פון מיין

מויל. אין די אויערן האָט ביי מיר גערוישט און געזשוזשעט. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די כוואַליעס פון ים האָבן אַ כאַפּ געטאָן מיין בעט, אַ שאָקל געטאָן, אויפגעהויבן אין דער לופטן און אַרויסגעטראָגן אין די ווייטע וואַסערן אָן ברעגעס. די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענער צייט פון מיין לעבן האָבן אין מיר אַרויס־גערופן אַ מין ים־קראַנקהייט. איך קען שווערן, אַז אַזאַ שלעכטע נאַכט האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט — ניט פריער און ניט שפּעטער.

און איצטער פרעג איך אייך, ר׳ קרוב, וואָס פאַר אַ נוץ קען, צום ביישפּיל, ברענגען אָט אַזאַ מין ביכל? עס שטערט בלויז אונזער מנוחת הנפש, לאָזט אונז ניט שלאָפן. נאָך מיין שכל נאָך, דאַרף אַ בוך שטאַרקן די ענערגיע! ווען עס שיט אונז אָבער נאָד־לען אין בעט אַריין, קען עס אונז נאָר שאַטן, און מער גאָרניט! אַזעלכע ביכער דאַרף מען פאַרבאָטן, פאַרניכטן, פאַרברענען! וואָס דאַרף אייגנטלאַך האָבן דער מענטש? פרייליכקייט — אָט וואָס; פאַרדרוס האָט ער אָן דעם אויך גענוג.

איר וועט מיך פרעגן, וואָס איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען אַ איינפאַכער. ווען איך בין אינדערפרי אויפגעשטאַ־נען, ווילד ווי אַ טייוול, רחמנא לצלן, האָב איך אַוועקגעטראָגן דאָס בוך צום איינבינדער, און ער האָט עס איינגעבונדן אין אַ פּאָר שטאַרקע טאָוולען. איצט שטייט דאָס בוך אויפן אונטערשטן ברעט פון מיין ביכער־שראַנק, און ווען איך בין אויפגעלייגט, גיב איך אים אַ שטויס מיטן פוס און טו אַ פרעג:

— נו, ברודערקע, וואָס האָסטו אויסגעפירט? — הע־הע!...

אַ ל י ג ן.

פון דער דערציילונג „נאָכמאָל וועגן טייוול״.

איך האָב געהאַט אַ חבר—הלוואי זאָל גאָט אויסלעשן זיין היציקע נשמה! מחמת גאָך וואָס דאַרף זי ברענגען דאָרטן, אין די קאַלטע און וויסטע מקומות פון וויטן צפון, וואו ער איז אוועקגעפאָרן ניט מיט זיין אייגענעם ווילן?

גאָט, לעש אויס זיין נשמה! מחמת איר פייער וועט דאָרטן גאָרניט באַלייכטן חוץ אַ מדבר. די בערג שניי אין די מדבריות וועלן ניט צעגיין פון דעם פייער פון זיין נשמה, און די שווארצע וואָלקנס פון אומעט פון דעם עלנדן וועלן ניט פאַרשוואונדן ווערן, ווי אַ רויך ווערט פאַרשוואונדן פאַרן פייער.

איך האָב געהאַט אַ חבר... יונג איז ער געווען בשעת ער איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אמאָל איז ער געפאָרן צו מיר צו גאַסט, אָבער ער האָט צו שטאַרק ליב געהאַט גלייכע וועגן, און איז דערפאַר ניט פאַרפאָרן צו מיר און גלייך אוועקגעפאָרן אַהין, וואו ער געפינט זיך עד־היום און פונוואַנען ער וועט זיך שוין מער ניט אומקערן צוריק...

ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט אַן אַלטער מאַמען; זי איז דעמאָלט אַלט געווען דריי און זעכציק יאָר און דער טויט איז געשטאַנען ביי איר הינטערן רוקן. איך האָב געוואַרט אויף מיין חבר און אין דעמזעלבן טאָג האָב איך פון איין זייט געקראָגן צו וויסן, אַז ער וועט שוין צו מיר ניט קומען, און פון דער אַנדער זייט—אַ בריוו פון זיין מאַמען, וועלכע האָט ביי מיר געפרעגט, אויב ער איז שוין געקומען, האָט מיך געבעטן צוהיטן זיין נשמה און זיין גוף, איר שרייבן—ווי אַזוי מיר פאַרברענגען די צייט צוזאַמען, ווי ער פילט זיך ביי מיר צו גאַסט...

איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו און זיך פאַרגעשטעלט איר דער מוטערס בילד, פונקט ווי איך האָב זי געקענט—קראַנק,

אַלט, צעבראָכן, מיט גוטע, ווייכע אויגן, וואו עס האָט געברענט מערניט, ווי ליבע אָן אַ מאָס צום זון... דער גאַנצער זין פון שוואַכן, קראַנקן לעבן איז געלעגן אין זאָרגן וועגן אים, אין קלערן פון זיין גליק...

— דערציילן איר דעם אמת? — האָב איך אַליין ביי זיך אַ פרעג געטאָן...

עס איז פאַראַן אַ מין אמת, וואָס איז נויטיק פאַרן מענטשן; דאָס ברענט אויס פון זיין האַרצן דעם שמוץ און די געמיינהייט מיטן פלאַם פון בושה—לאַנג לעבן זאָל ער, אָט דער אמת!

און עס איז פאַראַן אַ מין אמת, וואָס פאַלט אַרויף ווי אַ שטיין דעם מענטשן אויפן קאָפּ און הרגעט אַוועק אין אים די לוסט צו לעבן—פאַרלאָרן זאָל דאָס גיין, אָט דער אמת!...

אויב איך זאָל זאָגן דער מאַמען, אַז איר זון איז פאַר איר אויף אייביק בעלם געוואָרן, וועל איך זי אין בעסטן פאַל מיט איין קלאַפּ אַוועקהרגענען... אין אויב זי וועט ניט שטאַרבן פון דעמדאָזיקן געמיינעם און שרעקלאַכן אמת—וועט איר לעבן פאַרלירן דעם זין אין אירע לעצטע טעג וועלן זיין פאַרסמט מיט אַן אומדערטרעגלאַכן ווייטאָק און מיט יסורים, וואָס קיינעם ברענגען זיי קיין טובה ניט... אַכט און צוואַנציק יאָר, פול מיט מי און פּלאָגעניש, האָט זי מיט אַלע כּוחות באַהיט די טעג פון איר זון, און אָט דאָ, פאַרן טויט, האָט מען ביי איר צוגענומען איר איינציקע טרייסט—דעם גליק צו וויסן, אַז איר זון איז אויפגעוואַקסן, איז שטאַרק און אָן דער מאַמען און אָן איר שטיצע איז ער בכוח אָנצופירן מיט מוט דעם לעבנס-קאַמף און—זי גלויבט אין דעם—ער וועט בלייבן דער זיגער... און איך וועל קומען און איר זאָגן—אַז ער איז באַזיגט...

ניין, איך וועל בעסער זאָגן אַ ליגן!

און דריי חדשים כּסדר, ביזן טאָג פון איר טויט, האָב איך איר געשריבן בריוו מיט איר זונס האַנטשריפט און איטלאַכן בריוו אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— מיין ליבע, גוטע מאַמינקע!

זי האָט מיר געענטפערט אויף די בריוו מיט לאַנגע כּתבים,

וואו זי האָט באַוויזן, ווי נייטיק עס איז צו טראָגן וואָלענע העמד־לאַך, און געשריבן האָט זי דאָס מיט אַ גרעסערער היץ פון אַ לוטערן, ווען יענער האָט געפּריידיקט זיינע רעפאָרמען אין דער קאַטוילישער אמונה. איך האָב איר דערציילט מיטן מויל פון איר זון, ווי גליקלאַך ער לעבט, ווי פריילאַך עס איז אים; האָב באַ־שריבן מיט אַלע פּיטשעווקעס, ס'אַר אַ מחושב ער איז צווישן מענטשן, ווי גוט עס גיט זיך אים איין אַלץ, וואָס ער טוט; האָב אָנגעגנומען אָן אַ ווידערשפּרוך אירע פאָדערונגען, בין געווען צאַרט, ווייך, גליקלאַך.

מלא שימחה האָט זי צו מיר געשריבן:

— מיין גוטינקער יינגעלע! דו ביסט נאָך קיינמאָל ניט גע־ווען אַזאַ ליבער, אַזאַ צערטלאַכער ווי איצטער, אין דיינע בריוו צו מיר. אַ דאַנק דיר, מיין טייערער, דערפאַר, וואָס דו מאַכסט רייך מיינע לעצטע טעג מיט די אוצרות פון דיין ריינעם האַרצן.—

איך האָב געמאַכט שטאַרקער די העלע פאַרבן פון מיין פאַנטאַזיע און האָב איר געשריבן, ווי גוט עס איז צו לעבן, ווען מען האָט אַזאַ וואונדערלאַכע, הייליקע מאַמען; זי האָט מיר געענטפערט—ווי גוט עס איז צו שטאַרבן, ווען מען האָט אַזאַ פיינעם גליקלאַכן זון... און זי איז געשטאָרבן גלויבנדיק, אַז איר זון איז גליקלאַך... און ער איז אין דערזעלביקער צייט גע־זעסן אין תפיסה, ערגעץ אויפן וועג צום וויייטן צפון...

דער שטורים=פויגל *).

איבער די גרויע כוואַליעס פון ים קלייבט צונויף דער ווינט די וואָלקנס; צווישן די וואָלקנס און דעם ים שוועבט אין דער לופט מיט שטאָלץ דער שטורים=פויגל, און ער זעט אויס ווי אַ שוואַרצער בליץ.

דאָ רירט ער זיך אָן מיטן פליגל אָן דער כוואַליע, דאָ הייבט ער זיך אויף ווי אַ פייל פון בויגן צו די וואָלקנס און שרייט—און די וואָלקנס הערן, ווי אין דעם מוטיקן געשריי פון פויגל קלינגט פרייד.

אין דעם געשריי—איז אַ דאָרשט נאָך אַ שטורים! אין דעם געשריי הערן די וואָלקנס די מאַכט פון-כעס, די פלאַמען פון ליבשאַפט און די זיכערקייט אין זיג.

די מעוועס יאָמערן פאַר דעם שטורים—יאָמערן, וואַרפן זיך איבערן ים און ווילן באַהאַלטן אויפן דעק זייער שרעק פאַרן שטורים.

און די גאַגאַרן יאָמערן אויך—זיי, די גאַגאַרן, האָבן ניט די מעלה צו קוויקן זיך מיטן קאַמף פון לעבן; דער דונער פון געשלעג שרעקט זיי.

דער נאַרישער פינגווין באַהאַלט זיין פעטן גוף אין די פעלזן... און נאָר דער שטאָלצער שטורים-פויגל טראָגט זיך מוטיק און פריי איבערן ים, וואָס איז גרוי פון שוים!

די וואָלקנס ווערן אַלץ שוואַרצער און לאָזן זיך אַלץ נידע=ריקער אַרונטער איבערן ים, און די כוואַליעס זינגען און טאַנצן, זיך רייסנדיק אינדערהויך, צום דונער.

דער דונער קראַכט, אין דעם שוים פון כעס יאָמערן די כוואַליעס, קעמפנדיק מיטן ווינט. אָט האָט דער ווינט שטאַרק אַרומגעאָרימט די רייע כוואַליעס און ער וואַרפט זיי אין אַ ווילדער

---

*) אין רוסיש בורעוועסטניק; דער פויגל באַווייזט זיך פאַר אַ שטורים.

בייזקייט מיטן גאַנצן כּוח אויף די פעלזן, און גאַנצע בערג פּערל צעשיטן זיך אין שטויב און שוים.

דער שטורים=פויגל, ווי אַ שוואַרצער בליץ, טראָגט זיך מיט אַ געשריי; ווי אַ פייל פון בויגן לעכערט ער דורך די וואָלקנס; דעם שוים פון די כוואַליעס רייסט ער אַרונטער מיטן פליגל.

אָט טראָגט ער זיך ווי אַ טייוול,—דער שטאָלצער, שוואַרצער טייוול פון שטורים,—און לאַכט, און יאָמערט... פון די וואָלקנס לאַכט ער, פון פרייד יאָמערט ער!

אין דעם כּעס פון דונער,—ער, דער טייוול, האָט אַ גוטן אויער,—הערט ער שוין לאַנג אַ מידקייט; ער איז זיכער, אַז די וואָלקנס וועלן די זון ניט פאַרבאָרגן — ניין, זיי וועלן זי ניט פאַרבאָרגן!

דער ווינט יאָמערט... דער דונער קראַכט...

די וואָלקנס פלאַקערן איבערן אָפּגרונד פון ים אין בלויע פלאַמען. דער ים כאַפּט די פיילן פון די בליצן און לעשט זיי אויס אין זיין טיפן שוים. ווי פייערדיקע שלאַנגען שפּרינגען אַרום אין ים די אָפּגעשיינטע בליצן.

— אַ שטורים! באַלד ברעכט אויס אַ שטורים!

דאָס איז דער מוטיקער שטורים=פויגל, וועלכער שוועבט שטאָלץ צווישן די בליצן איבערן ים, וואָס ברומט מיט אַזאַ כּעס; דאָס שרייט דער נביא פון זיג:

— זאָל דער שטורים זיין וואָס שטאַרקער

דער קיניג וואָס האַלט הויך זיין פּאָן.

... אַ דינער, באַוואָפנט מיט אַ לאַנגן שווערד און באַפּוצט מיט פיל בונטע אָרדנס, האָט מיך דורכגעפירט אין קאַבינעט פון זיין מאַיעסטעט און האָט זיך אַוועגעשטעלט ביים טיר לעבן מיר, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון מיינע הענט.

דער קיניג איז נאָך ניט געווען, און איך האָב אָנגעהויבן אויפמערקזאַם באַטראַכטן די לאַבאָראַטאָריע, אין וועלכע דער גרויסער מענטש האָט אויפגעטאָן אַלע זיינע מעשים, וועלכע האָבן פאַרוואונדערט די גאַנצע וועלט. דאָס קאַבינעט פון זיין מאַיעסטעט האָט פאָרגעשטעלט אַ צימער אַ פוס צוויי הונדערט אין דער לענג און ניט וויניקער ווי אַ פוס הונדערט אין דער ברייט.

דער סופיט איז געווען פון גלאָז. ביי דער לינקער וואַנט איז געווען אַ גרויסער באַסיין, אין וועלכן עס זיינען אַרומגעשוואומען מאָדעלן פון קריגס־שיפן. אין דער לענג פון וואַנט האָבן זיך געצויגן פאָליצעס; אויף זיי זיינען געווען סימעטריש אויסגעשטעלט קליינע פיגורעלאַך פון סאָלדאַטן, געקליידטע אין פאַרשיידענע פאָרמען. די רעכטע וואַנט איז געווען דורך און דורך פאַרנומען מיט מאָלבערטן, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעשטעלט אָנגעהויבענע בילדער. פאַר זיי זיינען אין די דילן געווען איינגעריכט גרויסע שטיקער שוואַרצע האָלץ און העלפאַנדביין; זיי זיינען געווען אויסגעלייגט אַזוי ווי די קלאַוויאַטור פון אַ פּיאַנע.

אַלע איבעריקע זאַכן האָבן אויך אויסגעזען גרויסאַרטיק.

— הערט נאָר, מיין פריינד, — האָב איך מיך געווענדט צום לאַקיי.

ער האָט אָבער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שווערד און געזאָגט

— איך בין צערעמאָניע־מייסטער...

— זייער אָנגענעם, — האָב איך געענטפערט, — ערקלערט מיר אָבער...

— ווען זיין מאַיעסטעט וועט אַרויסגיין און וועט אייך באַגריסן,—וואָס וועט איר אים זאָגן? האָט ער מיך איבערגעריסן אינמיטן די רייד.

— גוט מאָרגן!—האָב איך געענטפערט.

— דאָס וועט זיין אַ העזה!—האָט ער מיר ערנסט געגעבן צו וויסן און האָט מיך אָנגעהויבן צו לערנען, ווי מען דאַרף ענט-פערן דעם קיניג.

זיין מאַיעסטעט איז אַריין מיט געזונטע טריט פון אַ מענטשן, וואָס איז זיכער, אַז זיין פּאַלאַץ איז פעסט געבויט. דעם גרויס-אַרטיקן אויסזען פון זיין מאַיעסטעט ברענגט אַ פולע מיט דאָס, וואָס ער בייגט ניט צוזאַמען די פיס. האַלטנדיק אויסגעצויגן די הענט, רירט ער ניט מיט קיין איינציקן גליד. זיינע אויגן זיינען אויך אומבאַוועגלאַך; אַזוי ווי עס דאַרפן זיין די אויגן ביי אַ ווען, וואָס איז געוויינט צו קוקן גלייך אין דער צוקונפט, ניט אָפּ-קערנדיק זיך אָן אַ זייט. —

איך האָב מיך אַ נייג געטאָן, מיין באַגלייטער האָט אים מי-ליטעריש באַגריסט, זיין מאַיעסטעט האָט גנעדיק אַ ריר געטאָן מיט די וואָנצעס.

— מיט וואָס קען איך אייך באַגליקן?—האָט זיין מאַיעסטעט געפרעגט מיט אַ פייערלאַכער שטימע.

— איך בין געקומען, מאַיעסטעט, אַ טרונק טאָן אייניקע טראָפּנס פון דער אומשטערבלאַכער פליסיקייט פונם ים פון אייער חכמה!—האָב איך אים געענטפערט, ווי מען האָט מיך אויסגע-לערנט.

— איך האָף, אַז איך וועל נאָך דעם נאַרישער ניט ווערן? האָט שאַרפזיניק באַמערקט דער קיניג.

— דאָס איז אוממעגלאַך פאַר אייך, מאַיעסטעט! האָב איך מיט ערפורכט אונטערגעהאַלטן זיין שאַרפן וויץ.

— אַלזאָ וועלן מיר ריידן! האָט ער געזאָגט.—מיטן קיניג דאַרף מען ריידן שטייענדיקערהייט, נאָר איר קענט זיך זעצן... אויב דאָס שטערט אייך ניט...

איך ווער גיך געוויינט צו יעדער נייער לאַגע און דערי-

בער האָב איך מיך אַוועקגעזעצט. זיין מאַיעסטעט האָט שווייגעדיקערהייט אויפגעהויבן די שולטערן און אַראָפּגעלאָזן זיי. איך האָב באַמערקט, אַז ווען דער קיניג רעדט, באַוועגט זיך ביי אים נאָר דער צונג, אַלץ איבעריקס געפינט זיך אין גרויסאַרטיקער אומבאַוועגלאַכקייט. זיין מאַיעסטעט האָט געשטעלט צוויי גלייכע גרויסע טריט אָן אַ זייט, און האָט ווייטער געזאָגט, שטייענדיק אינמיטן צימער, ווי אַ מאָנומענט.

— אַלזאָ, איר זעט פאַר זיך דעם קיניג, ד. ה. מיך. ניט יעדערער האָט די מעגלאַכקייט צו זאָגן וועגן זיך: איך האָב געזען דעם קיניג! וואָס ווילט איר וויסן?

— ווי געפעלט אייך אייער באַשעפטיקונג?—האָב איך געפרעגט.

— זיין אַ קיניג, איז ניט קיין באַשעפטיקונג, נאָר אַ באַרוף! האָט ער מיר ערנסט געזאָגט.—גאָט און דער קיניג—זיינען אַזוינע צוויי וועזנס, וועלכע עס איז אוממעגלאַך צו באַגרייפן מיטן שכל.

זיין מאַיעסטעט האָט אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך, אין איין ליניע מיטן קערפּער, און ווייזנדיק מיטן פינגער אויף דעם גלאָז פון סופּיט, האָט ער פאָרגעזעצט:

— דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, כדי גאָט זאָל אַלעמאָל זען, וואָס דער קיניג טוט. נאָר גאָט אַליין פאַרשטייט דעם קיניג, נאָר גאָט אַליין קען אים קאָנטראָלירן... דער קיניג און גאָט זיינען באַשעפער. איינס, צוויי! און גאָט האָט באַשאַפן די וועלט! איינס, צוויי, דריי! און מיין זיידע האָט באַשאַפן דייטשלאַנד. און איך פאַרפולקום זי. איך און איינער אַן אונטערטאַן פון מיינע אורעלטערן, אַ געוויסער געטע,—מיר ביידע, קען מען זאָגן, האָבן מער פון אַלעמען אויפגעטאָן פאַר די דייטשן. פילייכט איך נאָך עטוואָס מער פון געטען. אַלנפאַלס בין איך אָן אַ ספק פילזייטיקער פון אים. זיין פאַאוסט איז, סוף־כל־סוף, פשוט אַ מענטש פון אַ צווייפלהאַפטער זיטלאַכקייט. איך האָב באַוויזן דער וועלט אַ געפאַנצערטן פאַאוסט *). דאָס האָבן אַלע גלייך פאַרשטאַ־

---

*) פאַאוסט הייסט אין דייטש — אַ קולאַק.

נען, אָבער וועגן צווייטן טייל פון געטעס בוך קען מען דאָס ניט זאָגן. יאָ...

— איר ווידמעט אַ פולע צייט דער קונסט, מאַיעסטעט? האָב איך געפרעגט.

— דאָס גאַנצע לעבן! האָט ער געזאָגט;—דאָס גאַנצע לעבן רעגירן איבער אַ פאָלק—דאָס איז די שווערסטע קונסט. כּדי פּול־קום צו קענען זי, דאַרף מען אַלץ וויסן. איך—ווייס אַלץ! די פּאָע־זיע—דאָס איז דעם קיניגס לעבן. מען דאַרף מיך זען בעת אַ פּאַ־ראַד, אום צו פאַרשטיין, ווי פאַרליבט איך בין אין אַלץ, וואָס עס איז שיין און האַרמאָניש. די פּאָעזיע פון דער דיסציפּלין, וועל איך אייך זאָגן, דאָס איז די אמתע פּאָעזיע. איר קען מען באַגרייפן נאָר אויף אַ פאַראַד און אין פערזן. אַ פּאָלק סאָלדאַטן—אָט איז אַ פּאָעמע! אַ וואָרט אין דער שורה פון פערז און אַ סאָלדאַט אין דער ריי — איז איינס און דאָס זעלבע... אַ סאָנעט — דאָס איז אַ „ווזוואָד" פון ווערטער, מיט דעם צוועק צו אַטאַקירן אייער האַרץ. אַ קאָמאַנדע: „אויף שפּיזן!" און אייער האַרץ ווערט דורכגעשטאָכן מיט אַ ריי שיינע גלייכקלינגענדיקע טענער. „ש־שיס!" און אייער שכל איז דורכגעשאָסן מיט צענדליקער ווערטער, צוגעטראָפן אין פּינטל... פערזן און סאָלדאַטן, זאָג איך אייך, איז איינס און דאָס זעלבע. דער קיניג איז דער ערשטער סאָלדאַט אין לאַנד, ער איז איר געטלאַך וואָרט, ער איז אויך איר ערשטער פּאָעט... אָט צוליב וואָס איך מאַרשיר אַזוי שיין און מאַך אַזוי לייכט פערזן... קוקט זיך נאָך איין. מאַר־ש!

זיין לינקע פוס האָט זיך אויך אויפגעהויבן אין דער הויך, און גלייך נאָך איר האָט זיך זיין רעכטע האַנט אויסגעגלייכט מיט זיין שולטער.

סמיר־נאָ! האָט דער קיניג געגעבן אַ קאָמאַנדע. דער פוס און די האַנט האָבן אויגנבליקלאַך פאַרנומען זייערע פריערדיקע ערטער. ער האָט ווייטער געזאָגט:

— דאָס ווערט אָנגערופן פרייע דיסציפּלין פון די גלידער. זי ווירקט אומאָפּהענגיק פונם באַוואוסטזיין. אַ מאַך מיטן פוס און די האַנט הייבט זיך שוין אַליין אויף — איינס! דער מוח שפּילט

דאָ גאָר קײן ראָלע ניט. דאָס איז כמעט װאונדערבאַר. אָט צוליב װאָס איז דערדאָזיקער סאָלדאַט דער בעסטער, בײ װעמען דער מוח אַרבעט גאָרניט. דעם סאָלדאַט ברענגט אַרײן אין באַװעגונג ניט דאָס באַװאוסטזײן, נאָר דער קלאַנג פון דער קאָמאַנדע... מאַר־ש! און ער גײט אין גן־עדן, אין גהינום, װאוהין איר װילט נאָר. אויף די שפּיזן! און ער שטעכט דורך זײן אײגענעם פאָטער, אויב זײן פאָטער איז אַ סאָציאַליסט, — די מוטער, דעם ברודער... אַלץ אײנס! ער האַלט אין אײן טאָן, ביזװאַנען ער דערהערט ניט — האַלט! ערשטױנלאַך גרויסאַרטיק זײנען די טאַטן אָן באַװאוסטזײן!...

ער האָט אָפּגעעטעמט און האָט װידער אָנגעהויבן צו רײדן מיט דער זעלביקער גלײכער און פעסטער שטימע:

— פילײכט װעל איך באַשאַפן אַ אידעאַלע מלוכה... איך אָדער אײנער פון מײנע נאָכפאָלגער. דערצו איז בלויז נײטיק, אַז אַלע מענטשן אין לאַנד זאָלן אָנהײבן צו פילן די שײנהײט פון דיסציפּלין. װען דער מענטש װעט אינגאַנצן אויפהערן צו טראַכטן, דאַן װעלן די קיסרים זײן גרויס און די פעלקער גליקלאַך. געלט! לאָזט אַרויס דער קיניג אַ באַפעל. אַלע אונטערטאַנען שטעלן זיך אויס אין אײן רײ. אײנס! — פערציק מיליאָן הענט לאָזן זיך אַראָפּ אין די קעשענעס. צװײ!—פערציק מיליאָן הענט דערלאַנגען דעם קיניג יעדערע צו צען מאַרק. דרײ!—פערציק מיליאָן הענט גיבן אָפּ כבוד דעם קיניג, און נאָכדעם גײען די מענטשן שװײגעדיק אַװעק צו זײער אַרבעט. איז דאָס ניט פּראַכטפול? אָט זעט איר,—עס פאָדערט זיך גאָר קײן מאַרך ניט, כדי די מענטשן זאָלן זײן גליקלאַך! דער קיניג טראַכט שוין פאַר זײ, דער קיניג איז פעאיק צו באַגרײפן דאָס גאַנצע לעבן... דערצו שטרעב איך. דערװײלע אָבער פאַרשטײ אין נאָר אַלײן די ראָל פון קיניג אַזױ טיף... ניט אַלע קיניגן פירן זיך אויף, װי זײער װערדע פאָדערט. קרובים לויט זײער בלוט, זײנען זײ ניט אַלעמאָל ברידער לויט זײער גײסט. זײ דאַרפן זיך אַלע פאַראײניקן אין אײן מאַכט. דאָס איז זײער לײכט אויסצופירן גראַדע איצט. מען דאַרף מער אויפמערקזאַמקײט אָנװענדן אויפן סאָציאַליזם: אין אים איז פאַראַן עט=

וואָס נוציקס פאַר די קיניגן. דער רויטער שאָטן פונם סאָציאַליזם וואַרפט אַרויף אַ שרעק אויף אַלע אָרנטלאַכע לייט פון דער וועלט. ער וויל איינשלינגען די נשמה פון דער קולטורעלער געזעלשאַפט —דאָס אייגנטום. די קיניגן פאַראייניקן אַלעמען און אַלץ צום קאַמף מיט דעם שרעקלאַכער באַשעפעניש און שטעלן זיך בראש, אַזוי ווי די אוראַלטע אָנפירער. מען דאַרף זען צו פאַרגרעסערן די אימה פאַרן סאָציאַליזם. ווען די געזעלשאַפט וועט פאַרלירן די רעיונות, דאַן וועלן די קיניגן אויסוואַקסן אין זייער גאַנצער פראַכט. אוועק די צייט, ווען די קיניגן האָבן געגעבן קאָנסטיטוציעס,—עס איז שוין צייט אָפּנעמען זיי צוריק!

ער האָט אָפּגעעטעמט און האָט פאָרגעזעצט. איך האָב זיך צוגעהערט און עס האָט מיר שיר ניט פאַרכאַפּט דער אָטעם... פון דער זיסקייט פון זיין חכמה.

— אָט דאָס איז דאָס פראָגראַם פון יעדן קיניג אין היינ־טיקע צייטן! ווען מיין קריגספלאַט וועט זיין אויף אַזויפיל שטאַרק, אַז איך וועל זיין אימשטאַנד פאָרצולייגן דאָס זעלבע פראָגראַם אַלע קיניגן פון אייראָפּע, בין איך זיכער, אַז זיי וועלן עס אָנ־נעמען. דערווייליע באַשעפטיק איך מיר מיט פרידלאַכע, קולטורע־לע אַרבעט, איך פאַרפולקום מיין גוטן פאָלק. איך באַהערש אַלערליי קונסט און האָב עס אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך לעבן דער אידעע פון דעם געטלאַכן קוואַל פון דער קיניגלאַכער מאַכט. איר האָט געזען מיין „זיג־אַלייע"? דאָרט באַווייזט די מוזע פון דער סקולפּטור, וואָס פאַר אַ סך האַבסבורגן און האָהענצאָלערנס עס זיינען געווען אויף דער ערד. דער מענטש, וואָס וועט נאָר אַ פּאָר מאָל דאָרטן דורכגיין הין און צוריק—איינס־צוויי! איינס־צוויי!—יענער וועט שוין וויסן, וואָס פאַר אַ גרויסע מענטשן מיי־נע עלטערן זיינען געווען. דאָס וועקט אויף אין אים דעם שטאָלץ מיט די קיניגן פון זיין לאַנד און גאָר אומבאַמערקט מאַכט עס אים איבער אין אַן אמתן אָנהענגער פון דער קיניגלאַכער מאַכט. מיט דער צייט וועל איך פונאַנדערשטעלן די סטאַטוען פון מיינע עלטערן איבער אַלע גאַסן פון מיינע שטעט. דער מענטש וועט זען, וואָס פאַר אַ סך קיניגן עס זיינען געווען אין דער פאַרגאַנ־

גענהייט, און דאַן וועט ער זיך מוזן איבערצייגן, אַז אין דער צוקונפט וועט ער זיך אויך ניט קענען באַגיין אָן דעם. די סקולפּטור איז נוצלאַך פאַר די מענטשן, און איך האָב דאָס דער ערשטער באַוויזן מיט אַזאַ קראַפט!

— מאַיעסטעט! — האָב איך אַ פרעג געטאָן: — פאַרוואָס איז ביי דעם גרעסטן טייל פון אייערע עלטערן קרומע פיס!

— מען האָט זיי אַלע געמאַכט ביי איין און דעמזעלבן מצבה־מייסטער. דאָס שטערט אָבער קיינעם ניט צו זען די גרויסקייט פון זייער גייסט.

און מיין מוזיק האָט איר געהערט? ניין? איך וועל אייך באַווייזן, ווי זי קומט ביי מיר אַרויס.

ער האָט מיט גדלות צוזאַמענגעלייגט זיין גראַדן קערפּער אין דער פאָרם פון אַ שפּיז, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, און אויסציענדיק די פיס, האָט ער זיך אָפּגערופן צום דינער, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט:

— גראַף! העלפט מיר אַראָפּציען די שטיוול. אַזוי... און די סקאַרפּעטן... אַדאַנק... הגם דער קיניג איז ניט מחויב צו דאַנקען זיינע אונטערטאַנער פאַר באַדינונג... דאָך טוט ער דאָס פון איידלקייט!

ער האָט פאַרקאַשערט די הויזן ביז די קני, האָט אויסגעבויגן דעם האַלז ווי אַ ווינקל פון פינף און פערציק גראַדוסן און האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט זיינע פיס.

— איך וועל זיי הייסן אויסגיסן פון בראָנז נאָך פאַר מיין לעבן! — האָט ער געזאָגט. זאָל מען אָפּגיסן עטלאַכע צענדליק עקזעמפּלאַרן די קינפטיקע סטאַטועז. דעם קיניגס פיס דאַרפן זיין גלייך, דאָס איז ריכטיק. ווען זיי זיינען קרום, קענען זיי נאָך אַרויפברענגען אויפן געדאַנק, אַז דער קיניג איז ניט פולקום.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער רעכטער וואַנט, האָט גענומען אַ מאַלער־פּענזל אין האַנט און, אויסדרייענדיק זיך אין אַ האַלב־קרייז אויף לינקס, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— מיט מוזיק און מאַלעריי באַשעפטיק איך מיר אין איין צייט. קוקט זיך איין: אין די דילן זיינען געמאַכט קלאַווישן, און

דער אינסטרומענט געפינט זיך אונטער זיי. די נאָטן ווערן פאַרצייכנט דורך אַ מעכאַנישן אַפּאַראַט, וועלכער איז אויך פאַרבאָרגן אונטער די דילן. איך מאָל אַ בילד — איינס! — ער האָט געגעבן אַ שמיר מיטן פּענזל איבער דעם לייוונט פון איינעם פון די מאָלבערטן.

— און גיב אַ זעץ מיטן פוס איבער די קלאַווישן — צוויי!

— עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַנג.

— אָט דאָס איז אַלץ! — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז זייער איינפאַך און פאַרשפּאָרט צייט. עס קלעקט קיינמאָל קיין צייט ניט ביים קיניג. גאָט האָט געדאַרפט געבן די פּאָלקסהערשער צוויי מאָל אַזויפיל יאָרן אויף דער וועלט. מיר זיינען אַלע אַזוי אייניק איבערגעגעבן דער אַרבעט פאַר דאָס גליק פון אונזערע אונטערטאַנער, אַז מיר איילן זיך גאָרניט אומצובייטן די אַרבעט אויף דאָס גליק פון אייביקן לעבן... נאָר איך בין אַוועק אָן אַ זייט. דעם קיניגס געדאַנקען פליסן אומדערמידלאַך, אַזוי ווי דאָס וואַסער פון טייך. דער קיניג איז מחויב צו טראַכטן פאַר אַלע זיינע אונטערטאַנען, און אויסער אים, דאַרף דאָס קיינער ניט טאָן... אויב די אויבערשטע מאַכט באַפעלט דאָס אים ניט... איצט וועל איך אייך באַקאַנט מאַכן מיט אַ נייער מוזיקאַלישער זאַך. איך האָב עס נעכטן אָנגעטופּעט...

ער האָט גענומען אַ בויגן נאָטן-פּאַפּיר, און טייטלענדיק אין אים מיטן פינגער, האָט ער דערציילט:

— אָט איז אַ שערענגע נאָטן פון מיטעלן רעגיסטער... איר זעט, אין וואָס פאַר אַ שטרענגער אָרדענונג זיי שטייען? טראַ-טאַ-טאַם. טראַ-טאַ-טאַם. אויף דער פאָלגנדיקער ליניע גייען זיי באַרג-אַרויף, אַזוי ווי אויף אַ שטורים! זיי גייען שנעל, פונאַנדערגעשאָטן... ראַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ! דאָס איז עפעקטפול. עס דערמאָנט אָן שטעכעניש אין מאָגן, איר וועט שפּעטער זיך דערוויסן — פאַרוואָס. ווייטער, גלייכן זיי זיך ווידער אויס אין אַ שטרענג גראַדער ליניע נאָך דעם באַפעל פון דער נאָטע — בומם! דאָס איז אַזוי ווי אַ סיגנאַל-שאָס... אָדער ווען עס כאַפּט פלוצלונג אָן ספּאַזמעס אין בויך.. דאָ ווערן זיי פונאַנדערגעטיילט אויף באַזונדערע גרופּן צענדלי-

קער קלעפּ! עס קנאַקן די ביינער! אָט די נאָטע קלינגט די גאַנ־צע צייט אָן אַן אויפהער, ווי דער ווייטאָג פון אַ לונג. און צום סוף, קלייבן זיך צוזאַמען אַלע נאָטן נאָך אַ לעבעדיקן אָנפאַל אין איין אָרט — ר־ר־ראַם! — ר־ראַטאַטאַם! בום! דאָ איז אינגאַנצן אַן אומאָרדענונג אין די נאָטן, נאָר עס דאַרף אַזוי זיין. עס איז — דאָס ענדע, דאָס בילד פון דער אַלגעמיינער פרייד...

— ווי ווערט אָנגערופן דאָס שטיק? — האָב איך געפרעגט, שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער באַשרייבונג.

— דאָס שטיק — האָט געזאָגט דער קיניג, — דאָס שטיק ווערט אָנגערופן: „דעם קיניגס געבורט". דאָס איז די ערשטע פּראָבע צו אַגיטירן פאַרן אַבסאָלוטיזם מיט דער הילף פון מוזיק... ניט קיין נאַרישקייט! אַ?

ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען זייער צופרידן מיט זיך. זיינע וואָנצן האָבן זיך זייער ענערגיש באַוועגט.

— צווישן מיינע אונטערטאַנען זיינען געווען אייניקע ניט קיין שלעכטע מוזיקאַנטן אויך פריער פון מיר, איצט אָבער האָב איך באַשלאָסן, זיך אַליין מיט דעם צו באַשעפטיקן, כדי אַלע זאָלן טאַנצן נאָר אונטער מיין מוזיק.

ער האָט אַ ריר געטאָן מיט די וואָנצן דערביי, ער האָט געמוזט האָבן אין זינען אַ שמייכל צו טאָן, און מאַכנדיק אַ האַלבּ־קרייז אויף רעכטס, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איצט קוקט זיך דאָ איין... וואָס מיינט איר איז דאָס אַזוינס?

אויף אַ גרויסן לייוונט איז מיט העל־רויטער פאַרב געווען אויסגעמאָלט אַ מאָדנע באַשעפעניש אָן אַ קאָפּ און מיט אַ סך הענט. אין יעדער האַנט איז געווען פּעקלאַך פייער, ווי בליצן. אויף איין פּעקל איז געווען אויפגעשריבן מיט שוואַרצע בוכשטאַבן: „אַנאַרכיע", אויפן צווייטן: „אַטעאיזם", דער דריטער האָט זיך אָנגערופן: „דער אונטערגאַנג פון פּריוואַט־אייגנטום", דער פערטער: „ווילד־קייט". דאָס באַשעפעניש האָט געשפּרייזט איבער דערפער און שטעט, פונאַנדערוואַרפנדיק אומעטום פייערדיקע בליצן און מאַכנ־דיק שריפות. קליינע שוואַרצע מענטשעלאַך זיינען אין טומלעניש

און שרעק אַוועקגעלאָפן פון אים, און הינטער דעם אומגעהייערן באַשעפעניש זיינען געגאַנגען אַ לוסטיקע מחנה רויטע מענטשן, קיין אויגן איז ביי זיי ניט געווען, פון קאָפּ ביז די פיס זיינען זיי געווען באַוואַקסן מיט אַ פייערדיק געלער פעל, אַזוי ווי מאַלפּעס. דער מאָלער האָט ניט געקאַרגט קיין רויטע פאַרב. דאָס בילד איז געווען חשודיק מיט איר גרויסקייט.

— שרעקלאַך? האָט געפרעגט דער קיניג.

— שרעקלאַך! האָב איך איינגעשטימט.

— אָט דאָס נעמלאַך פאָדערט זיך, האָט ער געזאָגט און זיינע אויגן האָבן געמאַכט אַ גאַנצן קרייז פון רעכטס אויף לינקס. איר האָט געוויס פאַרשטאַנען מיין געדאַנק?—דאָס איז דער סאָצי-יאַליזם. איר זעט,—ער איז אָן אַ קאָפּ, ער זייט שלעכטס, פאַר-שפּרייט אַנאַרכיע און מאַכט פון מענטשן חיות: ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז דער סאָציאַליזם. אָט, וואָס עס הייסט ענערגיש אַרבעטן! אין דער צייט, ווען דער אונטערשטער טייל פון מיין קערפּער פאַרפעסטיקט די אידעע פון דער קיניגלאַכער מאַכט, איז דער אויבערשטער טייל פאַרנומען מיטן קאַמף מיט דעם גרעסטן שונא פון דער מאַכט. קיינמאָל האָט נאָך די קונסט אַזוי פלייסיק ניט ערפילט איר חוב, ווי אין דער צייט פון מיין קיניגן!

— שעצן אָבער אייערע אונטערטאַנער די שווערע אַרבעט פון אייער מאַיעסטעט? האָב איך געפרעגט.

— צי שעצן זיי מיך? האָט ער איבערגעפרעגט, און אין זיין שטימע האָט זיך געהערט אַ מידיקייט. — זיי האָבן געדאַרפט שעצן. איך האָב פאַר זיי באַשאַפן צענדליקער געפאַנצערטע שיפן, גאַנצע גאַסן האָב איך באַצירט מיט סקולפּטור, איך מאַך מוזיק און בילדער, איך בין מתפלל פאַר זיי... נאָר... צייטנווייז קומט מיר אַרויף אויפן זינען אַ זינדיקער געדאַנק... מיר דוכט זיך, אַז די אונטערטאַנער, וועלכע ליבן מיך, זיינען נאַראָנים, און די קלוגע זיינען אַלע סאָציאַליסטן. עס זיינען נאָך פאַראַן ליבעראַלן. נאָר אַזוי ווי אַלעמאָל, ווילן די ליבעראַלן צופיל פאַר זיך און לאָזן איבער צו ווייניק פאַרן קיניג, הגם דעם פאָלק גיבן זיי אויך קדחת. פיבערהויפּט, שטערן זיי נאָר; נאָר די אַבסאָלוטע מאַכט פון קיניג

קען ראַטעווען דאָס פאָלק פון סאָציאַליזם. עס שיינט אָבער, אַז קיינער פאַרשטייט דאָס ניט...

ער האָט זיך אין צוויי ערטער צוזאַמענגעלייגט אין דער פאָרם פון רעגלמעסיקע ווינקלען און האָט זיך אַוועקגעזעצט. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרטראַכטערהייט באַוועגט פון לינקס אויף רעכטס. זיין גאַנצע פיגור האָט אויסגעזען מעלאַנכאָליש. ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז ער איז שוין מיד, האָב איך אים אַוועקגעשטעלט מיין לעצטע פראַגע:

— וואָס וועט איר נאָך זאָגן, מאַיעסטעט, מכּוח דער פראַגע וועגן דער געטלאַכער אָפּשטאַמונג פון דער קיניגלאַכער מאַכט?

— אַלץ, וואָס איר ווילט! האָט ער זיך שנעל אָפּגערופן.— פריער פון אַלץ איז זי אומדערשיטערלאַך. נאָר זי אַליין איז ריינער אמת, ווייל זי איז — וואונדערשיין! נאָכדעם, ווי מיליאָנען פעלקער האָבן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן אָנערקענט איבער זיך די אומבאַגרעניצטע מאַכט פון איין מענטשן—קענען זי בלויז אידיאָטן אָפּלייקענען... דאָס איז קלאָר. איך בין אַ קיניג, יאָ, נאָר איך בין אַ מענטש, און ווען איך זע, אַז מענטשן ערפילן מיין רצון, דאַרף איך עס האַלטן פאַר אַ נס... ניט אַזוי? איך קען דאָך ניט מיינען, אַז דווקא די מיליאָנען זיינען דורכאויס אידיאָטן! איך שאַנעווע זייער זעלבסט-ליבע, און איך רעכן, אַז דווקא זיי זיינען די קלוגע. איך וואָלט געווען אַ שלעכטער קיניג, ווען איך וואָלט אַזוי שלעכט געטראַכט וועגן מיינע אונטערטאַנער. און אַזוי ווי נאָר גאָט אַליין טוט אויף נסים, איז קלאָר, אַז ער האָט מיך אויסגעקליבן צו באַווייזן זיין מאַכט און מיינע מעלות. וואָס קען מען זאָגן קעגן דעם? טאַקע דאָ ליגט דער אמת, פעסט ווי אַ דימענט, ווייל די מערהייט איז פאַר אים...

זיינע אויגן זיינען באַצויגן געוואָרן מיט אַ פייכטן גלאַנץ פון צופרידנקייט, דער גלאַנץ איז אָבער באַלד אַראָפּ. זיין מאַיעסטעט האָט אַ זיפץ געטאָן, אַזוי ווי אַ מאַשין פון אַ קריגסשיף, וועלכע לאָזט אַרויס דעם אויסגענוצטן דאַמף.

— איך קען מיר מערניט ערלויבן אויפצוהאַלטן ווייטער אייער מאַיעסטעט! האָב איך געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק פון שטול.

— גוט! האָט מיר גנעדיק געענטפערט דער אָנפירער פון גרויסן פאָלק.—אַדיע... איך ווינטש אייך... וואָס אָנגענעמערס פון אַלץ זאָל איך אייך ווינטשן? נ-נו, איך ווינטש אייך נאָכאַמאָל אין לעבן צו זען דעם קיניג!

ער האָט מיט גדלות אַראָפּגעלאָזן די אונטערשטע ליפּ און פריינדלאַך אויפגעהויבן די וואָנצן. איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר זיין באַגריסונג און בין אַוועק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אַ קוק טאָן אויף קלוגע חיות...

צייטנווייז, נאָך אַ געשפּרעך מיט אַ מענטשן, ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַ גלעט טאָן פריינדלאַך אַ הונט, אַ שמייכל טאָן צו אַ מאַלפּע, און מיט ערפורכט אַראָפּנעמען די הוט פאַר אַ העלפאַנד...

„חבר!“

אין דער שטאָט איז אַלץ געווען עפּעס מאָדנע, עפּעס אומפאַרשטענדלאַך. פיל קלויסטערס האָבן אויסגעשטרעקט צום הימל זייערע פאַרביקע, פינקלדיקע קעפּ, אָבער די ווענט און די קוימענס פון די פאַבריקן האָבן אַריבער־געשטיגן די גלאָקן־טורימס און די שפּיצן פון די קלויסטערס און פון די טעמפּלען. פאַרשטיקט דורך די שווערע האַנדלס־געביידעס, איז זיי גאָר ניט געווען אַרויסצוזען דורך די טויטע נעצן פון די שטיינערנע ווענט, און זיי האָבן אויסגעזען ווי וואונדערלאַכע בלומען, וואָס שפּראָצן אין שטויב און מיסט פון רואינען. און ווען דער קלאַנג פון די גלאָקן פלעגט רופן צו די תּפילות — פלעגן די מעשענע קולות זיך אָפּשלאָגן אָן דעם אייזנבלעך פון די דעכער, פלעגן זיך אָנמעכטיק אַראָפּלאָזן צו דער ערד, און אָנמעכטיק פלעגן זיי פאַרשוואונדן ווערן צווישן די שמאָלע גאַסן.

די הייזער זיינען געווען אומגעהייער גרויסע און אָפטמאָל גאַנץ שיינע, די מענטשן — שפּלדיקע און אַלעמאָל נישטווערדיקע; פון דער פרי ביז דער נאַכט פלעגן זיי, ווי אַלטע מייז, אַרומשנאָרן איבער שמאָלע, קרומע שטאָט־גאַסן און האָבן מיט נייגעריקע אויגן געזוכט ווער — ברויט, ווער — פאַרגעניגן. און אַנדערע פלעגן גאָר שטיין אויף די עקן גאַסן און פיינדזעליק און שאַרף נאָכקוקן, אַז די שוואַכע זאָלן ניט ווידערשפּעניג געהאָרכן די שטאַרקע. די רייכע האָבן געהייסן שטאַרקע, און אַלע האָבן געגלויבט, אַז נאָר געלט גיט דעם מענטשן מאַכט און פרייהייט.

אַלע האָבן געגאַרט נאָך מאַכט, ווייל אַלע זיינען געווען פאַרשקלאַפט. דער פּוץ פון די רייכע פלעגט אַרויסרופן קנאה און שנאה ביי די אָרימע, קיינער האָט ניט געקענט קיין בעסערע מוזיק, ווי דעם קלאַנג פון גאָלד, און דעריבער איז איינער דעם

צווייטן געווען אַ דם שונא, און איבער זיי אַלעמען האָט געהערשט די גרויסזאַמקייט.

איבערן שטאָט פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן די זון, דאָס לעבן איז אָבער אַלע מאָל געווען פינסטער און די מענטשן האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס. ביינאַכט פלעגן זיי אָנצינדן אַ פולע פרייליכע פייערן און דאַמאָלסט פלעגן אַרויסגיין אין די גאַסן הונגעריקע פרויען צו פאַרקויפן זייער ליבע פאַר געלט, פון אַלע זייטן פלעגט זיך שפּירן אַ פעטער גערוך פון פאַרשיידענע שפּייזן און אומעטום האָבן ווילד געגלאַנצט די בייגעריקע אויגן פון די הונגעריקע. איבערן שטאָט האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ שטיל דערשטיקט זיפצן. דאָס אומגליק האָט ניט געהאַט קיין כוח וועגן זיך אויפן קול צו שרייען.

ס'האָט זיך אַלעמען געלעבט אומעטיק און אומרואיק, אַלע זיינען געווען שונאים איינע די אַנדערע און האָבן זיך געפילט שולדיק, נאָר זעלטן=ווער ס'האָט זיך געפילט גערעכט, אָבער די דאָזיקע מענטשן זיינען אויך געווען פאַרגרעבט ווי חיות. דאָס זיינען געווען די שלעכטסטע...

אַלעמען האָט זיך געוואָלט לעבן און קיינער האָט ניט געקענט ווירקן פריי נאָך זיין וואונטש נאָך; יעדער טריט צו דער צוקונפט פלעגט ניט ווילנדיק נייטן אומצוקערן זיך צו דער געגנוואַרט. און די געגנוואַרט פלעגט מיט די מעכטיקע פעסטע הענט פון אַ בייגעריקער חיה אָפּהאַלטן דעם מענטשן אויף זיין וועג און פלעגט אים אַריינציען אין איר אייזערנע אָרימס.

מאַכטלאָז, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן, פלעגט זיך דער מענטש אָפּשטעלן קעגן דאָס פאַרטרויערטע געזיכט פונם לעבן. מיט טויזנטער הילפלאָז אומעטיקע אויגן האָט דאָס לעבן אים אַריינגעקוקט אין האַרצן אַריין און געבעטן וועגן עפּעס—און דאַמאָלסט פלעגן אָפּשטאַרבן אין דער זעלע די ליכטיקע בילדער פון דער צוקונפט און אַ קרעכץ פון דעם מענטשנס אָנמאַכט פלעגט איינזינקען אינם ים פון זיפצן און יללות פון די פאַרמאָרעטע, אומגליקלאַכע און עלנדע מענטשן.

עס פלעגט שטענדיק זיין אומעטיק, שטענדיק אומרואיק,

צייטנווייז שרעקלאַך. די פינסטערע, פאַרכמאַרעטע שטאָט מיט אירע העסלאַך רעגלמעסיקע שטיינער־הויפנס, אין וועלכע די קלויס־טערס זיינען אינגאַנצן פאַרטרונקען געווען, איז אומבאַוועגלאַך ווי אַ טורמע געשטאַנען אַרום די מענטשן, אָפּוואַרפנדיק פון זיך די זונען־שטראַלן.

דאָס הילכיקע יאָמערן פאַר ווייטאָק און כעס, דאָס פאַר־שטיקטע מורמלען אויס פאַרבאָרגענעם האַס, דאָס שרעקלאַכע ברו־מען פון גרויזאַמקייט, די העסלאַכע געשרייען פון דער געוואַלד־טעטיקייט האָבן אינגאַנצן פאַרשטיקט די לעבנס־מוזיק.

* *

*

אָט אין דער טרויעריקער אַטמאָספערע פון עלנד און אומ־גליק, וואו עס האָבן זיך אין קראַמפּן געראַנגלט גיריקייט און נויט, אין דעם זומפּ פון עלנדער זעלבסטליבע, אין די נידעריקע געוועלבער, וואו עס האָבן געוואוינט די אביונים, וועלכע האָבן באַשאַפן די עשירות פון שטאָט, זיינען אַרומגעגאַנגען איינזאַמע פאַנטאַזיאָרן, ווי פרייפליענדיקע פונקען פון דעם ווייטן פלאַם פון אמת.

פול מיט טיפן גלויבן אין דעם מענטשן, אָפּגעזונדערט און פרעמד פון אַלעמען, מיט דער פריידיקונג פון צאָרן אויף זייערע ליפּן. פאַרבאָרגענערהייט האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אין די געוועלבער אַלעמאָל פּרוכטבאַרע קליינינקע זאָמען פון אַן איינפאַכער גרויסער לערע, און אַמאָל מיט אַ קאַלטן גלאַנץ אין די אויגן, אַמאָל מיט ליבע און וואַרימקייט האָבן זיי געזייט דעם קלאָרן, ברענענדיקן אמת אין די פינסטערע הערצער פון די מענטשן־שקלאַפן, וועלכע זיינען דורך דער מאַכט פון בלוטדאָרשטיקע און גרויזאַמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלינדע און שטומע געצייג פון עשירות.

און די אומוויסנדיקע, פאַרוואָגלטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט מיט אומצוטרוי צו דער נייער מוזיק פון די נייע ווערטער, צו וועלכער זייער קראַנק האַרץ האָט לאַנג און אומ־באַוואוסט פאַר זיך אַליין געשטרעבט,—האָבן אָנגעהויבן ביסלאַכ־

וויז אויפצוהויבן די קעפּ, צו צעררייסן די נעצן פון די לוסטיקע ליגנס, אין וועלכע די בלוטדאָרשטיקע און הערשנדיקע געוואַלט טוער האָבן זיי אַריינגעפּלאָנטערט.

אין זייער לעבן, פול מיט אַ טיפן, אונטערדריקטן צאָרן, אין זייערע הערצער, פאַרסמט פון פיל באַליידיקונגען, אין זייער באַוואוסטזיין, פאַרבלאָטיקט דורך די בונטע ליגנס פון דער חכמה פון די שטאַרקע — אין דעם שווערן טרויעריקן לעבן, דורכגעווייקט פון דער ביטערקייט פון ערנידעריקונג, — האָט מען אַריינגעוואָרפן אַן איינפאַך ליכטיק וואָרט:

— חבר...

דאָס וואָרט איז פאַר זיי ניט געווען קיין נייס. זיי האָבן עס געהערט און אַליין געברויכט. דאָס וואָרט האָט ביז איצט געקלונגען אַזוי פוסט און טעמפּ, ווי אַלע באַקאַנטע, פאַרשימלטע ווערטער, וועלכע מען קען פאַרגעסן, גאָרניט פאַרלירנדיק דערביי.

איצט אָבער האָט דאָס וואָרט, העל און שטאַרק, געקלונגען מיט גאָר אַן אַנדער טאָן. אין אים האָט אַן אַנדער נשמה געזונגען, עפּעס האַרטס, בלאַנקעדיקס און שאַרפקאַנטיקס, ווי אַ דימענט, איז געווען אין אים.

און וואָס טיפער זיי האָבן אַריינגעקוקט אין דער ליכטיקער נשמה פון דעם וואָרט, אַלץ ליכטיקער, באַדייטנדיקער און העלער האָט עס זיי זיך אויסגעוויזן.

— חבר! — פלעגן זיי זאָגן.

און עס האָט זיך געפילט, אַז דער וואָרט איז געקומען פאַראייניקן די גאַנצע וועלט, אויפהייבן אַלע מענטשן צו דער הויכקייט פון פרייהייט און צוזאַמענבינדן זיי מיט אַ נייעם באַנד, מיט דעם שטאַרקן באַנד פון קעגנזייטיקער פאַרערונג, פון פאַרערונג צו דער פרייהייט פון דעם מענטשן, צוליב זיין פרייהייט גופא.

ווען דאָס וואָרט איז איינגעוואַקסן אין די הערצער פון די שקלאַפן, — האָבן זיי אויפגעהערט שקלאַפן צו זיין און האָבן געמעלדט דער שטאָט און אַלע אירע כוחות דאָס גרויסע מענטשלאַכע וואָרט:

— „איך וויל ניט!“

דעמאָלט האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן, ווייל זיי זיינען דאָס געווען דער כּוח, וועלכער האָט דאָס לעבן באַוועגט, זיי אַליין און מער קיינער. ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וואַסער־שטראָם, ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער פייער־פלאַם, אין שטאָט איז געוואָרן חושך און די שטאַרקע זיינען געוואָרן ווי קינדער.

אַ שרעק איז אַרויפגעפאַלן אויף די גוואַלדטוער און דערשטיקט ווערנדיק אין דעם געררוך פון זייערע אייגענע אומריינלאַכקייטן, האָבן זיי אַרונטערגעדריקט דעם כּעס אויף די אויפגעשטאַנענע, ניט פאַרשטייענדיק און מורא האָבנדיק פאַר זייער קראַפט.

פאַר זייערע אויגן האָט געשוועבט דער שאָטן פון הונגער און זייערע קינדער האָבן אין דער פינסטערניש ביטער געוויינט.

די הייזער און די קלויסטערס האָבן זיך אין דער פינסטערניש צוזאַמענגעגאָסן, אַלס אַ תּהו־ובוהו פון שטיין און אייזן, אָן לעבן און אָטעם. אַ שרעקלאַך שטיל־שווייגן האָט פאַרגאָסן די גאַסן, אַזוי ווי מיט אַ נאַסלאַכער טויטקייט, ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן, ווייל די קראַפט, וואָס באַשאַפט עס, האָט זיך אַליין דערקענט און דער מענטש—דער שקלאַף האָט געפונען אַ כּישופדיק אומבאַזיגבאַר וואָרט אויסצודריקן זיין ווילן—ער האָט זיך באַפרייט פון דעם יאָך און האָט באַשיינפּערלאַך דערזען זיין מאַכט—די מאַכט פון אַ שאַפער.

די טעג זיינען געווען טעג פון אומעט פאַר די שטאַרקע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הערשער פון לעבן, די נעכט— יעדע פון זיי צו טויזנט גלייך, אַזוי געדיכט איז געווען די פינסטערניש, אַזוי אָרים, קאַרג און ציטעריק האָבן געשיינט די פייערן אין דער טויטער שטאָט. און דאַן איז די שטאָט, די אַלטע גרויסע שטאָט, וועלכע איז געוואַקסן הונדערטער יאָרן לאַנג, וועלכע האָט זיך גענערט מיט מענטשן־בלוט, אויפגעשטאַנען פאַר זיי אין דער נאַקעטער מיאוסקייט פון זייער נישטווערטיקייט, אַלס אַ בלויזער הויפן פון האָלץ און שטיינער. קאַלט און פינסטער האָבן געקוקט די בלינדע פענסטער פון די הייזער אויף די גאַסן, אויף וועלכע עס זיינען מונטער אַרומגעגאַנגען די אמתע באַלעבאַטים פון לעבן.

זיי זיינען אויך געווען הונגעריק, נאָך מער פון אַנדערע, נאָר זיי זיינען שוין דערצו געוויינט געווען און דיליידן פון זייערע קערפּערס זיינען ניט געווען אַזוי שאַרף ווי די ליידן פון די באַלעבאַטים פון לעבן. זיי האָבן ניט אויסגעלאָשן דעם פלאַם פון זייער נשמה, זיי האָבן געברענט מיט דעם באַוואוסטזיין פון זייער קראַפט; דאָס געפיל פון זיג האָט געשיינט אין זייערע אויגן.

זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט, זייער ענגער און פינסטערער טורמע, וואו מען פלעגט זיי אָפּגיסן מיט פאַראַכטונג, וואו מען פלעגט פול מאַכן זייערע נשמות מיט באַליידיקונגען, און זיי האָבן געזען די גרויסע באַדייטונג פון זייער אַרבעט און דאָס האָט זיי געבראַכט צו דעם הויכן באַוואוסטזיין פון זייער הייליקן רעכט צו זיין די באַלעבאַטים, די באַשעפער און די געזעצגעבער פון לעבן. און דאַן איז מיט אַ נייער קראַפט, מיט אַ בלענדנדיקער קלאָרקייט אויפגעשטאַנען פאַר זיי דאָס לעבנס־שאַפנדיקע, פאַראייניקנדיקע וואָרט:

— חבר!

דאָס וואָרט האָט געקלונגען צווישן די פאַלשע ווערטער פון דער געגנוואַרט, ווי אַ פרייליכע ידיעה וועגן דער צוקונפט, וועגן אַ נייעם לעבן, וועלכעס שטייט אָפן פאַר אַלעמען גלייך. ווייט אָדער נאָענט? זיי האָבן געפילט, אַז דאָס הענגט אָפּ אָן זייער ווילן, זיי רוקן זיך נענטער צו דער פרייהייט און זיי דערלייכטערן איר אָנקום.

* *
*

אַ פּראָסטיטוטקע, נעכטן נאָך אַ האַלב הונגעריקע חיה, וועלכע האָט אומעטיק געוואַרט אויף דער שמוציקער גאַס, עמיצער זאָל צו איר צוגיין און גראָב קויפן איר אומפרייע ליבע פאַר קליינגעלט — האָט אויך געהערט דאָס זעלבע וואָרט, און דאָך האָט זי, שמייכלענדיק פאַרשעמטערהייט, זיך ניט געקענט אַנטשליסן עס אַליין צו איבערחזרן. צו איר פלעגט צוגיין אַ מענטש פון אַזעלכע, וועלכע זי פלעגט ביז איצט ניט באַגעגענען; ער פלעגט

אַרויפלייגן זיין האַנט אויף איר שולטער און זאָגן איר אַזוי ווי אַ קרוב אירער:

— חבר!

און זי האָט געלאַכט שטילערהייט און שעמעוודיק, כדי ניט אָנהייבן צו וויינען פון פרייד, וועלכע איר באַשפּייטע האַרץ האָט צום ערשטן מאָל דערפילט. אויף אירע אויגן, וועלכע האָבן נאָך נעכטן געקוקט אויף דער וועלט פרעך און קאַלט מיט דעם טויטן בליק פון אַ חיה, האָבן געגלאַנצט טרערן פון ערנסטער ריינער פרייהייט. די שימחה פון דערנידעריקטע, וועלכע פאַראייניקן זיך מיט דער גרויסער אַרבעטער־משפחה פון דער גאַנצער וועלד, האָט געשיינט איבער אַלע גאַסן פון שטאָט, און די ברודנע אויגן פון אירע הייזער האָבן געקוקט אויף דער פרייד אַלץ בייזער און קאַלטער.

דעם אביון, וועלכן מען פלעגט מיט אַ טאָג פריער, כדי פּטור צו ווערן פון אים, צוואַרפן אַ קאָפּיקע, — מער איז דאָס מיטלייד פון די זאַטע ניט ווערט, — ער האָט אויך געהערט דאָסזעלבע וואָרט, און ס׳איז געווען די ערשטע נדבה, פון וועלכער זיין עלנט, דורך אָרימקייט אויסגעגעסן האַרץ, האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגעהויבן צו ציטערן.

— אַ איזוואָזטשיק, אַ לעכערלאַכער נפש, וועלכן די פּאַרנ־דיקע פלעגן געבן אין האַלז און נאַקן, כדי ער זאָל איבערגעבן דעם קלאַפּ זיין הונגעריקער און אויסגעמאַטערטער קליאַטשע — אָט דער פיל מאָל געשלאָגענער מענטש, וועלכער איז פאַרדולט געוואָרן פון דעם גערויש פון די רעדער איבערן ברוק, האָט אויך מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן געפרעגט אַ דורכגייענדיקן:

— אפשר אונטערפירן... חבר? ער האָט אַרויסגערעדט און דערשראָקן זיך. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס גרייט געשווינד אַוועקצופאָרן, און האָט געקוקט אויף דעם דורכגייענדיקן, ניט זייענדיק אומשטאַנד צו פאַרטרייבן דעם פריילאַכן שמייכל פון זיין ברייט רויט פּנים.

דער דורכגייענדיקער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פריינדלאַכע אויגן און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַדאַנק, חבר, איך וועל צוגיין צופוס, ס'איז ניט ווייט.

— עך־כע־כע, גאָטעניו! האָט באַגייסטערס אויסגעשריען דער איזוואָזטשיק, האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף די קאָזלעס, און, בליצנדיק פריילאַך מיט די אויגן, איז ער אָפּגעפאָרן מיט אַגערודער.

מענטשן זייגען גרופּעסווייז געגאַנגען איבער די טראָטואַרן און, ווי אַ פונק, פלעגט זיך צווישן זיי אַלץ אָפטער אָנצינדן דאָס גרויסע וואָרט, וואָס דאַרף פאַראייניקן די גאַנצע וועלט:

— חבר!

אַ פּאָליציימאַן מיט גרויסע וואָנצן איז צוגעגאַנגען ערנסט און אָפּגעלאָזן, צו אַן עולם וואָס האָט פעסט אַרומגערינגלט אויפן ראָג גאַס אַן אַלטן מאַן — אַ רעדנער. צוהערנדיק זיך צו זיין רעדע, האָט ער געלאַסן אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז ניט ערלויבט צוזאַמענצוקלייבן זיך, גייט זיך פונאַנדער, מיינע הערן...

ער איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד און האָט אַ ביסל שטילער אַ זאָג געטאָן: „חברים".

אויף די גאַסן פון די יעניקע, וועלכע האָבן דעמדאָזיקן וואָרט אויסגעהאָדעוועט אין זייער האַרצן, האָבן אַריינגעלייגט אין אים לייב און בלוט און אַ מעשענעם, הילכיקן קלאַנג פון אַ פאַראייני־קונגס־אויפרוף — אויף זייערע געזיכטער האָט געגלאַנצט דאָס שטאָלצע געפיל פון יונגע שאַפער; און ס'איז קלאָר געווען, אַז די קראַפט, וועלכע זיי האָבן פון פולער האַנט אַריינגעלייגט אין דעם לעבעדיקן וואָרט, — איז ניט אויסצולייגן, ניט צו באַזיגן, ניט אויסצושעפּן.

קעגן זיי האָבן זיך שוין פונוויטן אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן גרויע בלינדע מאַסן פון באַוואָפנטע מענטשן און האָבן זיך אויסגעשטעלט שווייגנדיק אין גלייכע רייען; דאָס האָט די בייזקייט פון די גוואַלטוער זיך געגרייט אָפּצולענקען די כוואַליע פון דער גערעכטיקייט.

און אין די ענגע, שמאָלע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, צווישן אירע קאַלטע, שווייגנדיקע ווענט, וועלכע זייגען באַשאַפן

געוואָרן דורך די הענט פון אומבאַקאַנטע מייסטערעס, איז אַלץ געוואַקסן און צייטיקער געוואָרן דער גרויסער גלויבן פון די מענטשן אין דער ברידערשאַפט פון אַלעמען מיט אַלעמען.

— חברים!

אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט פלעגט זיך אַרויסכאַפּן דער פייערל, וואָס וועט אַמאָל אַרומנעמען די ערד מיט דעם ליכטיקן געפיל פון דער קרובהשאַפט פון אַלע אירע מענטשן. ער וועט אַרומכאַפּן די גאַנצע ערד, און וועט פאַרברענען און מאַכן צו אַש די שלעכטס, דעם האַס און די גרויזאַמקייט, וועלכע קאַליעטשען אונז; ער וועט אַרומכאַפּן אַלע הערצער און וועט זיי צוזאַמענגיסן אין איין איינציק וועלט-האַרץ—אַ האַרץ פון אַן אמת איידעלער ניט פונאַנדערצושיידענער פאַמיליע פון פרייע אַרבעטער.

אין די גאַסן פון דער טויטער שטאָט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון שקלאַפן, אין די גאַסן פון דער שטאָט, וואו ס'האָט געהערשט שלעכטסקייט, איז געוואַקסן און שטאַרק געוואָרן דער גלויבן אין מענטשן, דער גלויבן איז זיין זיג איבער זיך און איבער דער שלעכטס פון דער וועלט.

און אין דעם אומדייטלאַכן תהו-ובוהו פון דעם ניט רואיקן, ניט פריילאַכן לעבן האָט ווי אַ העלער, ליכטיקער שטערן, ווי אַ וועגווייזנדיקער פייער אין דער צוקונפט, געפינקלט דאָס איינפאַכע, ווי דאָס האַרציקע וואָרט: חבר! חבר!

אַ שטימע פון דער ווייטן.

...לאָז דיין האַרץ ניט אַזוי נידעריק פאַלן, אום צו האַסן די, וואָס האָבן דיך גערופן:

— העלד!

בשעת זיי האָבן דיין קראַפט פאַר זיך געדאַרפט, און אי צט בשעת דו האָסט זיי געלאָזן הינטער זיך, אום ווייטער צו גיין צו דיין אייגענער פרייהייט, רופן זיי דיך אָן:

— ווילדער!...

לאָז איבער דיין שנאה פאַר אַ שטאַרקן שונא, דיין צאָרן פאַר אַ בכבודיקערן. זאָל דער גייסטיקער אביון בלויז דיין פאַראַכטונג באַקומען, אויב דו ווילסט אויך דעם נישטווערטיקן איידל באַהאַנדלען.

ווער זיינען זיי? די שוואַרצע נאַכט איז געווען די צייט פון זייער גדולה. צווישן פאַרשלאָפענע, שווייגנדיקע קנעכט האָבן זיי גערעדט, שקלאַפן האָבן זיך געבוקט צו זיי און שקלאַפן האָבן זיי פאַר זייערע פירער געקרוינט—וואָס האָסטו צו זיי פאַר אַ שייכות, וויבאַלד דו אַליין ביסט ניט קיין שקלאַף?

קוים וואָס מען האָט געהערט זייער שטימע וועגן דעם פרייהייטס-גליק און שטיל איז געווען זייער וואָרט קעגן דער אונטערדריקונג. ניט פון זייערע רעדעס איז אַזוי פורפור-רויט דער מאָרגנשטערן פון דיין אויפוואַכונג: מיט בלוט זיינען די גרויסע טעג געפאַרבט! די שוואַרצע פייגלען, וואָס האָבן מיט זייערע פליגלען באַשיצט די פינסטערניש פון דער ווילדער געוואַלד, האָבן זיך פאַר זייער קול ניט געשראָקן. זייגען דען דידאָזיקע מענטשן די פייערזיילן געווען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט? זיי האָבן בלויז געפינקלט, ווי די פייערלאַך איבער די זומפן; און ווער ס'האָט זיך נאָך זיי גיין געלאָזט, דער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם קלעפיקן זומפ פון ווידערשפרוכן און זיי אַליין זיינען

אויך אַלע פּאַרזונקען געוואָרן אין דעם שמוץ פון זייערע נידע־ריקע תאוות.

זיי פאַרשטייען שטענדיק צו דער רעכטער צייט זיך צוצו־זויגן צו אַ פרישער קראַפט, כּדי מיט איר יונגן זאַפט צו דערנערן זייער אָפּגעלעבטן קערפּער: נאָר דערויף זיינען זיי בריות.

דו ביסט די קראַפט, וואָס שאַפט אַלץ אויף דער ערד! און בשעת דו האָסט נאָך דערפון ניט געוואוסט,—דאַן ביסטו זיי נייטיק געווען אום צו באַפרייען זיי פון די שקלאַפן־קייטן און פון דעם שווערן יאָך,—דאַן האָבן זיי דיר מיט חניפה צוגערופן:

— דו ביסט די קראַפט, וואָס שאַפט אַלץ אין דער וועלט!

און, גלויבנדיק אין דיין נצחון, האָבן זיי דיך צום קאַמף געטריבן, דו זאָלסט די אַלטע אָפּגעלעבטע גוואַלטטוער פאַרניכטן און זיי, די נייע, פרייהייט געבן דיר צו פאַריאָכן, און אויף דיי־נע פּלייצעס זייער נישטווערטיק גליק צו בויען.

אָבער, בייקומענדיק די באַדריקער, האָסטו חשק באַקומען צו קעמפן ביז דיין פולער באַפרייאונג פון דער געפּאַנגענשאַפט ביי די פּאַראַזיטן, און איצט, בשעת דו האָסט אויפגעעפנט דיינע אויגן, דערזען אַלץ, וואָס דו אַליין האָסט געשאַפן, און פאָדערסט דיין כּשר־פאַרדינטן רעכט: באַלעבאָס צו זיין איבערן לעבן — שרייען זיי בייז צו דיר:

— ווילדער, דו גייסט ניט שאַפן, נאָר חרוב מאַכן!

זיי ווילט זיך, דו זאָלסט שאַפן און שאַפן, אָבער נאָר צוליב זיי—קענסט אַ שמייכל טאָן, אויב דיר געלוסט זיך, צו דיינע בלינ־דע פּאַראַזיטן, אָבער דיין צאָרן באַהאַלט פאַר אַ בכבודיקערן פיינד.

זיי האָבן עטלאַכע פרייהייט-ברעקלאַך מיט דיין שטאַרקער האַנט פאַר זיך גענומען. זיי האָבן עס ווי גנבים און בעטלער ביי דיר גענומען, אָבער אויך דידאָזיקע ברעקלאַך קענען זייערע שוואַכע פינגער ניט איינהאַלטן... די אָפּגעבליטע מנוולים האָבן נאָך געגנוג קראַפט צו קעמפן פאַר דער בכורה פון זייער ני־דערטרעכטיקייט, פאַר דער בכורה פון געוועלטיקן איבער דיר, מענטש!

גיי! דו—די שטענדיקע קראַפט,—דער שאַפער פון אַלץ,

דער אייביקער קוואַל פון קונסט, דער גאָט פון אַלע געטער, דער פאָטער פון העלדן; וואָס קימערט עס דיך, וואָס די ווערים קריכן עזותדיק איבער דיינע קנעכלאַך? טרייסל זיי אַראָפּ צו דער רעכטער צייט פון דיין גוף, כדי זיי, די פאַלשע און די בלוטדאָרשטיקע, זאָלן אין דיין האַרצן ניט אַריינקריכן...

טו אויף זיי קיין בליק ניט אויך דאָן, ווען דו האָסט בדעה אין זייער בזוידיקן, שקלאַפישן פנים מיט פאַראַכטונג אַ שפיי צו געבן! וואָרים אויך דיינער אַ פאַראַכטונג-שפיי איז אַ כבוד און אַ שפּייז פאַר די פאַראַזיטן דיינע.

גיי!...

אַלע טעמפּלען אויף דער ערד זיינען מיט דיינע הענט אויפגעשטעלט געוואָרן—גיי ווייטער, דעם טעמפּל פון אמת, פרייהייט און גערעכטיקייט אויפצובויען!

גיי, חבר!

די סאָלדאַטן.

איבערן שטאָט הענגט צאָרנדיק די קאַלטע שטומע פינסטערניש און שטילקייט. קיין שטערן זייגען ניטאָ און דעם הימל זעט מען ניט, בלויז דער אומענדלאַכער חושך לויערט, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, אַזוי ווי ער וואָלט אויפגעפאַסט אויף עמיצן. לייכטע טרוקענע שנייעלאַך פאַלן און קרייזלען זיך לאַנגזאַם אין דער לופט, אַזוי ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אויף די שוואַרצע שטיינער פון די ליידיקע גאַסן. ס'איז קאַלט...

די נאַכט איז אָנגעפילט מיט אַ געהיימענישפולער אימה; אין איר שטילקייט און פינסטערניש שוועבט שטיל אַרום אַ וואונדערבאַרער עפּעס, וואָס מען קען בשום אופן מיטן אויג ניט זען און עס נאָגט דאָס האַרץ, אַזוי ווי מיט אייז-נאָדלען...

די הייזער, וועלכע די פינסטערניש האָט צוגעפרעסט, האָבן זיך אַזוי ווי צו דער ערד אַראָפּגעזעצט, זיי זייגען נידעריקער געוואָרן, אין זייערע פינסטערע שויבן זעט מען קיין ליכט נישט. עס דוכט זיך, אַז דאָרטן, הינטער די שטיינערנע ווענט, האָבן זיך די מענטשן צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע און רירן מיט קיין אבר ניט, איינגעשלאָגענע פון דער מוראדיקער קעלט און פון דער פינסטערער אימה. זיי קוקן מיט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגן, ניט פינטלענדיק מיט זיי, און האַלטן קוים איין דאָס שרעקגעפיל ביי זיך אין האַרצן...

— אויפמערקזאַם האָרכן זיי, שווייגנדיק וואַרטן זיי אויף ליכט, אויף אַ לעבעדיקן קול...

און פון די פינסטערע גאַסן קוקט אַריין אין די פענסטערשויבן אַ שוואַרצע חיה מיט אַ בלינד אויג און וואַרט אויך אויף עפּעס.

אַ גאַנצן טאָג האָבן אין שטאָט די האַרמאַטן געדונערט, די ביקסן געקלאַפּט, אויף די גאַסן האָבן זיך טויטע קערפּערס

געוואַלגערט און דער מלאך־המות האָט זיך פלייסיק צוגעהערט צו די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע...

אינמיטן אויף אַקליינעם פּלאַץ, וואו צוויי גאַסן שניידן זיך דורך, ברענט אַ האָלץ־הויפן... פיר סאָלדאַטן, ניט רירנדיק מיט קיין אבר, שטייען אַזוי ווי פיר גרויסע שטיינער אַרום אים. בלויז דער אָפּשיין פון די פייער־צונגען קריכט ציטערנדיק איבער זייערע שינעלן און שפּילט זיך אויף זייערע פּנימער, און ס׳זעט אויס, אַזוי ווי די פיר געשטאַלטן וואָלטן אינגאַנצן געציטערט און געוויגט זיך, און אָן ווערטער, בלויז אויף שטום־לשון, דערציילט עפּעס איינער דעם אַנדערן...

אָפּשיינענדיק אויף די שפּיזן, גיסט זיך דער פלאַם, אַזוי ווי בלוט אויפן בלאַנקענדיקן שטאָל, און די שאַרפע קאַנטן דרייען זיך און קרייזלען זיך אין דער הויך, אַזוי ווי ווייסע און ראָזע סטענגעס..

און די שווערע פינסטערניש שטיקט און פרעסט די סאָלדאַטן און דעם פייער פון אַלע זייטן...

איינער פון זיי, אַ נידעריקער, אַ געשטופּלטער מיט אַ ברייטן נאָז און מיט קליינע אויגן אָן ברעמען האָט מיט זיין שפּיז אַ שטויס געטאָן אַן אָפּגעברענטע שייט־האָלץ אינם הויפן אַריין, און גיט אַ קער טוענדיק דעם קאָפּ, אַ זאָג געטאָן:

— קאַלט...

אַ סטאַיע רויטע פונקען האָבן, אַזוי ווי צעשראָקענע פייגלאַך, אַ פלי געטאָן אין דער פינסטערניש און באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן. דער געסטופּלטער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שפּיז, און גענומען אים אָפּווישן מיט דער פּאָלע פון זיין שינעל. אַ בלויער, שטיקנדיקער רויך האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין די פּנימער פון די סאָלדאַטן. דער הויכער, דינער סאָלדאַט אָן וואָנצעס אויף זיין קיילאָכדיקן פּנים האָט אַריינגערוקט זיין ביקס אונטערן אָרים און, אַריינרוקנדיק די הענט אין די אַרבל פון זיין שינעל, אָפּגערוקט זיך לאַנגזאַם פון דעם ברענענדיקן הויפן. דער סאָלדאַט מיט די גרויסע רויטע וואָנצעס, אַ געגאָלטער מיט רויטע באַקן, האָט אָפּגעשטויסן דעם רויך פון זיין געזיכט מיט די הענט און מיט אַ הייזעריקן קול אונטערגעמורמלט:

— אָט, אַז מען וואָלט עס אַזוי דעם שפּיז גוט אָנגעברענט, און ווען עמען עס איז—גלייך אין די געדערים...

— אַ קאַלטער איז אויך ניט שלעכט... האָט זיך שטיל אָפּ־געררופן דער געשטופּלטער.

שלינגענדיק דאָס האָלץ איין שייט נאָך דער אַנדערער, פּייפט זיך דאָס פייער לעבעדיק; זיינע געלע און רויטע צינגער טאַנצן פרייליך און, הייבנדיק זיך אין דער הויך, נעמען זיי זיך אַרום איינע מיט די אַנדערע און נייגן זיך גראַציעז צייטנווייז צו דער ערד צו. די שנייעלאַך פאַלן אין דעם ברענענדיקן האָלץ־הויפן איינע נאָך די אַנדערע... דער רויטער סאָלדאַט אָטעמט שווער און הילכיק דורך זיינע נאָזלעכער, און בלאָזט אַראָפּ פון צייט צו צייט דעם שניי פון זיינע וואָנצעס. דער פּערטער סאָלדאַט, אַ דינער מיט ברייטע באַקן־ביינער, שטייט ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט און קוקט אויפן פייער מיט קיילאַכדיקע טונקעלע אויגן.

— נו, האָט מען עס אָבער היינט מענטשן אַוועקגעלייגט, גאָר אַ רעכטע ביסל! — האָט זיך פלוצלונג אָפּגערופן דער געשטופּל־טער, פונאַנדערפּענענדיק זיינע ליפּן, ווי צו אַ שמייכל, און באַלד נאָכדעם שטיל מוסיף געווען:

— אַי־אַי־אַי!

בייז פּייפט אַ רויע שייט האָלץ. דאָרט ווייט ערגעץ, וואו דערהערט זיך אַ קרעכצענדיק קול. דער רויטער און דער גע־שטופּלטער שטעלן אָן די אויערן, קוקנדיק אין דער פינסטערניש און דאָס פייער שפּילט אויף זייערע פּנימער, און זייערע אויערן ציטערן קוים וואָס מען מערקט, וואַרטנדיק אויף וועלכן ס׳איז קלאַנג...

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן־ביינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, קוקנדיק גלייך אויף דאָס פייער.

— י־יאָ...—האָט דער רויטער אַרויסגעזאָגט שווער און אויפן קול.

דער געשטופּלטער האָט אַ ציטער געטאָן, און שנעל זיך אַרומגעקוקט. און דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן־ביינער האָט פלוצלונג זיין קאָפּ אַ הייב געטאָן און מאָדנע זיך איינגעקוקט דעם

רויטן אין פּנים אַריין. דערנאָך האָט ער ביי אים מיט אַ האַלבן מויל אַ פֿרעג געטאָן:

— דו—וואָס איז?

דער רויטער האָט אים נאָך אַ קליינע פּאַוזע געענטפֿערט:

— אַזוי גלאַט...

דאַן האָט דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער אַ פֿינטל געטאָן מיט ביידע אויגן און אונטערן נאָז שנעל גענומען ריידן:

— נעכטן האָט דער פֿענזער סאָלדאַטל פֿון אונזער ראָטע געזען זיינעם אַ בן-עיר...

מאַכט צו אים דער בן-עיר זיינער: ביי אונז, זאָגט מען, בונטעוועט מען אויך. די פּויערים, זאָגט ער, צינדן אונטער די פּריצים... זיי זאָגן, זאָגט מען, אַן עק! געענוג ט'אייך זיין, איר'ט זיך אָנגעטרונקען מיט אונזער בלוט, איצטער—זייט מוחל, גייט געזונטערהייט... יאָ! די ערד איז ניט אייערע, זי איז גאָטס, די ערד, הייסט עס. זי איז, על-פּי דעם נאָך, דעמס, ווער עס אַרבעט אויף איר, די פּויערימס הייסט עס. קלייבט זיך אַרויס, זאָגן זיי, אַז ניט וועלן מיר אייך אַלעמען אונטערצינדן. אָט, פֿאַרשטייסטו...

— דאָס טאָר מען ניט! — האָט הייזעריק באַמערקט דער רויטער—דאָס וועט די נאַטשאַלסטווע ניט ערלויבן...

— פֿאַר-שטייט-זיך! — האָט אויסגעצויגן דער געשטופּלטער, געגעצנדיק און דערביי אויפגעעפֿנט אַ טיפֿן שוואַרצן מויל מיט קליינע פֿעסטע ציינער.

— וואָס טוט זיך דאָס?—האָט אַ פֿרעג געטאָן דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער, און, קוקנדיק אויף דאָס פֿייער, זיך אַליין געענטפֿערט:

— דאָס לעבן ברעכט זיך...

אין דער דיקער פֿינסטערניש בלאָנקעט אַרום די פֿיגור פֿון דעם פֿערטן סאָלדאַט. ער גייט אַרום דעם ברענענדיקן האָלץ-הויפֿן, מאַכנדיק גרויסע קרייזן אַזוי, ווי אַ גרויסער, גרויער שפּאַר-בער.

די קאָלבע פֿון זיין ביקס איז ביי אים צוגעדריקט צו זיין אָרים און דער שפּיז הענגט אַראָפּ צו דער ערד צו. ער וויגט

זיך און גלאנצט, אזוי ווי ער וואלט עפעס געזוכט און געשמעקט דארטן אונטן, צווישן די שטיינער פון גאס. דער סאלדאט האט זיין קאפ צום ברוסט צוגעדריקט און אויף געקוקט אראפ, אזוי ווי ער וואלט געהאט בדעה צו זען, וואס וועט זיין שפיז דארטן געפינען.

דער רויטער האט א וואורף געטאן א בליק ארום זיך, א הוסט געטאן און, פארקנייטשנדיק זיין שטערן, מיט א הייזעריקער שטימע שטיל ריידן גענומען:

— דער פויער, ער מעג טאקע בונטעווען... וואס איז ער, א הונט, צי וואס? ער פגרט פאר הונגער... און עס קאכט אים דעריבער דאס הארץ...

— פארשטייט זיך! האט דער געשטופלטער א זאג געטאן.

דער רויטער האט בייז א קוק געטאן אויף אים און געלאסן פארגעזעצט:

— כל זמן ס'איז געווען צו ליידן, — האט ער זיך רואיק געלעבט, אבער אז ס איז שוין אויס כוחות! איז דער מענטש א חיה געווארן. דעם פויער פארשטיי איך...

— נו, נאטירלאך! — האט דער געשטופלטער שטיל, אבער מיט היץ אונטערגעכאפט און א פרייליך שמייכל האט זיך אויף זיין פנים פונאנדערגעגאסן.

— אלע זאגן איין זאך: אויף דער ערד איז דא נאר איין באלעבאס, דער ארבעטס-מאן — דאס איז דער פויער... אפילו די וואס בונטעווען — זיי זאגן אויך דאס זעלביקע.

דער געשטופלטער האט א מאך געטאן מיטן האנט און, צו-בויגנדיק זיך צום רויטן, אים בסוד געזאגט:

— ניטא פארן פויער קיין שום אויסוועג ניט...

— נאר אין סאלדאטן טרייבט מען אים, האט געמורמלט דער מיט די ברייטע באקן-ביינער...

דער רויטער האט א קלאפ געטאן מיט זיין קאלבע אן דער ערד און שטרענג א פרעג געטאן:

— צוליב וואס אבער בונטעווען זיי, די שטאטיקע?

— גלאט אזוי, צולאזענע יונגען, פארשטייט זיך — האט דער

געשטופלטער געזאָגט—וויפל צרות האָט אונזער איינער איבער זיי? הונגער, קעלט...

— און וויפל עבירות נעמט מען איבער דורך זיי אויף דער אייגענער נשמה... האָט אים דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער אונטערגעהאַלטן.

און דער רויטער האָט, קלאַפנדיק מיטן קאָלבע אָן דער ערד אין טאַקט צו זיינע אייגענע ווערטער, פעסט און אַכזריותדיק ווייטער גערעדט:

— זיי דאַרף מען אַלעמען אויסוואָרצלען... האָט דער באַטאַליאָנער ריכטיק געזאָגט! דעם הרגענען, דעם אין סיביר פאַרשיקן... נאַ, הונט אייגער, נאַ דיר שניי, לעב דאָרטן, און ווייטער גאָרנישט.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם ביקס אויף די פּלייצעס און מיט פעסטע טריט גענומען זיך קרייזן ווידער אַרום דעם ברענענדיקן האָלץ-הויפן.

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שמייכלענדיק פאַרטראַכטערהייט אַרויסגערעדט:

— קאַלט!... פון אויסווייניק ברענט און אינווייניק איז קאַלט... דאָס האַרץ טרייסלט אין מיר זאַגאַר פון קעלט...

— גיי אַרום! האָט דער רויטער צוגעברומט, קלאַפנדיק מיט די פיס.—אָט, יאַקאָוולעוו... ער גייט אַרום.

און דערביי אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו די שוואַרצע פיגור פון דעם סאָלדאַט האָט זיך אין דער פינסטער אַרומגעטראָגן.

— נאָר אַרומגיין!—האָט זיך מיטאַמאָל דער געשטופלטער צעוויסגעכאַפּט.

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַקאָוולעוון און אַ קרעכץ טוענדיק, שטיל באַמערקט:

— אים איז ביטער אויפן האַרצן...

— איבער דעם קרעמער? האָט דער געשטופלטער געפרעגט.

— נו, יאָ!—האָט שטיל געענטפערט דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקן-ביינער. — זיי זיינען ביידע פון איין אָרט, פון איין וואָ-

לאָסט. די בריוו פון דער היים פלעגט יאַקאָווליעוו אַלעמאָל אויף דעם קרעמערס נאָמען באַקומען... היינט האָט ער אַ פלימעניצע... יאַקאָווליעוו האָט אַלץ געזאָגט: איך וועל זיך אויסדינען, וועל איך זיך שדכנען... מיטאַמאָל נאַ דיר...

— עס איז נישט צו מאַכן! — האָט בייז געענטפערט דער רויטער.

און דער געשטופלטער האָט אַ ברייטן גענעץ געטאָן, און נאָכדעם הויך אויפן קול אַ זאָג געטאָן:

— אַ סאָלדאַט איז מחויב צו הרגענען די פייַנד... ער האָט דערויף אַ שבועה געגעבן.

יאַקאָווליעווס טריט האָבן הילכיק געקלונגען אין דער דיקער פינסטערניש; ער האָט זיך כסדר אַרומגעדרייט אַרום דעם האָלץ־הויפן, דאָס צוגייענדיק נענטער צום פייער, דאָס אָפגייענדיק ווייטער פון אים. יאַקאָווליעוו האָט זיך מיטאַמאָל אָפגעשטעלט צוהערן, וואָס זיינע דינסט־ברידער ריידן.

— האָסט אַ שוואַכע האַרץ, סעמיאָן! — האָט דער געשטופלטער באַמערקט.

— זעסטו, אַז דער קרעמער וואָלט געבונטעוועט... האָט סעמיאָן זיך אָפגערופן און, האָבנדיק בדעה, ווי עס ווייזט אויס, נאָך וואָס צו זאָגן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, אָבער דער רויטער איז בעת מעשה צוגעטראָטן האַרט צו אים און מיט אַ הייזעריקער שטימע אַרויסגערעדט:

— און, ווי קען מען עס פונאַנדערקלייבן, ווער עס בונטעוועט? אַלע בונטעווען!... אָט האָב איך אַ פעטער אַ דוואָרניק, אַ מענטש, וואָס האָט אַ רובל פינף הונדערט אייגנס, געווען זיך אַ שטילער, רואיקער באַלעבאָס...

פלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָ גאָר ניט ווייט אַ קורצער און טרוקענער קלאַפּ, אַזוי ווי אַ שאָס פון אַ ביקס. די סאָלדאַטן האָבן בליץ־שנעל אָנגעשטעלט די ביקסן, פעסט צודריקנדיק די קאַלטע שטאָלענע רערן ווידער. אויסציִענדיק די העלזער, האָבן זיי זיך שטאַרק איינגעקוקט אין דער טיפער פינסטערניש, און געלויערט אַזוי ווי די יאַגד־הינט. די וואָנצעס פון דעם רויטן האָבן

זיך מאָדנע געטרייסלט און דער געשטופּלטער האָט שטאַרק אויפגעהויבן זיינע פּלצייעס.

יאַקאָווליעווס טריט האָבן זיך ווידער הערן געלאָזט. ער איז זיך רואיק און געלאַסן צוגעגאַנגען צום פייער און אַ מורמל געטאָן צו זיי צו אַלעמען:

— דאָס האָט אַ טיר אַ סקריפּ געטאָן... אָדער אַ שילד פון אַ געשעפט.

ער האָט אַריינגעשטופּט מיטן נעזל פון שטיוול אַ שלעכט ברענענדיק שייט־האָלץ אינם הויפן אַריין און אַוועקגעזעצט זיך אויף די טשיפּקעס לעבן רעכטן פייער.

— מאַלאָוו! — האָט דער רויטער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ קאָמאַנדיר — גיי נאָך האָלץ... אָן דאָרטן — דערביי האָט ער אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער אין דער פינסטערניש — לעבן קרעמל שטייען קעסטלאַך ליידיקע... דער געשטופּלטער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם ביקס אויפן פּלייצע און געלאָזט זיך גיין.

— לאָז דאָ דעם ביקס... ער וועט דיר שטערן — האָט דער רויטער באַמערקט.

— אָן אַ ביקס איז מען עפּעס ביי זיך ניט זיכער! — האָט זיך מאַלאָוו אָפּגערופן און פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

איבער די געלע און רויטע פייער־צונגען פון דעם האָלץ־הויפן פליען און דרייען זיך נאָך אַלץ די שנייעלאַך. פיל פון זיי זיינען שוין אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן. די טונקעלע גאַסן־שטיינער זיינען גרוי געוואָרן.

אָנגערוקט, ביז קוקן די בלינדע פענסטער פון די טונקעלע הייזער דעם חושך אין די אויגן אַריין, זייערע ווענט זינקען אין דער דיקער פינסטערניש. דער פייער־הויפן האַלט ביים אויסברענען, און דריי סאָלדאַטן שטייען און קוקן, און קוקן, שטומערהייט אויף די לאַכעדיקע קוילן.

— איצטער מוז זיין אַ זייגער דריי... — האָט צאָרנדיק געמורמלט דער רויטער. — מ'וועט נאָך אַ צייט דאָ מוזן פוילן. און ווידער איז אַרום טויט־שטיל געוואָרן.

— אָ, גאָטינקע! — האָט זיך סעמיאָן אָפּגעזיפצט און אַ קער טוענדיק דעם קאָפּ, אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס, יאַקאָווליעוו, ניט גוט אויפן האַרצן? יאַקאָווליעוו שווייגט און רירט מיט קיין אבר ניט. סעמיאָן האָט רחמנות־דיק אַריינגעקוקט דעם רויטן גלייך אין די אויגן אַריין, און שטיל, וואָרט ביי וואָרט, אָנגעהויבן ריידן, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט אַ מעשה דערציילט:

— איך טו אַ קוק — זי ליגט אַזוי לעבן לאַמטערנע, מיט איין האַנט האָט זי זיך פאַר דעם לאַמטערנע־סלופּ פאַרכאַפּט, אים אַרומ־גענומען... די באַקן זיינען ווייס ווי לייוונט... און די אויגן אָפן...

— ער׳ט שוין אָנגעהויבן זיינע הספּדים!... — האָט בייז גע־מורמלט דער רויטער.

סעמיאָן קוקט אויף די קוילן און דערציילט ווייטער:

— אויגן אַזוינע פריינדלאַכע... און אַלט מוז זי זיין... אַ יאָר צוואַנציק אַן ערך...

— האָסט שוין דאָך דערציילט אַמאָל די מעשה! — האָט בייז דער רויטער אויסגעשריען. — הייגט צוליב וואָס ווידער אויפ־רייצן די אַלטע וואונדן? סעמיאָן קוקט אים אויג אין אויג און שמייכלט תמעוואַטע.

— אַ היזק אַזאַ מיידל, פאַרשטייסט... אַזאַ יונגינקע... אַ פריילאַכע געווען, ווי עס ווייזט אויס... מען זעט עס נאָך די אויגן נאָך... אַך דו, ליובינקע — קלער איך מיר, וואָלסט נאָך גע־לעבט, וואָלטן מיר זיך מיט דיר דערקענט, איך וואָלט געגאַנגען צו דיר צו געסט אַ זונטאָג, אַ יום־טוב... איך וואָלט געקושט דיינע...

— זאָל דיר זיין געגוג! האָט אים יאַקאָווליעוו איבערגע־שלאָגן, אַ וואָרף טוענדיק אויף אים אַ שאַרפן, בייזן בליק.

— אין קאַזאַרמע וועסטו הספּדים מאַכן! — האָט דער רויטער מוסיף געווען.

סעמיאָן האָט זיין קאָפּ איינגעטופּעט, עפּעס אַזוי ווי האַלב פאַרשעמט, און נאָך אַ קליינע פּאַוזע ווידער אָנגעהויבן:

— אַ צער געווען צו קוקן, ברידער... זי ליגט זיך אַזוי. אָט

ווי אַ שלאָפּעדיקע... קיין טראָפּן בלוט, גאָרנישט... עס קען דאָך זיין, אַז זי איז זיך גלאַט אַזוי געגאַנגען...

— גיי נישט! האָט אויסגעשריען דער רויטער און דערביי בייז אין דער מאַמען געמאַכט.

— און אפשר האָבן זי אירע באַלעבאַטים געשיקט ערגעץ... האָט זיך סעמיאָן, אַזוי ווי געבעטן ביי װעמען.

— אונז שיקן אויך אונזערע באַלעבאַטים—האָט מיט כּעס געענטפערט דער רויטער—וואָס דען, מיר אַליין גייען? גיי, שיס, זאָגן זיי... ווײַבאַלד דו האָסט געגעבן אַ שבועה...

זיי זייבען אַלע גלייך,—ער האָט ווידער געמאַכט אין דער מאַמען.

— אַלע שיקן זיי דאָס פאָלק איינער אויף דעם אַנדערן...

אַ צייט לאַנג האָבן נאָך די גראָבע זידלערייען פון די צע־רייצטע, סאָלדאַטן געקלונגען אין דער קאַלטער לופט פון דער פינסטערער נאַכט.

יאַקאָװליעוו האָט אינמיטן דערינען אויסגעהויבן דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן, און, אַריינקוקנדיק דעם רויטן אין די אויגן אַריין, קלאָר און שאַרף, וואָרט ביי וואָרט אַרויסגערעדט:

— וואָס איז—אַזוינס—אַ סאָלדאַט!

אין דער פינסטערניש האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ. סעמיאָן האָט אַ ציטער געטאָן.

— דאָס גיט זיך מאַלאָװ אַזוי אַרויס, דער חברה־מאַן—האָט דער רויטער געזאָגט, מאַכנדיק מיט די וואָנצעס—זאָל אים היינט הייסן דער ראָטנער אַ לעבעדיק קינד אויפפרעסן—וועט ער אויפ־פרעסן...

— און דו?—האָט יאַקאָװליעוו אַ פרעג געטאָן.

— מען האָט אים געשיקט אַ קעסטל געמען — האָט דער רויטער פאַרגעזעצט — און ער האָט זיך דאָרט גענומען עפּעס חרוב מאַכן... ער ברעכט, ניבר, אַ מעלקאַסטן... די חיה רעה...

— און דו,—וואָלסט אויפגעפרעסן? האָט יאַקאָװליעוו איבער־געחזרט זיין פראַגע.

דער רויטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— איך, ברודער... איך דין זיך שוין אויס אין אַווגוסט...

— דאָס איז אַלץ איינס!—האָט יאַקאָווליעוו געזאָגט—זאָל דער ראָטנער דיר מאָרגן הייסן—וועסטו אויפפרעסן, אַפילו דיינס אָן אייגן קינד... וואָס איז אַ סאָלדאַט, אַ?

ער האָט זיך טרוקן פונאַנדערגעלאַכט. דער רויטער האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָלבע אָן די שטיינער און אַ קער טאָענדיק דעם קאָפּ, אַ געשריי געטאָן אין דער פינסטערניש:

— מאַלאָוו! גיכער!

— אַ ביטערער יונג איז דער מאַלאָוו!—האָט סעמיאָן באַמערקט—אַנומלט, בשעת מיר'ן געשאָסן אין די בונטאָווששיקעס, האָט ער כסדר געצילט אין בויך דווקא... זאָג איך אים: מאַלאָוו, וואָס טוסטו דאָס? דו—ציל אין די פיס; מאַכט ער צו מיר: וואָסי, וואָס? איך שנעל דאָך דאָס אין סטודענטן...

סעמיאָן האָט אַ זיפץ געטאָן, און ווידער גאַנץ קאַלטבלוטיק פאַרגעזעצט:

— און דעם אמת זאָגנדיק, קומט ביי מיר אויס, אַז סטודענטן זיינען גאַנץ וואוילע מענטשן. ביי אונז אין דאָרף זיינען צוויי סטודענטן אויפן גרינס געווען... זיינען זיי געוועז מיט די פויערים אויסגעבונדן! אי אַ כוסא מיט זיי געמאַכט, אי אַ פּראָשעניע אָנגעשריבן יעדן, ווער ס'האָט נאָר געבעטן, אי גלאַט אַזוי געגעבן צו פאַרשטיין, דאָס, יענץ... ביכלאַך געגעבן צום לעזן... פריילאַכע, ערלאַכע מענטשן, ווי מיר האָבן אַ גאָט אויף דער וועלט! דערנאָך איז צו זיי געקומען עפּעס איינער שוין ניט אַ סטודענט, און יענע נאַכט גופא זיינען פון שטאָט אָנגעפאָרן זשאַנדאַרן... און פאַרנומען זיי אַלעמען דריי... די פויערים האָבן זיי שטאַרק באַדויערט, כלעבן...

יאַקאָווליעוו האָט זיך פלוצלונג אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, מאָדנע אַ קוק געטאָן דעם רויטן אין די אויגן און שווער אַרויסגערעדט:

— אַ סאָלדאַט איז אַ הונט, אַ ווילדע חיה, אַן אַכזר אָן אַ האַרץ...

דער רויטער האָט אַראָפּגעלאָזן די וואָנצעס און די ברעמען און געקוקט אויף יאַקאָוולעוון מיט קליינע שמאָלע אויגן. סעמיאָן איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און געפינטלט מיט די ברעמען.

— אַ סאָלדאַט איז אַ משחית, אַ מחבל...—האָט יאַקאָוולעוו דורכגעזייט דורך די ציינער און פון האַרצן אין דער מאַמען געמאַכט.

— ווי קומט עס עפּעס צו דיר?—האָט שטרענג דער רויטער געפרעגט.

— מיר, מיכאַאיל יעווסעאיטש, האָבן קיין גראָבן וואָרט ניט געהערט!—האָט סעמיאָן געזאָגט.—דאָס האָט זיך ביי דיר, יאַקאָווליעוו, פון צרות אַרויסגעריסן, ניט ווילנדיק... אַזוי עפּעס...

יאַקאָווליעוו האָט זיך אויסגעגלייכט, אַוועקגעשטעלט זיך פעסט אויף די פיס און פעסט צונויפגעדריקט זיינע ליפּן. די באַזלעכער האָבן ביי אים געציטערט פאַר צאָרן.

— אויב מאַלאָוו וועט זיך דערוויסן, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט—האָט דער רויטער געזאָגט ערנסט—און, ווייס איך, וואָס נאָך... וועט ער געוויס דעם ראָטנעם דערלייגן... און דו, יאַקאָווליעוו, וועסט האָבן אַ מיאוסן פּסק... יאָ!

— און דו וועסט ניט דערלייגן?—האָט יאַקאָווליעוו שאַרף געפרעגט.

דער רויטער האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בליק און זיך ווייטער גערעדט:

— וועסט האָבן אַ מיאוסן פּסק... פאַר אַזוינע ווערטער... וועט מען דיך ניט אַ גלעט טאָן... ניין, ברודער!...

— דו—וועסט דערלייגן! האָט יאַקאָווליעוו פעסט און מיט רוגזא אויסגערעדט.

— איך ווייס, וואו איך בין אין דער וועלט!—האָט צאָרנדיק דער רויטער געענטפערט, ס'איז ניט מיין זאַך, גאָרנישט ניט...

איך, פאַרשטייסטו, האָב זיך מיר מיינס אָפּגעדינט, און זומער— אהיים...

— מיר'ן אַלע האָבן אַ מיאוסן פּסק!—האָט יאַקאָווליעוו מיט הארץ געזאָגט—דיר האָט וואָס דיין פעטער געזאָגט, הא?

— אַי לאָז צורו, יאַקאָווליעוו! — האָט זיך סעמיאָן גע- בעטן—ווייס איך וואָס ער האָט דאָרטן געזאָגט... כאָטש ער איז אַ פעטער...

— דו ביסט אַ רוצח, האָט ער געזאָגט...

— און דו?—האָט דער רויטער געפרעגט, און זיך גראָב אויסגעזידלט.

— איך אויך!

— ביסטו אויך אַ פאַרד...

— אַ הורג נפש ביסטו...

— און דו?

— גוואַלד, ברידער, זאָל זיין אַ סוף! — האָט זיך סעמיאָן געבעטן.

— און איך!—איז וואָס?

— אהאַ! היינט ווי אַזוי קענסטו נאָך...

— גענוג, ברידער!

מוסיף זייענדיק צו יעדער זידלעריי נאָך אַ „מאַמען", האָבן זיך די סאָלדאַטן געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, ווי די הענער. איינער איז געווען בלאַס, ווי אַ טוך, דער אַנדערער האָט אינגאַנצן געציטערט, אָנגעשטעלט די וואָנצעס, ווי אַ קאָם און בייז גע- סאָפּעט.

— מאַלאָוו גייט!—האָט סעמיאָן מיט שרעק אויסגעשריען— טוט אַ טובה, הערט אויף! און אין דערזעלביקער צייט האָט זיך אויך פון דער פינסטערניש דערהערט מאַלאָווס קולות:

— מיכאַאיל יעווסטאַיטש! זיי עפענען די פענסטער!...

— שטיי!—האָט דער רויטער געזאָגט—סמירנאָ! און גע- נומען שרייען אויפן גאַנצן האַלז:

— די פענסטער פאַרמאַכט! אַז ניט וועל איך שיסן! מיט

דעם אָנגעשטעלטן ביקס אויף די הענט איז מאַלאָוו צוגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטער און שנעל גענומען ריידן:

— איך שטיי מיר... אַזוי... דאָרטן... ערשט זיי... עפענען די פענסטער... איך הער זיך צו:—זעסט אים? גיב אַ שנעל!... דאָס איז, הייסט עס, מען זאָל מיך שיסן...

— זיי האָבן רעכט! האָט יאַקאָווליעוו האַרט אָפּגעהאַקט.

— אַך, איר, אַזוינע און אַזוינע, אין אייער מאַ...

מאַלאָוו האָט בליץ-שנעל צוגעדריקט זיין ביקס צום ברוסט. עס האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער קלאַפּ, איינס, צוויי... דער רויטער האָט זיך אויך אָנגעצילט און גענומען לויערן.

— ע, דו אויסוואָרף! האָט שטיל יאַקאָווליעוו געזאָגט, אַ שטויסנדיק דאָס ראָר פון זיין ביקס אַרויף-צו.

ס'האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס. דער רויטער האָט באַלד זיין ביקס אַראָפּגעלאָזן און אַ צופּ געטאָן מאַלאָוון פאַרן פלייצע:

— הער דו אויף!

מאַלאָוו האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און, דערזעענדיק, אַז אַלע זיינע חברים שטייען רואיק האָט ער תמעוואַטע צוגעטענהט:

— נו איז דאָס אַ חברה! אַ פּראַוואָסלאַוונעם מענטשן, אַ סאָלדאַט פונם קיסר און פאָטערלאַנד צו שיסן פון אַ פענסטער... האַ?

— עס האָט זיך דיר אויסגעדוכט—האָט צערייצט דער רויטער געזאָגט.

— וואָסער אויסגעדוכט!... קיינער, ברודער, וויל דעם טויט ניט—האָט ער געמורמלט, גריבלענדיק זיך מיטן פינגער אין דעם מעכאַניזם פון זיין ביקס.

— איר שרעקט זיך פאַר זיך אַליין—האָט יאַקאָווליעוו צוגעברומט.

אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. און אַלע פיר זייגען שטיין געבליבן אויף איין אָרט, ניט רירנדיקערהייט און געקוקט אויף דעם הויפן קוילן אונטן. פון אַלע זייטן האָבן זיי די שטייגערנע ווענט פון די הייזער געדריקט און די מוראדיקע שטילקייט האָט זיי עפּעס,אַזוי ווי שרעקלאַכס געסודעט...

— נו ?—האָט דער רויטער געזאָגט—איך וועל דאָך נאָך
האַלץ ניט גיין ! גיי אָקאָרשט, יאַקאָווליעוו, דו...

יאַקאָווליעוו האָט שווייגנדיק איבערגעגעבן זיין ביקס סעמי
יאָנען און זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען. מאַלאָוו האָט אויך נאָכ-
געקוקט, אַ גלעט געטאָן דאָס ראָר פון זיין ביקס, אָנגערוקט דאָס
היטל און זיך אַזאָג געטאָן קאַלטבלוטיק :

— ער אַליין וועט ניט קענען ברענגען אַלץ, וואָס איך האָב
דאָרטן אָנגעבראָכן... און ער האָט זיך שוין געוועסט געלאָזן מיטן
ביקס אויפן פלייצע גלייך נאָך אים... נאָר תּיכּף האָט ער זיך אומ-
געקערט און מיט אַ פריילאַכן טאָן מודיע געווען :

— איך האָב דאָרט אַ גאַנצע קרעמל חרוב געמאַכט. ביי גאָט !

ביי דעם הויפן זיינען שטיין געבליבן די איבעריקע סאָל-
דאַטן, קוקנדיק, ווי די קוילן טוען אָן הייבלאַך פון גרוען אַש.
מאַלאָווס שטימע האָט זיך געהערט, ציטערנדיק אין דער שטילקייט...

סעמיאָן האָט שטיל אַ הוסט געטאָן און געזאָגט :

— מיכאַאיל יעווסעאיטש ! זעט גאָט אַלץ, וואָס דאָ טוט
זיך ?... אָדער—ער האָט זיך פון אונז אָפּגעקערט ?

דער רויטער האָט אַ היפּשע צייט געטרייסלט מיט די וואָנ-
צעס איידער ער האָט פעסט און האַרט אָפּגעענטפערט.

— גאָט... ער מוז אַלץ זען... דאָס איז זיין חוב...

— אָבער... דאָס זעט איר שוין ניט... פאַרשאַפן מיר עגמת-
נפש איז ניטאָ פאַרוואָס...

וואָס בין איך עפּעס ערגער פאַר לייטן, וואָס ?
זיי זיינען ווידער ביידע אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָרטן, אין דער פינסטער, האָבן געסקריפּעט און געקלאַפּט
די ברעטער, שלעפּנדיק זיך איבער דער ערד. סעמיאָן האָט אויפ-
געהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן הימל. ער איז געווען
שוואַרץ, קאַלט, אינגאַנצן אין די אייזערנע הענט פון דער פינס-
טערניש...

סעמיאָן האָט זיך אָפּגעזיפצעט, און שטיל אַרויסגעזאָגט :

— און אפשר איז גאָר קיין גאָט ניטאָ... ווער ווייס ?

דער רויטער האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַפּאָר גרויסע אויגן און בייז אויסגעשריען:

— פּלוידער ניט!

און גענומען זיך מיטן שטיוול צונויפשאַרן די אויסגעלאָשענע קוילן אין איין הויפן. אָבער באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן און טרייסלענדיק מיט די וואָנצעס, דורכגעזייט דורך די ציינער:

— מען דאַרף דאָך פאַרשטיין, דאַרף מען דאָך — וואָס בין איך אַ מענטש, אָדער ניט?... דאָס דאַרף מען דאָך פאַרשטיין... און דערנאָך שוין...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרביסן די וואָנצעס און בייז גענומען רייבן די הענט.

סעמיאָן האָט אויף אים אַ בליק געטאָן, אַראָפּגעלאָזן די אויגן און שטיל געשעפּטשעט:

— ווייס איך... אַנדערע זאָגן... אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט...

דער רויטער האָט ניט געענטפערט.

אין דרויסן איז רק קעלטער געוואָרן. דער שניי האָט אויפגעהערט צו שיטן...

ווייט, ווייט ערגעץ האָט געציטערט עפּעס אַ מאָדנער קול, אַזוי ווי אַ וואונדערלאַכער שטן אַקוראַט...

דער פילאָסאָף.

(געווידמעט גראַף ל. נ. טאָלסטאָי).

אַמאָל האָט געלעבט אַ פילאָסאָף, ער איז געווען אַ גרויסער חקרן און האָט כל ימיו געטראַכט וועגן די סודות פון לעבן. און אַז ער איז לסוף דערגאַנגען דעם טרויעריקן סוד, האָט אַ טיפער שרעק אָנגעפילט זיין האַרץ און אַ פינסטערע כמאַרע זיין געזיכט באַדעקט, יעדע פרייע מינע, יעדער ליבלאַכער שמייכל איז אים פרעמד געוואָרן, און אַלע פריידן פון דער וועלט זיינען פאַר אים אָפּגעשטאָרבן.

מיט די קאַלטע אויגן פון זיין פאַרשטאַנד האָט ער אַריינגעקוקט אין די לאַנג־פאַרזונקענע טיפע צייטן און האָט דאָרטן געזען הוילע פינסטערניש; אויף די צוקונפט האָט ער געזען גאַנץ געַנוי,—דאָרטן איז אויך געווען אַ חושך.

ער איז געגאַנגען אין אַלע עקן פון זיין פאָטערלאַנד, דורך די גאַסן פון שטעט און דערפער, ער איז געגאַנגען, שאָקלענדיק מיט זיין אייגזאַמען פילאָזאָפישן קאָפּ; אין דעם קאָכנדיקן טומל פון לעבן האָט זיך געלאָזט הערן זיין מוסר ווי דער טרויעריקער ניגון פון אַ הספד: „מענטשן! איר לעבט אין פינסטערניש און פינסטערניש! פון דעם אָפּגרונט פון אומוויסנהייט זייט איר געקומען, אין געפל פון אומוויסנהייט פאַרברענגט איר אייער לעבן, די אייז־קאַלטע פינסטערניש פון אומוויסנהייט לויערט אויף אייך אין דער צוקונפט.

מענטשן האָבן צוגעהערט זיין טרויעריקע רעדע, פאַרשטאַנען איר ביטערן אמת, געזיפצט און געקוקט שווייגנדיק אין געשטאַלט פון דעם פילאָסאָף. אָבער נאָכדעם ווי זיי פלעגן אים באַגלייטן אויף דעם איינזאַמען וועג זיינעם, פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק צו זייערע געשעפטן און צו זייערע מאָלצייטן. זיי עסן זייער ברויט און טרינקען זייער וויין, וועלכער מאַכט לוס.

טיק זייער האַרץ, זיי קלייבן נחת פון די קליינע קינדער און פאַרגעסן זייער עלנד און נויט, פון וועלכן זיי האָבן אָקאָרשט ערפאַרן. זיי פלעגן ווייטער קעמפן איינע מיט די אַנדערע צוליב עשירות און תענוגים, הערנדיק מיט כוונה דעם מוסר וועגן ליבע; מיט הענט, באַפלעקט מיט דעם שכנס בלוט, פלעגן זיי אַרומנעמען די געליבטע און אויסדערוויילטע פרויענצימער און מיט פאַררעטערישע ליפן קושן זייער פריינד.

זיי פלעגן גנבענען איינער ביי דעם אַנדערן דאָס האָב און גוטס, און ווי נאָר זיי פלעגן רייך ווערן דורך גניבה, פלעגן זיי ווערן הייסע חסידים פון פריוואַט=אייגנטום. אָפּנאַרנדיק און זאָגנדיק ליגנס אויף יעדן טריט און שריט, פלעגן זיי אַלע טענהן, אַז דער אמת געוועלטיקט איבערן לעבן. און עס זיינען אַפילו געווען אייניקע פון זיי, וועלכע האָבן בתמימות געגלויבט אין דער וואוילטעטיקער מאַכט פון אמת און האָבן אַפילו געליטן יסורים פאַר דערדאָזיקער אמונה זייערער. און די מענטשן האָבן ליב געהאַט די מוזיק, פלעגן פון שמחה טרערן פאַרגיסן, הערנדיק אירע שיינע מעלאָדיען. די שיינהייטן פון דער נאַטור פלעגט דערוועקן ביי זיי אין האַרץ אמתע באַגייסטערונג,—אָבער אַרום זיך פלעגן זיי פאַרטראָגן מיאוסע מעשים און עקלהאַפטע זאַכן. פאַרשקלאַפנדיק און אונטערטאָכנדיק איינער דעם צווייטן, פלעגן זיי זאָגן, אַז זיי דאָרשטן נאָך פרייהייט, זיי פלעגן קוקן מיט פאַראַכטונג אויף די נידעריק שטייענדיקע, און ציטעריקע, ווי פאַרשלאָגענע חיות, האַסן געהיים זייערע הערשער. און זיי האָבן שטענדיק פאַנטאַזירט, אַז אַלדאָס גוטס וועט פאַלן פון הימל, און האָבן ניט געוואוסט, ווי צו באַשאַפן דאָס מיט די אייגענע הענט, ווייל זיי זיינען געווען שטענדיק אַריינגעטאָן אין די קליינלאַכע דאגות און די תענוגים פון לעבן. אַלע כוחות און זייער גאַנצן שכל האָבן זיי אַוועקגעלייגט אויף שנאה און ליגנס, אויף אויסצוטראַכטן אַלץ נייע רמאות, כדי צו זעטיקן זייער מוראדיקן אַפּעטיט צו די תענוגים פון דער וועלט. אָט אַזוי האָבן געלעבט די לעכערלאַכע טשיקאַווע לייט ווי שמוציקע חזירים און האָבן זיך געהאַלטן פאַר געפאַלענע מלאכים.

און זייער לעבן איז געווען געגליכן צו אַ שמוציקן וואולקאַן. אַ מוראדיק גרויסן וואולקאַן, וועלכער הערט ניט אויף צו שפּריצן אויף דעם ליכטיקן הימל סם־המותדיקן גאַז פון קרעכצן און יללות, קלעפּעדיקע אַש פון יסורים און קומער, דער שטיקנדיקער אוויר פון די טירישע תאוות.

איינזאַם האָט אַרומגעבלאָנקעט דער פילאָסאָף צווישן די הבלים פון דער ערד און האָט אַלעמען געמוסרט, אַלעמען געלערנט, אַז זיי פאַרשטייען ניט די וועלט: „וואָס איז דאָס לעבן? איר ווייסט עס ניט. וואָס איז אמת? איר קענט עס ניט זאָגן. און אויף וואָס זייט איר דאָ אויף דער וועלט? אייך איז דאָס אויך אומבאַקאַנט. זעט! אָט דאָס איז אייער אומגליק!"

און אַזוי ווי ער האָט געזען, ווי אַ געליבטער אומאַרימט זיין געליבטע, פלעגט ער צו אים זאָגן טרויעריק: „דער טויט וואַרט אויף אייך און אויף אייער קומענדיקן דור!..."

און אַזוי ווי ער האָט געזען, ווי מענטשן בויען פאַר זיך פּרעכטיקע פּאַלאַצן, פלעגט ער זיי מוסרן: הבל־הבלים, דאָס אַלץ וועט גיך פאַרשווינדן אין אָפּגרונט פון פאַרגעסנהייט".

און אַזוי ווי ער האָט געזען יונגע קינדער מאַכן זיך לוסטיק אויפן גרינעם גראָז, צווישן בליענדיקע בלומען, קינדער, וועלכע האָבן אַליין אויך געבליט ווי בלומען, פלעגט ער זיפצן און ריידן ביי זיך אין האַרצן: „איך זע, ווי דער מלאך־המות שאַרפט פאַר זיי דעם שווערד!"

און אַזוי ווי ער האָט געהערט, ווי איינער פון די גרויסע קענער, צו וועלכן ער, וואָס האָט דערקענט דעם סוד פון טויט, איז געווען פרעמד און פייַנדלאַך, האָט אין טעמפּל פון דער וויסנשאַפט געלערנט דער יוגנט ווי צו דערגיין די וואונדערבאַרע סודות, האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער: „דיין חכמה, קענער, איז באַשרענקט, ווייל די ערד וועט אונטערגיין אינאיינעם מיט אַלע אירע טעמפּלען און וויסנשאַפטן, מיט איר אמת און שקר, און דו קענסט אַפילו ניט וויסן, ווען וועט שלאָגן די שעה פון דיין אייגענעם אונטערגאַנג!" — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָט דער פילאָסאָף דערזען אין עק פון אַ גרויסער קאָכעדיקער שטאָט, אין אַ טונקעלער שמאָלער גאַס, פול מיט שמוץ און דלות, אין אַ פאַרפעסטיקטער לופט פון רויך און קויט, אַ גרויסן המון צונויפגעשטיקטע אַרבעטער. איינער האָט געהאַלטן אַ רעדע. און דער פילאָסאָף איז נשתומם געוואָרן, ווי מ'האָט צו־געהערט דידאָזיקע רעדע. אים האָט מען קיינמאָל ניט געהערט מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און חשק. און זיין האַרץ האָט אָנגע־הויבן צו ברענען פון קנאה.

„חברים! האָט זיך געהערט דער קול פון דעם רעדנער צו די אַרבעטער. מיר ליגן אין זומפּ פון אונזער שקלאַפעריי, אַקוראַט ווי שטיינער אויפן גרונט פון אַ טייך, און איבער אונז פליסט דאָס לעבן פון אונזערע אונטערדריקער. מיר דינען זיי פאַר אַ לייטער, און אויף אונזערע קערפּערס הייבן זיי זיך אױ־ דערהויך, צו דער ליכטיקייט, און פון דאָרטן ריכטן זיי די קרעפטן פון זייער פאַרשטאַנד קעגן אונז, כדי צו פאַרשקלאַפן נאָך מער אונזער גייסט. זיי ווייסן אַלץ — מיר גאָרנישט; זיי לעבן — מיר האָבן נאָך ניט געלעבט; זיי איז באַקאַנט אַלע חכמות פון דער וועלט — מיר ווייסן בלויז בבא־מעשות; ביי זיי זיינען תענוגים — ביי אונז גאָרניט, אַפילו ברויט צו זאַט האָבן מיר ניט. זיי האָבן אונז אונטערדריקט, און ביי זיי קריכט אַל־דאָס גוטס פון האַלז; אָבער איר זאָלט וויסן, אַז באַלד וועט אונ־זער הונגער באַזיגן די צו־זאַטע, ווייל זייער גייסט איז אָנמעכטיק, מיר אָבער זיינען שטאַרק און פול לעבן, ווייל מיר לעבן אין דעם לעבן פון גייסט. מיר ווילן אַלץ וויסן, מיר ווילן זיין מענטשן, מיר ווילן לעבן. מיר וועלן אונזער דאָרשטיקע נשמה אָנטרינקען מיט אַלע וויסנשאַפטן פון לעבן, מיר ווילן באַזיצן אַלץ, וואָס ס'איז שוין דאָ, און מיר ווילן באַשאַפן, וואָס ס'איז נאָך ניטאָ"!

„מענטש"! האָט זיך אָפּגערופן דער פילאָסאָף מיט אַ ביטערן שמייכל. דו לעבסט אין טעות און פאַרפירסט אַנדערע. באַ־גרעניצט איז די קענטעניש פון מענטשן, און קיין מאָל וועלן זיי ניט מער וויסן און משיג זיין, וואָס ס'איז איבער זייער שכל.

און בעת דו וועסט אונטערגיין — ניט שוין־זשע וועט דיר ניט זיין גלייך, צי דו ביסט הונגעריק, צי דו ביסט זאַט איבערן האַלז, אַקוראַט ווי יענע, וועלכע דו האָסט געוואָלט טרעפן מיט די טעמפע שפּיצן פון דיין חכמה? און צי דען איז דיר ניט גלייך, אויב דו וועסט גיין אין קבר אַלס אומוויסנדיקער, אָדער איינגע־וויקלט אין די קאַלטע תּכריכים פון יענע ניט־ווערטיקע וויסנ־שאַפטן פון דיינע אונטערדריקער? נעם עס אַריין אין זינען! אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך אויף דר׳ערד און די ערד גופא, וועט פאַר־זונקען ווערן אין דעם תּהום פון פאַרגעסנהייט און אין דעם טיפן קעסל־גרוב פון טויט.

די אַרבעטער האָבן שווייגנדיק געקוקט אין געזיכט פון דעם פילאָסאָף און זייערע פּנימער זיינען געבליבן קאַלט ווי אייז. און גרויזאַם־קאַלט זיינען זיי געבליבן צו זיינע מוסר־רייד.

„מאַטוועי, האָט איינער פלוצים אַ זאָג־געטאָן צו זיינעם אַ חבר, מיר טוט עפּעס ווי אַ האַנט, דערלאַנג דאָרטן דעם אַלטן תּרחן האַלז־און־אַקן”.

די מעשה איז געענדיקט.

נאַטירלאַך בין איך מודה, ער איז אַ ביסל צו גראָב, אָט דאָס אַרבעטער־פאָלק. אָבער איז ער שולדיק דערינען? ווער האָט אים געלערנט דרך־ארץ?

מעשהלאך

I.

אין נעאַפּאָל האָבן פאַרשטרייקט די אָנגעשטעלטע פון טראַמוואַי: אין דער גאַנצער לענג פון דער ריוויערע, ביים ברעג פון ים=אויסגוס, האָט זיך אויסגעצויגן אַ קייט פון ליידיקע וואַגאָנעס, און אויפן „פּלאַץ פון נצחון״ האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם פון וואַגאָן=פירער און קאָנדוקטאָרן — אַלץ פריילאַכע און רוישיקע נעאַפּאָליטאַנער, באַוועגלאַכע ווי קוועקזילבער.

איבער זייערע קעפּ, איבער די גראַטן פון סאָד בלישטשעט אין דער לופט, ווי אַ שווערד, אַ דינער שטראָם פון פאָנטאַן, זיי רינגלט פיינדלאַך אַרום אַ גרויסער עולם מענטשן, וועלכע דאַרפן געשעפטלאַך פאָרן אין אַלע עקן פון דער גרויסער שטאָט; און אָט די אַלע אָנגעשטעלטע, מייסטערס, הענדלער, שניידער, זידלען שטאַרק די שטרייקער. ס׳הערן זיך בייזע ווערטער, שטעכיקע שפּאָטווערטלאַך און ס׳שימערירן אָן אַן אויפהער הענט, מיט וועלכע די נעאַפּאָליטאַנער ריידן פונקט אַזוי אויסדרוקספול, ווי מיטן אומרואיקן צונג.

פון ים ציט אַ לייכט ווינטל, די גרויסע פּאַלמעס פון שטאָטגאָרטן שאָקלען שטיל מיט זייערע פאָכערס פון טונקל-גרינע צווייגן, און זייערע שטאַמען זיינען משונה ענלאַך צו אומגעלומפּערטע פיס פון ווילדע העלפאַנדן און זיינען אַזוי ווי אויסגעהאַקט פון שטיין. יינגלאַך, האַלב=נאַקעטע קינדער פון די נעאַפּאָליטאַנער גאַסן, שפּרינגען, ווי פייגעלאַך, אָנפילנדיק די לופט מיט הילכיקע קולות און מיט געלעכטער.

די שטאָט, וואָס איז ענלאַך צו אַן אַלטער גראַווויור, איז רייך באַגאָסן מיט הייסער זון און זינגט אינגאַנצן, ווי אַן אָרגאַן; די בלויע כוואַליעס פון ים שלאָגן אָן שטיין פון דאַמבע און באַגלייטן דעם מורמלען און די געשרייען מיט הילכיקע קלעפּ, ווי אַ פּויק הילכט.

די שטרייקער טוליען זיך פינסטער איינער צום צווייטן, כמעט ניט ענטפערנדיק אויף די צערייצטע אויסגעשרייען פון עולם; זיי קריכן אַרויף אויף די גראַטעס פון גאָרטן, קוקן אומרואיק איבער די קעפּ פון די מענטשן אויף די גאַסן, און דערמאָנען אַ סטאַדע וועלף, אַרומגערינגלט פון הינט. אַלעמען איז קלאָר, אַז אָט די מענטשן, אַלע גלייך אָנגעטאָנענע, זיינען שטאַרק צונויפגעבונדן איינער מיטן צווייטן מיט אַ פעסטן באַשלוס ניט גיין אויף קיינע הנחות, און דאָס רעגט נאָך מער אויף דעם עולם; נאָר צווישן עולם זיינען דאָ אויך פילאָסאָפן. געלאַסן רויכערנדיק, ריידן זיי איין די צו היציקע קעגנער פון שטרייק:

— העי, סיניאָר! און ווי טוט מען פאָרט, אַז עס קלעקט ניט די קינדער אויף מאַקאַראָנעס?

גרופּעסווייז, צו צוויי און צו דריי, שטייען פראַנטיש געקליידט אַגענטן פון דער מוניציפּאַלער פּאָליציי, און גיבן אַכטונג, אַז דער עולם זאָל ניט שטערן דער באַוועגונג פון די פורן. זיי זיינען שטרענג נייטראַל; מיט איינער און דערזעלבער רואיקייט קוקן זיי אויף די, וועלכע מ'זידלט, און אויף די, וואָס זידלען, און לאַכן גוטמוטיק אויס אי די אי יענע, ווען די באַוועגונגען און קולות נעמען אָן אַ צו הייסן כאַראַקטער. טאָמער וועלן זיין ערנסטע צוזאַמענשטויסן, שטייט גרייט אויף דער שמאָלער גאַס, ביי די ווענט פון די הייזער, אַ גרופּע קאַראַבינערן, מיט קורצינקע, גרינגע ביקסן אין די הענט. דידאָזיקע גרופּען מענטשן זעט אויס ווי אַ בייזע בשורה אין זייערע דריי-עקיקע היט, קורצע מאַנטלען מיט רויטע, ווי צוויי שטראָמען בלוט, לאַמפּאַסן אויף די הויזן.

דאָס זידלעריי, געלעכטער, פּראָוואָרפן און איינריידן, אַלץ ווערט פלוצלונג שטיל, איבערן עולם טוט אַ ווייי עפּעס, ווי אַ מין ניי ווינטל, וואָס מאַכט אַזוי ווי שלום צווישן די מענטשן — די שטרייקער קוקן פינסטערער און אין דערזעלבער צייט גיסן זיי זיך צונויף ענגער, און אין המון הערן זיך געשרייען:

— סאָלדאַטן!

מ'הערט אַ שפּאָטיש-פרייַלאַכע פייפעריי אויפן אַדרעס פון די שטרייקער; ס'הערן זיך באַגריסונגען, און איינער אַ דיקער אין

אַ לייכטן גרויען אָנצוג און אין אַ פּאַנאַמע הייבט אָן אונטערטאַנצן, טופּענדיק מיט די פּיס איבער די שטיינער פון ברוק. די קאָנדוקטאָרן און וואַגאָנפירער שפּאַרן זיך דורך לאַנגזאַם דורכן המון, גייען צו די וואַגאָנעס, אייניקע קריכן אַרויף אויף די פּלאַטפאָרמעס. זיי זיינען נאָך פינסטערער געוואָרן, און אויף די געשרייען פון המון ענטפערן זיי בייז און בייסנדיק, און ראַמען מיט כּוח אָפּ אַ וועג פאַר זיך. עס ווערט שטיל. דורכגעשניטן די מאַסע, האָבן זיי צעריסן, צעטיילט דעם פיינדלאַכן עולם אויף שטיקער אויף באַזונדערע גרופּן און האָבן אים ווי אָנגעשטעקט מיט אַ נייער שטימונג, ווייניקער טומלדיק, מער מענטשלאַך.

מיט אַ לייכטן ריטמישן טראָט, ווי טאַנצנדיק, גייען פון דאַמבע סאַנטאַ לוטשיאַ קליינע גרויע סאָלדאַטן, זיי קלאַפּן מיט די פּיס און מאַכן מעכאַניש מיט די לינקע הענט. זיי זעען אויס ווי פון בלעך געמאַכט, ברוכיקע, ווי אָנגעדרייטע צאַצקעס. זיי פירט אַ שיינער וואוקסיקער אָפיצער מיט אָנגעברוגזטע ברעמען און מיט אַ פאַראַכטלאַך פאַרקרימטן מויל, לעבן אים לויפט אונטערשפּרינגענדיק אַ דיקער מענטש אין אַ צילינדער און רעדט עפּעס אָן אויפהער, דורכשניידנדיק מיט זיינע באַוועגונגען די לופט.

דער המון האָט אָפּגעגאָסן פון די וואַגאָנעס, און די סאָלדאַטן האָבן זיך, ווי גרויע פּאַצירקעס, אַ שאָט געטאָן איבער זיי, אָפּשטעלנדיק זיך ביי די פּלאַטפאָרמעס; און אויף די פּלאַטפאָרמעס שטייען די שטרייקער.

דער מענטש אין צילינדער און נאָך עפּעס סאָלידע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, מאַכן פאַרצווייפלט מיט די הענט און שרייען:

— דעם לעצטן מאָל... איר הערט?

דער אָפיצער דרייט לאַנגווייליק די וואָנצן, איינבויגנדיק דעם קאָפּ. אונטערוואַרפנדיק הויך דעם צילינדער, לויפט צו אים צו דער דיקער און שרייט עפּעס הייזעריק, דער אָפיצער האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט די ברוסט און ס'האָבן זיך דערהערט הילכיקע ווערטער פון קאָמאַנדע.

האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן שפּרינגען אויף די פּלאַטפאָר־מעס פון די וואַגאָנעס, אויף יעדער פּלאַטפאָרמע צו צוויי, און אין דערזעלבער צייט האָבן זיך פון דאָרט אָנגעהויבן שיטן די וואַגאָן־פירער און קאָנדוקטאָרן.

דעם עולם איז דאָס אויסגעקומען לעכערלאַך—ס׳האָט אויס־געבראָכן אַ געלעכטער, אַ ברומען און אַ פייפעריי, נאָר תיכף איז עס אויסגעלאָשן געוואָרן, און שטיל שווייגנדיק מיט בלייכע אויס־געצויגענע פּנימער און פאַרחידושט אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן די מענטשן אַרום אָנגעהויבן שווער אָפּטרעטן פון די וואַגאָנעס. די גאַנצע מאַסע האָט זיך, ווי איין גוס, געררוקט צום ערשטן וואַגאָן.

און מ׳האָט דערזען, אַז אין צוויי טריט פון די רעדער, אין דער ברייט צווישן די רעלסן, ליגט, אַראָפּגענומען די היטל פון דעם גרויען קאָפּ, אַ וואַגאָנפירער מיט אַ געזיכט פון אַ סאָלדאַט; ער ליגט אויפן רוקן און די וואָנצן זיינע קוקן מיט צאָרן אין הימל. לעבן אים האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד נאָך איינער אַ קליינער בחורל, אַ פלינקער ווי אַ מאַלפּע, און נאָך אים לאָזן זיך אַראָפּ ניט איילנדיק אויף דער ערד נאָך און נאָך...

דער עולם ברומט און שרייט, ס׳הערן זיך קולות, וועלכע רופן מיט שרעק צו דער מאַדאָנע, אייניקע זידלען זיך פינסטער, ס׳קוויטשען און קרעכצן פרויען און ווי גומענע פּילקעס שפּרינגען אומעטום יינגלאַך, אַנטציקטע פון דעם שווישפּיל.

דער מענטש אין צילינדער שרייט עפּעס מיט אַ וויינענדיקן קול, דער אָפיצער קוקט אויף אים און קנייטשט מיט די פּלייצעס. ער איז מחויב צו פאַרבייטן די וואַגאָנפירער מיט זיינע סאָלדאַטן, אָבער ער האָט ניט באַקומען קיין באַפעל צו קעמפן מיט די שטרייקער.

אַרומגערינגלט פון איבערגעגעבענע מענטשן, גיט זיך דער צילינדער אַ וואָרף צו די קאַראַבינערן. אָט האָבן זיי זיך פון אָרט גערירט, גייען צו, בויגן זיך איין צו די, וואָס ליגן אויף די רעלסן, ווילן זיי אויפהויבן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, אַ ליאַרים, נאָר פּלוצלונג האָט דער גאַנצער גרויער פאַרשטויבטער עולם, וואָס אַרום, אַ ציטער גע־טאָן, אָנגעהויבן שרייען, רעווען, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די

רעלסן—דער מענטש אין פּאַנאַמע האָט אַראָפּגעריסן זיין הוט פון קאָפּ, אונטערגעוואָרפן אים אין דער לופטן און האָט זיך דער ערשטער אַוועקגעלייגט אויף דער ערד לעבן אַ שטרייקער, אַ קלאַפּ געטאָן אים איבערן פּלייצע און געשריען אים אין פּנים מיט אַ מונטערדיקן קול.

און באַך אים האָבן אָנגעהויבן אויף די רעלסן פּאַלן פּונקט אַזוי, ווי מען זאָל זיי די פיס אונטערשניידן, פריילאַכע, טומלדיקע מענטשן, מענטשן, וואָס זיינען דאָ מיט צוויי מינוט צוריק ניט געווען. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, לאַכנדיק האָבן זיי איינער דעם צווייטן געמאַכט גרימאַסן און האָבן עפּעס געשריען צום אָפיצער, וועלכער האָט געטרייסלט מיט די הענטשקעס ביים נ... פון דיקן אין צילינדער, און האָט אים עפּעס געזאָגט. געלאַכט און געשאָקלט מיט זיין שיינעם קאָפּ.

און אויף די רעלסן האָבן זיך אַלץ געשאָטן מענטשן; פרויען האָבן געוואָרפן זייערע קאָשיקעס און פּעק, מיט געלעכטער האָבן זיך קינדער געלייגט צונויפדרייענדיק זיך אין קנײלעכלאַך, ה... פאַרקאַלייטע הינט; איינשמירנדיק זיך אין שטויב האָבן זיך געקייקלט פון איין זייט אויפן צווייטן עפּעס פיין אָנגעטאָנענע לייט.

פינף סאָלדאַטן האָבן פון פלאַטפאָרם פון ערשטן וואַגאָן געקוקט אַראָפּ אויף די הויפנס קערפּערס אונטער די רעדער — און האָבן געלאַכט, זיך געהוידעט אויף די פיס, האַלטנדיק זיך פאַר די פאַרענטשן, פאַררייסנדיק אינדערהויך די קעפּ און אויסבויגנדיק זיך. איצט זיינען זיי ניט ענלאַך אויף די בלעכענע אָנגעדרייטע צאַצקעס.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיך איבער גאַנץ נעאַפּאָל, סקריפּענדיק און קוויטשענדיק, געטראָגן וואַגאָנעס פון טראַמוואַי; אויף די פלאַטפאָרמעס זיינען געשטאַנען פריילאַך שמייכלענדיק די זיגער; און איבער די וואַגאָנעס זיינען זיי געגאַנגען העפלאַך פרעגנדיק:

— בילעטן !?

מענטשן ווינקען זיי מיט די אויגן, דערלאַנגען רויטע און געלע פּאַפּירלאַך, שמייכלען און ברומען גוטמוטיק.

.II

אויף אַ קליינעם פלאַץ אַרום וואָקזאַל אין גענוא האָט זיך צונויפגעקליבן אַ געדיכטער עולם מענטשן; דאָס רוב זיינען דאָ אַרבעטער, נאָר צווישן זיי זיינען פאַראַן אויך אַ סך סאָליד־אָנגע־טאָנענע, גוט אָפּגעפּיטערטע. בראש פון דעם עולם זיינען די מיט־גלידער פון מוניציפּאַליטעט, איבער זייערע קעפּ פלאַטערט די שווע־רע, מיט זייד שיין אויסגענייטע פאָן פון שטאָט, און לעבן איר ווייען די פאַרשיידן־קאָלירטע פאָנען פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס גלאַנצט דאָס גאָלד פון די קוטאַסן, פרענז און שנורן, די שפּיצן פון די פאָן־שטעקנס; עס שורשעט דאָס זיידנס, און ווי אַ כאָר, וואָס זינגט מיט אַ האַלבער שטימע, רוישט דער יום־טוב־דיק געשטימטער עולם.

.איבערן המון שטייט אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל די שיינע פיגור פון קאָלומבוסן, דעם טרוימער, וועלכער האָט פיל געליטן דערפאַר, וואָס ער האָט געגלויבט, און געזיגט, ווייל ער האָט גע־גלויבט. ער קוקט אויך איצט פון אויבן אַראָפּ אויף די מענטשן, ווי ער וואָלט מיט די מירמלשטיינערנע ליפּן גערעדט:

זיגן קענען נאָר די, וואָס גלויבן.

ביי זיינע פיס, אַרום פּיעדעסטאַל, האָבן די מוזיקאַנטן צו־לייגט זייערע מעשענע טרומייטן, און דאָס מעש בלישטשעט אויף דער זון, ווי גאָלד.

האַלב־קיילאַכדיק פאַרבויגן שטייט די מירמלשטיינערנע גע־ביידע פון וואָקזאַל, צעשפּרייט אירע פליגלען, פּונקט ווי זי וואָלט די מענטשן אַרומנעמען געוואָלט.

פון האַפן קלינגט אַרויף דאָס שווערע אָטעמען פון די דאַמ־פערס, דאָס פאַרשטיקטע אַרבעטן פונם שרויף אין וואַסער, אַ קלינ־געריי פון קייטן, פייפערייען און געשרייען—אויפן פּלאַץ איז שטיל, די לופט שטיקט, אַלץ איז מיט הייסן זונען־שיין באַגאָסן. אויף

די באַלקאָנעס און ביי די פֿענסטער פֿון די הײַזער שטייען ליבטיקע פֿרויען, מיט בלומען און די הענט, יום-טובדיק אָנגעטאָנענע פֿיגורן פֿון קינדער, ווי בלומען.

ס'פֿייפֿט, צולויפֿנדיק צו דער סטאַנציע, אַ לאָקאָמאָטיוו — דער עולם האָט ווי אַ ציטער געטאָן, פּונקט ווי שוואַרצע פֿייגלען האָבן אַ פֿלי געטאָן איבער די קעפּ. די מוזיקאַנטן נעמען די טרומייטן, עטלאַכע ערנסטער עלטערע מענטשן טרעטן, פּוצנדיק זיך, פֿאָראויס, ווענדן זיך מיטן פּנים צום עולם און ריידן עפּעס, מאַכנדיק מיט די הענט אויף רעכטס און לינקס.

שווער און ניט געאײַלט האָט דער עולם אָפּגעטראָטן, אָפּגערייניקט אַ ברייטן דורכגאַנג אין גאַס.

— וועמען באַגעגנט מען?

— די קינדער פֿון פּאַרמע!

דאָרט איז אַ שטרייק, אין פּאַרמע, די באַלעבאַטים גייען ניט אויף קיינע הנחות, די אַרבעטער איז שווער געוואָרן, און אָט האָבן זיי צונויפֿגעקליבן זייערע קינדער, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן קראַנק ווערן פֿון הונגער, און אָפּגעשיקט זיי צו די חברים קיין גענוא.

פֿון הינטער די קאָלאָנעס פֿון וואָקזאַל גייט אַ לאַנגע פּראָצעסיע פֿון קליינע מענטשעלאַך, זיי זײַנען האַלב-אָנגעטאָן און ווײַזן אויס ווי האָריקע אין זייערע שמאַטעס, משונהדיקע חיהלאַך. זיי גייען, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, צו פֿינף אין אַ ריי גאָר קליינינקע, פֿאַרשטויבטע, זעט אויס, איינגעמידטע. זייערע פּנימער זײַנען ערנסט, נאָר די אויגן בלישטשען לעבעדיק און ליכטיק, און אַז די מוזיק שפּילט זיי אַ קבלת-פּנים דאָס ליד פֿון גאַריבאַלדי, לויפֿט איבער די דאַרינקע שפּיציקע און הונגעריקע פּנימלאַך דורך ווי אַ פֿריילאַכער קנייטש, אַ פֿאַרגעניגן-שמייכל.

דער המון באַגריסט די מענטשן פֿון דער צוקונפֿט מיט אַ פֿאַרטויבנדיקן געשריי, פֿאַר זיי לאָזן זיך אַראָפּ די פֿאָנען, עס ברומט דאָס מעש פֿון די טרומייטן, פֿאַרטויבנדיק און פֿאַרבלענדנדיק די קינדער — זיי זײַנען אַ ביסל איבערראַשט פֿון אַזאַ אויפֿנאַם, טרעטן אָפּ אַ ווײַלע אויף צוריק און פּלוצלונג — האָבן זיי זיך אַלע

ווי אויסגעצויגן, אויסגעוואַקסן, צונויפגעדריקט זיך אין איין קער־פּער און מיט הונדערטער שטימען, נאָר מיט אַ קול פון איין ברוסט אויסגעשריען:

— וויוואַ איטאַליאַ *)!

— לעבן זאָל די יונגע פּאַרמע! — שרייט דער המון, אַרויפּ־וואַרפנדיק זיך אויף זיי.

— עוויוואַ גאַריבאַלדי! שרייען די קינדער, רייסן זיך אַריין אין המון און ווערן פאַרשוואונדן אין אים.

אין די פענסטער פון די האָטעלן, אויף די דעכער פון די הייזער פלאַטערן טיכער, ווי ווייסע פייגלען, פון דאָרטן שיט זיך אויף די מענטשנס קעפּ אַ רעגן פון בלומען און פריילאַכע, היל־כיקע געשרייען.

אַלץ זעט אויס יום־טובדיק, אַלץ האָט אויפגעלעבט, אַפילו דער גרויער מירמלשטיין האָט זיך צעבליט מיט פאַרביקע פלעקן.

עס וויגן זיך די פאָנען. ס'פליען היט און בלומען, איבער די קעפּ פון די דערוואַקסענע זיינען אויסגעוואַקסן קליינע קינדער־שע קעפּלאַך, ס'שעמערירן קליי־נינקע טונקעלע הענטלאַך, כאַפּן בלומען און באַגריסן, און אין דער לופט הילכט אַלץ אָן אויפהער אַ מעכטיקער געשריי:

— וויוואַ איל סאָציאַליזמאָ!

— עוויוואַ איטאַליאַ!

כמעט אַלע קינדער האָט מען צעכאַפּט אויף די הענט, זיי זיצן ביי די דערוואַקסענע אויף די אַקסלען, צוגעדריקט צו די ברייטע ברוסטן פון שטרענגע באַוואַקסענע מענטשן; די מוזיק הערט מען קוים אין טומל, געלעכטער און געשרייען.

דאָ און דאָרט שווימען אַרויס פרויען פון המון, כאַפּנדיק די אויסן געבליבענע געסט און שרייען איינע דער צווייטער:

— איר נעמט צוויי, אַניוטע?

— יאָ, איר אויך?

— און פאַר דער אָנפוסיקער מאַרגאַריטע איינעם...

אומעטום איז אַ פריילאַכע אויפרעגונג, יום־טובדיקע פּנימער־

---

*) וויוואַ עוויוואַ — לעבן זאָל.

פייכטע, גוטע אויגן, און ערגעץ־וואו קייען שוין די קינדער פון די שטרייקער ברויט.

— אין אונזער צייט האָט מען וועגן דעם ניט געטראַכט!— זאָגט אַן אַלטינקער מיט אַ נאָז פון אַ פויגל און אַ שוואַרצן סי־גאַר אין מויל.

— און דאָס איז אַזוי פּשוט...

— יאָ, דאָס איז פּשוט און קלוג.

דער אַלטינקער האָט אַרויסגענומען דעם סיגאַר פון מויל, אַ קוק געטאָן אויפן שפּיץ, און זיפצנדיק אָפּגעטרייסלט דעם אַש. און דערנאָך, דערזען לעבן זיך צוויי קינדער פון פּאַרמע, ווייזט אויס ברידער, האָט ער געמאַכט אַ שטרענג געזיכט, זיך אָנגע־ברוגזט (זיי האָבן געקוקט אויף אים ערנסט), אָנגערוקט דאָס היטל אויף די אויגן און אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, אָנגעדרודלט; אָפּטרעטנדיק, האָט דער אַלטינקער פּלוצלונג זיך צוגעזעצט אויף די קני און הויך, גאָר ענלאָך זיך צעקרייט ווי אַ האָן. די קינדער האָבן זיך צעלאַכט, טופּענדיק מיט די באָרוועסע פּיאַטקעס איבער די שטיינער; און ער איז אויפ־געשטאַנען, צורעכט געמאַכט די הוט און, מיינענדיק, אַז ער האָט שוין אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט, איז ער אָפּ־געטראָטן, וואַקלענדיק זיך אויף די ניט־זיכערע פיס.

אַ הויקערדיקע, גרויע פרוי, מיט אַ פּנים פון אַ מכשפה און שטעכיקע גרויע האָר אויף דער שפּיציקער מאָרדע, שטייט ביים פוס פון קאָלומבוסעס סטאַטוע און וויינט, ווישנדיק די רויטע אויגן מיטן עק פון דער אָפּגעקראָכענער שאַל. אַ שוואַרצע, אַ מיאוסע, איז זי אַזוי מאָדנע עלנד צווישן דעם אויפגערעגטן עולם.

אונטערשפּרינגענדיק, גייט אַ שוואַרצהאָריקע געגנוזערין, פירנדיק פאַרן האַנט אַ מענטשן פון אַ יאָר זיבן, אין הילצערנע שיך, אין אַ גרויען הוט ביזן אַקסל. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, כדי אַראָפּצוואַרפן דעם הוט אויפן קאַרק און ער פאַלט אים אַלץ אויפן פּנים; די פרוי רייסט דעם הוט פון דעם קליינעם קאָפּ אַראָפּ, זינגט עפּעס און לאַכט. הויך אונטערוואַרפנדיק דעם הוט פאַרריסן דעם קאָפּ, קוקט אויף איר דער יונג—אינגאַנצן אַ שמייכל,

דערנאָך שפּרינגט ער אונטער, וויל דערלאַנגען דעם הוט, און ביי־דע ווערן זיי נעלם.

אַ וואוקסיקער מענטש אין אַ לעדערנעם פאַרטוך, מיט גאַ־קעטע גרויסע הענט, האַלט אויפן אַקסל אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס, אַ שאַרינקע, ווי אַ מייזעלע, און רעדט צו דער פרוי, וואָס גייט לעבן אים און פירט פאַרן האַנט אַ יינגעלע מיט פייער־רוי־טע האָר.

— פאַרשטייסט—אויב דאָס וועט זיך צונעמען...—וועט שווער זיין אונז ביי צוקומען, אַ?

און פול, הילכיק־זיגעריש לאַכט ער און שרייט אויס, אונ־טערוואַרפנדיק זיין קליינע משא אין דער בלויער לופט.

— עוויווא פאַרמאַ!

די מענטשן צעגייען זיך, פירן און טראָגן אַוועק מיט זיך די קינדער; אויפן פלאַץ בלייבן צעטראָטענע בלומען, פאַפּירלאַך פון צוקערקעס, אַ פריילאַכע גרופּע פאַקינאַס, און איבער זיי די איידעלע פיגור פון דעם מענטשן, וועלכער האָט אַנטדעקט די נייע וועלט.

און פון די גאַסן גיסן זיך שוין, אַזוי ווי פון גרויסע טרו־מייטן אַרויס, פריילאַכע געשרייען פון מענטשן, וואָס גייען אַנט־קעגן אַ נייעם לעבן.

.III

וועגן מוטערס קען מען דערציילן לאַנג, אָן אַ סוף. שוין
עטלאַכע וואָכן, ווי דער שונא, פאַרקאָוועט אין אייזן, האָט מיט
אַ ענגן רינג באַלאַגערט די שטאָט; ביינאַכט פלעגן זיך אָנצינדן
פייערן און דער פלאַם פלעגט פון דער שוואַרצער פינסטערניש
קוקן אויף די ווענט פון שטאָט מיט טויזנטער רויטע אויגן. זיי
האָבן געפלאַקערט ווי מיט אַ בייזער הנאה, און אָט דער לויערדי=
קער פלאַקער פלעגט אַרויסרופן אין דער באַלאַגערטער שטאָט
פינסטערע מחשבות.

פון די ווענט האָט מען געזען, ווי דער רינג פון די שונאים
פרעסט זיך אַלץ ענגער צונויף, ווי עס שימערן אַרום פייער זייע=
רע שוואַרצע שאָטנס; מ'האָט געהערט דאָס הירזשען פון די זאַטע
פערד, ס'האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג פון געווער, אַ הויכער
געלעכטער, פריילאַכע לידער פון מענטשן, זיכערע אין זייער
זיג—און וואָס איז פיינלאַכער צו הערן, ווי דאָס לאַכן און זינגען
פון שונא? אַלע שטראָמען, וואָס האָבן געגעבן די שטאָט מיט
וואַסער, האָט דער שונא פאַרוואָרפן מיט טויטע, האָט פאַר=
ברענט די וויינגערטנער אַרום די ווענט, צעטראָטן די פעלדער,
אויסגעהאַקט די סעדער—די שטאָט איז געווען אָפן פון אַלע זייטן
און כמעט אַלע טאָג פלעגן די האַרמאַטן און ביקסן פון שונא זי
באַשיסן מיט טשוהון און בליי. איבער די שמאָלע גאַסן פון שטאָט
האָבן פינסטער געשפאַנט מחנות סאָלדאַטן, האַלב הונגעריקע, אויס=
געמאַטערטע פון שלאַכטן; דורך די פענסטער פון די הייזער
פלעגן זיך אַרויסגיסן קרעכצן פון פאַרוואונדעטע, קולות פון פי=
בער=היץ, תפילות פון פרויען און געוויין פון קינדער. מ'האָט גע=
רעדט פאַרשטיקט, שטילערהייט, און אָפשטעלנדיק איינער דעם
אַנדערן אויפן האַלבן וואָרט, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט—צי
גייט ניט דער שונא אויף אַן אָנגריף? באַזונדער אומדערטרעג=

לאַך פלעגט דאָס לעבן ווערן פון אָוונט, ווען דאָס קרעכצן און געוויין האָבן זיך אין דער שטילקייט געהערט אָפטער און דייטלאַכער, ווען פון די שפּאַלטן פון די ווייטע בערג פלעגן אַרויסקריכן בלוי-שוואַרצע שאָטנס, און פאַרשטעלנדיק דעם לאַגער פון שונא, פלעגן זיי זיך רוקן צו די האַלב-צעשטערטע ווענט. און איבער די שוואַרצע שפּיצן פון די בערג פלעגט אַרויסשווימען די לבנה, ווי אַ פאַרלאָרענער פאַנצער, צעשלאָגן פון שווערע שווערדן. ניט וואַרטנדיק אויף הילף, אויסגעמאַטערט פון האָרעווען און הונגער, וואָס אַ טאָג מער פאַרלירנדיק די האָפענונג, האָבן מענטשן מיט שרעק געקוקט אויף דער לבנה, אויף די שאַרפע שפּיצן פון די בערג, אויף די שוואַרצע מיילער פון די באַרג-שפּאַלטן און אויף דעם רוישנדיקן לאַגער פון שונא—אַלץ האָט זיי דערמאָנט דעם טויט און קיין איין שטערן האָט ניט געלויכטן פאַר זיי מיט טרייסט. אין די הייזער האָט מען מורא געהאַט אָנצינדן פייער, אַ געדיכטע פינסטערניש האָט באַגאָסן די גאַסן, און אין דערדאָזיקער פינסטערניש האָט, ווי אַ פיש אין טיפעניש פון טייך, שטיל געשימערט אַ פרוי, איינגעוויקלט ביזן קאָפּ אין אַ שוואַרצן מאַנטל. דערזעענדיק זי, האָבן מענטשן געפרעגט איינער ביים צווייטן: דאָס איז זי?

און מ׳פלעגט זיך באַהאַלטן אין די טויערן, אָדער אַראָפּלאָזן די קעפּ, און שווייגנדיק דורכלויפן פאַרביי איר. און די עלטסטע פון פאַטרול פלעגן זיי שטרענג מתרה זיין: איר זייט ווידער אויפן גאַס, מאָנאַ מאַריאַנאַ? זעט זשע, מ׳קאָן אייך הרגענען, און קיינער וועט זיך ניט שטעלן זוכן דעם שולדיקן אין אייער טויט...

זי פלעגט אויסגלייכן איר פיגור, אָפּוואַרטן; נאָר דער פאַטרול פלעגט פאַרבייגיין, ניט האָבנדיק קיין מוט אויפהייבן אויף איר די האַנט. באַוואָפנטע מענטשן פלעגן זי אַרומגיין ווי אַ טויטן, און זי פלעגט בלייבן אין דער פינסטער און ווייטער שטיל, איינזאַם ערגעץ וואו געשפּאַנט, אַריבערגייענדיק פון איין גאַס אויף דער צווייטער, שטום און שוואַרץ, פונקט ווי אין איר האָבן זיך פאַרקערפּערט די אומגליקן פון שטאָט. און אַרום, פאַרפאָלגנדיק זי, זייגען יאָמערדיק געקראָכן טרויערדיקע קלאַנגען: קרעכצן-

תּפלות און פינסטערע רייד פון סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנגעוואָרן די האָפענונג אויף זיג.

אַ מאַמע און אַ בירגערין, האָט זי געטראַכט וועגן איר זון און וועגן פאָטערלאַנד: בראש פון די מענטשן, וואָס מאַכן חרוב די שטאָט, איז געשטאַנען איר זון, אַ פריילאַכער, אַ גרויזאַמער שיינער יונג. נאָך ניט לאַנג האָט זי געקוקט אויף אים מיט שטאָלץ, ווי אויף אַ טייערער מתּנה, וועלכע זי האָט געשענקט איר פאָטערלאַנד, ווי אויף אַ קראַפט, וואָס זי האָט געבאָרן צו הילף די מענטשן פון דער שטאָט — דעם נעסט, וואו זי איז אַליין געבאָרן געוואָרן, וואו זי האָט אים געבאָרן און אים אויסגעצויגן. הונדערטער אייזן־פעסטע פעדים האָבן צוזאַמענגעבונדן איר האַרץ מיט די אַלטע שטיינער, פון וועלכע אירע אבות האָבן אויפגעבויט די הייזער און צונויפגעלייגט די ווענט פון שטאָט, מיט דער ערד, אין וועלכער ס'זיינען געלעגן די ביינער פון אירע לייבלאַכע, מיט די לעגענדן, לידער און האָפענונגען פון אירע נאָענטע און ליבע. דאָס האַרץ האָט אָנגעוואָרן דעם נאָענטסטן מענטשן און עס האָט געוויינט: געווען איז עס ווי אַ וואָג; נאָר אָפּוועגנדיק אין זיך די ליבע צום זון און צו דער שטאָט, האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז גרינגער, וואָס איז שווערער?

אַזוי איז זי געגאַנגען גאַנצע נעכט איבער די גאַסן און פיל פלעגן זי ניט דערקענען, זיך שרעקן, אָננעמען די שוואַרצע פיגור אירע פאַר פאַרקערפּערונג פון טויט, וועלכער איז אַלעמען געווען נאָענט. און אַז זיי האָבן זי דערקענט, פלעגן זיי אָפּטרעטן אָן אַ זייט פון דעם פאַררעטערס מוטער.

נאָר איינמאָל, אין אַ שטילן פאַרוואָרפענעם ווינקל, ביים וואַנט פון שטאָט, האָט זי דערזען אַ צווייטע פרוי; אויף די קני לעבן אַ טויטן קערפּער, אומבאַוועגלאַך, ווי אַ שטיק ערד, האָט יענע מתפּלל געווען, אויפהייבנדיק איר טיף פאַרטרויערטן פּנים צו די שטערן, און אויף דער וואַנט, איבער איר קאָפּ, האָבן שטיל צווישן זיך גערעדט די וואַך־לייט און ס'האָט געקריצט דאָס געווערבאַרינדיק די שפּיצן פון די שטיינער.

דעם פאַררעטערס מוטער האָט געפרעגט:

— אַ מאַן ?
— ניין !
— אַ ברודער ?
— אַ זון. דער מאַן איז געהרגעט געוואָרן צען טעג צוריק, און דער—היינט.

און אויפהייבנדיק זיך פון די קני, האָט דעם געהרגעטנס מאַמע מיט הכנעה געזאָגט:

— די מאַדאָנע זעט אַלץ, זי ווייס אַלץ און איך דאַנק איר !

— פאַרוואָס ? האָט געפרעגט די ערשטע, און יענע האָט איר געענטפערט:

— איצט, אַז ער איז ערלאַך אומגעקומען, קעמפנדיק פאַרן פאָטערלאַנד, קען איך זאָגן, אַז ער האָט דערוועקט ביי מיר שרעק; אַ לייכטזיניקער, האָט ער צופיל ליב געהאַט אַ פריילאַכן לעבן, און איך האָב מורא געהאַט, אַז צוליב דעם וועט ער פאַרראַטן די שטאָט, ווי ס'האָט געטאָן מאַריאַנעס זון, דער שונא פון גאָט און פון מענטשן, דער אָנפירער פון אונזערע שונאים, פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער בויך, וואָס האָט אים געטראָגן ?

באַהאַלטנדיק דעם פנים, האָט מאַריאַנע אָפּגעטראָטן, און אויף מאָרגן אינדערפרי איז זי געקומען צו די באַשיצער פון שטאָט און האָט געזאָגט:

— ענטוועדער טויט מיך דערפאַר, וואָס מיין זון איז געוואָרן אייער שונא, אָדער עפנט מיר די טויערן, און כ'וועל אַוועק צו אים...

זיי האָבן געענטפערט:

— דו ביסט אַ מענטש, און דאָס פאָטערלאַנד דאַרף דיר זיין טייער; דיין זון איז דיר אַזאַ שונא, ווי יעדן איינעם פון אונז.

— איך בין אַ מאַמע, כ'האָב אים ליב און באַשולדיק זיך אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַזעלכער.

האָבן זיי אָנגעהויבן זיך מישב זיין, וואָס צו טאָן מיט איר, און זיי האָבן באַשלאָסן.

— על־פּי יושר—קאָנען מיר דיך ניט טויטן פאַר די זינד פון דיין זון, מיר ווייסן, אַז דו האָסט אים ניט געקאָנט ברענגען

צו אַזאַ שרעקלאַכער זינד, און מיר שטעלן זיך פאָר, ווי דו דאַרפסט ליידן. נאָר די שטאָט נייטיקט זיך ניט אין דיר, אַפילו ווי אין אַ לעבעדיקן משכּון: דיין זון זאָרגט ניט פאַר דיר, מיר מיינען, אַז ער האָט דיר פאַרגעסן, דער טייוול, און—דאָס איז דיין שטראָף, אויב דו געפינסט, אַז דו האָסט אים פאַרדינט! דאָס זעט אונז אויס שרעקלאַכער, ווי דער טויט!

— יאָ, האָט זי געזאָגט, דאָס איז שרעקלאַכער. ווי האָבן אויפגעעפנט די טויערן פאַר איר, האָבן זי אַרויסגעלאָזן פון שטאָט און לאַנג געקוקט פון וואַנט, ווי זי איז געגאַנגען איבער איר היים־ערד, געדיכט אָנגעזעטיקט מיט בלוט, וואָס איר זון האָט פאַרגאָסן: זי איז געגאַנגען פּאַמעלאַך, מיט גרויס מי, אָפּרייסנדיק די פיס פון דער ערד, בוקנדיק זיך פאַר די טויטע קערפּערס פון די באַשיצער פון שטאָט, מיט עקל אָפּוואַרפנדיק מיטן פוס דאָס צעבראָכענע געווער — אַ מוטער האַסט דאָס געווער פון אָנפאַל, זי אָנערקענט נאָר יענץ, מיט וועלכן מ׳שיצט דאָס לעבן.

זי איז געגאַנגען אַזוי, ווי זי וואָלט געטראָגן אין די הענט אונטערן מאַנטל אַ אָנגעפילטן כּוס און האָט מורא געהאַט צעגיסן: דערווייטערנדיק זיך, האָט זי אויסגעזען אַלץ קלענער, און די, וואָס האָבן געקוקט אויף איר פון וואַנט, האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איר גייט אַוועק פון זיי דער יאוש און די האָפנונגסלאָזיקייט.

מ׳האָט געזען, ווי זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן האַלבן וועג, און אַראָפּוואַרפנדיק פון קאָפּ דעם קאַפּיושאָן פון מאַנטל, האָט זי לאַנג געקוקט אויף דער שטאָט; און דאָרט, אין שונאס לאַגער, האָט מען זי באַמערקט איינע אַליין אין פעלד, און ניט איילנדיק, פאָרזיכטיק האָבן זיך צו איר גענענט פיגורן, שוואַרצע, ווי זי. מ׳איז צוגעגאַנגען און געפרעגט, ווער זי איז, וואוהין זי גייט?

— אייער אָנפירער—איז מיין זון, האָט זי געזאָגט, און קיין איינציקער פון די סאָלדאַטן האָט אין דעם ניט געצווייפלט; זיי זיינען געגאַנגען מיט איר, געלויבט איר זון, זיין שכל, זיין גבורה; זי האָט געהערט זייערע רייד, שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך ניט געוואונדערט—איר זון דאַרף זיין אַזעלכער

און אָט שטייט זי פאַר דעם מענטשן, וועלכן זי האָט גע-קענט מיט ניין חדשים פאַר זיין געבוירן, וועלכן זי האָט קיינ-מאָל ניט געשפּירט אויסער איר האַרץ — אין סאַמעט און זיידנס שטייט ער פאַר איר, און זיין געווער איז געפּלאַסטערט אין ברי-ליאַנטן. אַלץ אַזוי, ווי עס דאַרף זיין, אָט פּונקט אַזעלכן האָט זי אים אַ סך מאָל געזען אין חלום — אַ רייכן, באַרימטן און גע-ליבטן.

— מוטער! — האָט ער געזאָגט, קושנדיק איר די הענט. — דו ביסט געקומען צו מיר, דו ביסט געקומען, האָסט מיך, הייסט עס, פאַרשטאַנען, און מאָרגן וועל איך נעמען די פאַרשאָלטענע שטאָט!

— אין וועלכער דו ביסט געבוירן געוואָרן — האָט זי דערמאָנט.

א פאַרשיכּורטער פון זיינע העלדישע מעשים, פון דאָרשט נאָך גרעסערן רום, האָט ער צו איר גערעדט מיט עזותדיקער יוגנט-היץ:

— איך בין געבוירן געוואָרן אין דער וועלט און פאַר דער וועלט, כּדי זי צו פאַרחידושן, איבעררעאשן. איך האָב געשאַנעוועט די שטאָט צוליב דיר, זי איז ווי אַ שטעכלקע אין מיין פוס, שטערט מיר גיין צום רום אַזוי גיך, ווי איך וויל. נאָר איצט — מאָרגן — וועל איך צעשטערן דעם נעסט פון די איינגעשפּאַרטע!

— וואו יעדער שטיין ווייס און געדענקט דיך אַלס קינד — האָט זי געזאָגט.

— שטיינער זיינען שטום; אויב מענטשן צווינגען זיי ניט ריידן זאָלן די בערג אָנהייבן וועגן מיר ריידן, אָט וואָס איך וויל!

— אָבער די מענטשן? האָט זי געפרעגט.

— יאָ, יאָ, איך געדענק זיי, מוטער, זיי זיינען מיר אויך נייטיק, ווייל נאָר אין זכרון פון מענטשן זיינען העלדן אומ-שטערבלאַך.

זי האָט געזאָגט:

— אַ העלד איז דער, וואָס שאַפט לעבן אויף צו להכעיס דעם טויט, דער וואָס באַזיגט דעם טויט...

— ניין! האָט ער דערווידערט. דער, וואָס מאַכט חרוב שטעט, איז אויך אַזוי באַרימט, ווי דער, וואָס באַשאַפט זיי. גיב אַ קוק—מיר ווייסן ניט צי ענעי אָדער ראָמול האָט אויפגעבויט רוים, אָבער ס׳איז געגוי באַוואוסט דער נאָמען פון אַלאַריק און פון אַנדערע העלדן, וואָס האָבן דידאָזיקע שטאָט חרוב געמאַכט.

— די שטאָט, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע נעמען, — האָט די מוטער דערמאָנט.

אַזוי האָט ער גערעדט מיט איר, ביז ס׳איז פאַרגאַנגען די זון, זי האָט אַלץ זעלטענער איבערגעריסן זיינע משוגענע רייד און אַלץ נידעריקער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איר שטאָלצער קאָפּ.

אַ מוטער—שאַפט, זי היט און באַשירמט, און ריידן פאַר איר וועגן צעשטערונג — הייסט ריידן קעגן איר, און ער האָט דאָס ניט געוואוסט, און ער האָט געמאַכט צו נישט דעם זין פון איר לעבן.

אַ מוטער—איז שטענדיק קעגן טויט, און די האַנט, וועלכע ברענגט דעם טויט אין מענטשנס הויז, איז פאַרהאַסט ביי אַלע מוטערס—איר זון האָט דאָס ניט געזען, פאַרבלענדט דורכן קאַלטן גלאַנץ פון רום, וואָס הרגעט אָוועק דאָס האַרץ.

און ער האָט ניט געוואוסט, אַז אַ מוטער איז אַ חיה, אַזוי קלוג און אומדערבאַרימדיק, ווי ניט שרעקנדיק, ווען ס׳גייט אום לעבן, וואָס זי, די מוטער, שאַפט און באַשירמט.

זי איז געזעסן איינגעבויגן און דורכן אָפענעם לייוונט פונם רייכן געצעלט פון אָנפירער האָט זי געזען די שטאָט, וואו זי האָט דעם ערשטן מאָל איבערגעלעבט דעם ציטער פון פאַרגיין אין טראָגן און די פיינלאַכע קראַמפּן פון געבאָרן אַ קינד, וועלכער וויל איצט צעשטערן.

די רויטע שטראַלן פון דער זון האָבן באַגאָסן מיט בלוט די ווענט און טורימס פון שטאָט, ווי אַ בייזע בשורה האָבן געשיינט די שויבן פון די פענסטער, די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען, ווי צעוואונדעט, און פון הונדערטער וואונדן האָט זיך געגאָסן דער רויטער זאַפט פון לעבן; די צייט איז געגאַנגען, און אָט האָט די

שטאָט אָנגעהויבן שוואַרץ ווערן, ווי אַ טויטער, און פונקט ווי־ ליכט איבער אַ מת האָבן זיך אָנגעצונדן איבער איר די שטערן.

זי האָט געזען דאָרט אין די פינסטערע הייזער, וואו מ׳האָט מורא געהאַט אָנצינדן פייער, כדי ניט צוציען דעם שונא, אויף די גאַסן פול מיט פינסטערניש, פול מיט אַ ריח פון טויטע, מיט אַ פאַרשטיקטן סודען זיך פון מענטשן, וואָס וואַרטן אויפן טויט—זי האָט געזען אַלץ און אַלעמען; אַלץ, באַקאַנט, לייבלאַך. היימיש איז געשטאַנען פאַר איר אַלץ, וואַרטנדיק שטיל אויף איר באַ־ שלוס; און זי האָט געפילט פאַר אַ מוטער אַלע מענטשן פון איר שטאָט.

פון די שוואַרצע שפּיצן פון די בערג האָבן זיך אין טאָל אַראָפּגעלאָזן וואָלקנס, און, ווי פערד אָנגעטאַן אין פליגלען, זייִנען זיי געפלויגן אויפן שטאָט, וואָס איז געווען פאַרמשפט צום טויט.

— ס׳קאָן זיין, אַז מיר וועלן זיך וואַרפן אויפן שטאָט נאָך היינט באַנאַכט,—האָט געזאָגט איר זון—אויב די נאַכט וועט זיין גענוג פינסטער! ס׳איז ניט באַקוועם צו מאָרדן, ווען די זון קוקט אין די אויגן און דער גלאַנץ פון געווער פאַרבלענדט זיי, די האַנט איז דעמאָלט ביי דיר ניט זיכער און אַ סך קלעפּ טרעפן ניט.—האָט ער געזאָגט, באַטראַכטנדיק זיין שווערד.

די מוטער האָט אים געזאָגט:

— קום אַהער, לייג אַוועק דעם קאָפּ מיר אויפן ברוסט, וועסטו זיך דערמאָנען, וואָס פאַר אַ פריילאַך און גוט קינד דו ביסט געווען און ווי אַלע האָבן דיך ליב געהאַט — וועסט אָפּ־ רוען.

ער האָט געפאָלגט, ט׳זיך צוגעלייגט אויף אירע קני, פאַר־ מאַכט די אויגן, געזאָגט.

— איך האָב ליב נאָר רום און דיך, דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך געבוירן אַזאַ, ווי איך בין.

— און פרויען? —האָט זי געפרעגט, זיך איינבויגנדיק צו איר.

— זיי זיינען אַ סך, זיי דערעסן גיך, ווי אַלץ וואָס צו זיס.

זי האָט אים געפרעגט צום לעצטן מאָל:

— און דו ווילסט ניט האָבן קיין קינדער?

— צו וואָס? מ׳זאָל זיי הרגענען? עמיצער, אַזאַ ווי איך, וועט זיי הרגענען און מיר וועט דאָס ווי טאָן און דעמאָלט וועל איך שוין געוויס זיין צו אַלט און שוואַך, איך זאָל זיך קענען פאַר זיי נוקם זיין.

— דו ביסט שיין, אָבער אומפרוכטבאַר, ווי אַ בליץ, האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ.

— יאָ, ווי אַ בליץ — האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט און ט׳איינגעדרעמלט אויף דער מוטערס ברוסט, ווי אַ קינד.

און דעמאָלט האָט זי אים אָנגעדעקט מיט איר שוואַרצן מאַנטל, אַריינגעשטאָכן אין האַרצן אַ מעסער; ער האָט אַ ציטער געטאָן און געשטאָרבן—זי, די מוטער, האָט דאָך גוט געוואוסט, וואו ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ ביי איר זון.

און אָפּגעוואָרפן זיין טויטן קערפּער פון אירע קני צו די פיס פון די פאַרוואונדערטע וואַכלייט, האָט זי געזאָגט, געווענדט צו דער שטאָט:

— מענטש, איך האָב געטאָן פאַר מיין היימאַט אַלץ, וואָס כ׳האָב געקענט. איך בין אַ מאַמע און בלייב מיט מיין זון!—פאַר מיר איז שוין שפּעט צו געבוירן אַ צווייטן, מיין לעבן איז קיינעם ניט נייטיק.

און דעמזעלבן מעסער, נאָך וואַרים פון בלוט — פון איר בלוט—האָט זי מיט אַ שטאַרקער האַנט אַריינגעשטאָכן זיך אין ברוסט און אויך גלייך געטראָפן אין האַרצן—דאָס האַרץ, אַז עס טוט וויי, איז אין אים גרינג צו טרעפן.

.IV

אַ בלויע, שטילע אָזיערע אין אַ טיפן ראַם פון בערג, באַדעקט מיט אייביקן שניי; טונקעלע שפּיצן-געוועבּ פון סעדער לאָזט זיך אַראָפּ אין פּראַכטיקע פאַלדן צום וואַסער; פון ברעג קוקן זיך אין וואַסער ווייסע הייזער, עס דוכט זיך, זיי זיינען פון צוקער געבויט און אַלץ אַרום איז ענלאַך אויף אַ שטילן חלום פון אַ קינד.

באַגינען. פון די בערג פליסט צערטלאַך דער אַראָמאַט פון בלומען; נאָר-וואָס איז די זון אויפגעגאַנגען און אויף די בלעטער פון די ביימער, אויף די שטענגלאַך פונם גראָז בלישטשעט נאָך דער טוי. די גרויע סטענגע פונם וועג איז אַריינגעוואָרפן אין שטילן שפּאַלט פון די בערג, דער וועג איז געברוקירט מיט שטיינער, נאָר ער זעט אויס ווייך ווי סאַמעט, און עפּעס גלוסט זיך אים אַ גלעט געבן מיטן האַנט.

לעבן אַ הויפן געהאַקטע שטיינדלאַך זיצט אַן אַרבעטער, שוואַרץ ווי אַ זשוק; אויפן ברוסט טראָגט ער אַ מעדאַל, דער פּנים איז ערנסט, דרייסט און צערטלאַך.

אַוועקגעלייגט די בראָנזענע הענט אויף די קני, עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוקט ער אַריין אין פּנים פונם דורכגייער, וואָס שטייט אונטערן קאַשטאַן-בוים און ער זאָגט אים:

דאָס איז פאַר סימפּלאָן *), סיניאָר, דאָס איז אַ מעדאַל פאַר דער אַרבעט אין סימפּלאָנער טונעל.

---

*) סימפּלאָן—איינער פון די אַלפּן-בערג, צווישן שווייצערלאַנד און איטאַליע. דער סימפּלאָנער טונעל שניידט דורך דעם באַרג און פאַראייניקט שווייצערלאַנד מיט איטאַליע. כּדי די אַרבעט זאָל גיין גיכער, האָט מען אים אָנגעהויבן גראָבן פוןביידע זייטן אין איין צייט.

די רעדאַקציע.

און אַראָפּגעלאָזן די אויגן אויפן ברוסט שמייכלט ער ווייך צום שיינעם שטיקל מעטאַל.

— יעדער אַרבעט איז שווער ביז אַ צייט, ביז מען באַקומט זי ליב, — און דערנאָך מונטערט זי אויף און ווערט גרינגער. דאָך, יאָ, ס׳געווען שווער!

ער האָט שטיל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ שמייכלענדיק צו דער זון; פּלוצלונג איז ער אויפגעמונטערט געוואָרן, האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעהויבן בלישטשען.

— צייטנווייז איז אַפילו געווען אַן אימה.

די ערד דאַרף דאָך אויך עפּעס פילן — ניט אַזוי? בעת מיר זיינען אַריין אין איר טיף, דורכשניידנדיק אין באַרג אָט די וואונד — האָט די ערד אונז דאָרט אינעווייניק באַגעגנט שטרענג. זי האָט געאָטעמט אויף אונז מיט אַ הייסן אָטעם, דערפון פלעגט דאָס האַרץ ווערן פאַרשמאַכט. דאָס האַרץ, דער קאָפּ, שווער און ס׳האָבן ווי געטאָן די ביינער...

אַ סך האָבן עס געפּילט! דערנאָך פלעגט זי אַראָפּוואַרפן אויף די מענטשן שטיינער, אָפּגיסן אונז מיט זודיקע וואַסער; דאָס איז געווען זייער שרעקלאַך! וואָרים אָפטמאָל פאַרן פייער פלעגט דאָס וואַסער ווערן רויט, און דער פאָטער מיינער פלעגט מיר זאָגן: מיר האָבן פאַרוואונדעט די ערד, און זי וועט אונז דער־טרינקען, פאַרברענען אַלעמען מיט איר בלוט, דו וועסט זען! אוודאי איז עס אַ פאַנטאַזיע, נאָר אַז דו הערסט אַזעלכע ווער־טער טיף אין דער ערד, אין דער פייכטער שטיקעדיקער פינס־טערניש, וואו דאָס וואַסער פאַלט מיט אַ כליפּען און אייזן קריצט אָן שטיין, פאַרגעסטו אַ ביסל אָן פאַנטאַזיעס. און דאָרטן איז אַלץ געווען פאַנטאַסטיש, טייערער סיניאָר, מיר מענטשן אַזעלכע קליי־נינקע — און ער, אָט דער באַרג ביזן הימל, דער באַרג, וועלכן מיר האָבן דעם בויך געבויערט.

דאָס דאַרף מען זען, כדי צו פאַרשטיין, מען דאַרף זען דעם שוואַרצן מויל, וואָס מיר האָבן דורכגעשניטן, די קליינע מענטשעלאַך, וואָס גייען אין אים אַריין באַגינען, בעת די זון

גייט אויף, און די זון קוקט טרויעריק נאָך די, וואָס גייען פון איר אַוועק אין די אינגעווייד פון דער ערד... מען דאַרף זען אונזערע מאַשינען און דעם פינסטערן פנים פונם באַרג... און הערן דעם פינסטערן געהילך טיף אין באַרג און די אויפרייסן, פונקט ווי אַ געלעכטער פון אַ משוגענעם.

ער האָט באַקוקט זיינע הענט, פאַרריכט דעם זשעטאָן אויף דער בלויער קורטקע און האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן.

— דער מענטש קען אַרבעטן! האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַן אָפענעם שטאָלץ.

— אָ, סיניאָר, דער קליינער מענטשעלע, ווען ער וויל אַר־בעטן, איז ער אַ כוח, ניט צו באַזיגן. און גלויבט: סוף־כל־סוף וועט דער קליינער מענטשעלע אויפטאָן אַלץ, וואָס ער וויל. מיין פאָטער האָט פון אָנהייב אָן אין דעם ניט געגלויבט:

„דורכשניידן דעם באַרג אויף דורך און דורך פון איין לאַנד אין צווייטן—האָט ער געזאָגט—דאָס איז קעגן גאָט, וועלכער האָט די ערד צעטיילט מיט ווענט פון בערג—איר וועט זען, די מאַדאָ־נע וועט זיין ניט מיט אונז! ער האָט אַ טעות געהאַט, דער אַל־טער, די מאַדאָנע, איז געווען מיט אַלעמען, וואָס האָבן זי ליב. שפּעטער האָט דער פאָטער אויך אָנגעהויבן טראַכטן כמעט אָט אַזוי, ווי איך זאָג אייך, ווייל ער האָט זיך דערפילט העכער, שטאַרקער פאַרן באַרג; נאָר ס׳איז געווען אַ צייט, ווען אין יום־טוב, זיצנדיקביים טיש פאַר אַ פלאַש וויין, פלעגט ער טענהן צו מיר און צו אַנדערע:

— גאָטס קינדער—דאָס איז געווען זיין באַליבט ווערטל, ווייל ער איז געווען אַ גוטער און גאָטספאָרכטיקער מענטש. — גאָטס קינדער אַזוי טאָר מען זיך מיט דער ערד ניט באַגיין; זי וועט זיך נוקם זיין פאַר אירע וואונדן און זי וועט בלייבן אומ־באַזיגט! אָט וועט איר זען: מיר וועלן דורכבויערן דעם באַרג ביזן האַרצן, און אַז מיר וועלן זיך אָן האַרץ אָנרירן, וועט עס אונז פאַרברענען, וועט עס אויף אונז וואַרפן מיט פייער, ווייל דאָס האַרץ פון דער ערד—איז אַ פייערדיקס, דאָס ווייסן אַלע! באַאַרבעטן די ערד—דאָס יאָ; העלפן איר געבוירן — דאָס איז

אונז געבאָטן; מיר אָבער צעשעדיקן איר פּנים, איר געשטאַלט. זעט, וואָס ווייטער מיר רייסן זיך אַריין אין באַרג, אַלץ היציקער איז די לופט און ס'איז שווערער צו אָטעמען.

דער מענטש האָט זיך שטילינקערהייט צעלאַכט, קרייזלענדיק די וואָנצן מיט די פינגער פוןביידע הענט.

— ניט ער איינער האָט אַזוי געטראַכט; און ס'איז געווען אמת—וואָס ווייטער, איז אין טונעל געוואָרן אַלץ הייסער, אַלץ מער מענטשן האָבן געקרענקט און זייַנען געפאַלן אויף דער ערד. און אַלץ שטאַרקער האָבן געפלאָסן הייסע קוואַלן, ס'האָט זיך געשאָטן די האַרטע שטיין-ערד און צוויי אונזעריקע, פון לוגאַנאָ, זייַנען אַראָפּ פון זינען. און בייַנאַכט, אין קאַזאַרמע ביי אונז, פלעגן אַ סך ריידן פון היץ, קרעכצען, און אויפשפּרינגען פון די בעטן אין אימה...

— בין איך ניט גערעכט? פלעגט זאָגן דער פאָטער, מיט שרעק אין די אויגן, הוסטנדיק אַלץ אָפטער און פאַרשטיקטער... יאָ... בין איך ניט גערעכט? פלעגט ער זאָגן. דאָס קען מען ניט גובר זיין! ס'איז די ערד!

און ענדלאַך—האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, שוין קיינמאָל ניט אויפצושטיין. ער איז געווען אַ שטאַרקער, מיין אַלטער, מער ווי דריי וואָכן האָט ער געשטריטן מיטן מלאך-המות און אַזוי אייַנגעשפּאַרט, זיך ניט געקלאָגט, ווי אַ מענטש, וועלכער ווייס זיין ווערט.

— מיין אַרבעט — איז געענדיקט, פּאַאָלאָ — האָט ער מיר אייַנמאָל בייַנאַכט געזאָגט. שאַנעווע זיך און קער זיך אום אַהיים, זאָל די מאַדאָנע זיין מיט דיינע טריט.

דערנאָך האָט ער לאַנג געשוויגן, פאַרמאַכט די אויגן, זיך געשטיקט מיטן אָטעם.

דער מענטש האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די פיס, האָט באַקוקט די בערג און געטאָן זיך אַ ציִ אויס מיט אַזאַ כּוח, אַז ס'האָט געגעבן אַ קנאַק.

ער האָט מיך פאַרן האַנט גענומען, צוגעצויגן צו זיך און געזאָגט,—ס'איז אַ הייליקער אמת, סיניאָר!

דער מענטש האָט ליכטיק אַ שמייכל געטאָן.

— דו ווייסט, פּאַאָלאָ מיין זון, האָט ער געזאָגט—איך מיין פונדעסטוועגן, אַז דאָס וועט אויסגעפירט ווערן: מיר און די, וואָס גייען פון דער צווייטער זייט, וועלן געפינען איינע די אַנדערע אין באַרג, מיר וועלן זיך באַגעגענען—דו גלויבסט אין דעם?

איך האָב געגלויבט.

— גוט, זון מיינער! אַזוי דאַרף זיין! אַלץ דאַרף מען טאָן מיט גלויבן אין אַ גליקלאַכן סוף און אין גאָט, וועלכער העלפט, מיט דער מאַדאָנעס תּפילות, אַלע גוטע מעשים. איך בעט דיך, זון, אויב דאָס וועט געשען, אויב די מענטשן וועלן זיך צונויפגיין—קום צו מיר אויפן קבר און זאָג: טאַטע, ס'איז אָפּגעטאָן! איך זאָל וויסן!

דאָס איז געווען שיין, טייערער סיניאָר, און איך האָב אים צוגעזאָגט. ער איז געשטאָרבן אין פינף טעג נאָך די ווערטער, און צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן מיך און אַנדערע, מ'זאָל אים באַהאַלטן דאָרטן, אויף דעם אָרט, וואו ער האָט געאַרבעט אין טונעל. ער האָט זייער געבעטן, נאָר דאָס האָט ער שוין גערעדט פון היץ, מיין איך...

מיר און די, וואָס זיינען געגאַנגען פון יענער זייט, האָבן זיך באַגעגנט אין באַרג אין דרייצן וואָכן אַרום נאָכן פאָטערס טויט—דאָס איז געווען אַ משוגענער טאָג, סיניאָר! אָ, אַז מיר האָבן דערהערט דאָרטן, אונטער דער ערד, אין פינסטערניש אַ טומל פון דער צווייטער אַרבעט, אַ גערויש פון מענטשן, וועלכע גייען אונז אַנטקעגן אונטער דער ערד. באַגרייפט נאָר, סיניאָר: אונטער אַ גוואַלדיקער משא פון דער ערד! וועלכע וואָלט געקאָנט, ווען זי וואָלט נאָר קענען, צעקוועטשן אונז, קליינינקע, אַלע מיטאַמאָל!

פיל טעג האָבן מיר געהערט אָט די קלאַנגען, אַזעלכע הילכיקע, מיט יעדן טאָג זיינען זיי געוואָרן פאַרשטענדלאַכער, דייטלאַכער, און אונז פלעגט אַרומכאַפּן אַזאַ ווילדע פרייד פון זיגער. מיר האָבן געאַרבעט, ווי בייזע גייסטער, פּונקט ווי רוחות, ניט פילנדיק קיין מידקייט, ניט פאָדערנדיק קיין אָנווייזונג—דאָס איז געווען אַזוי גוט, ווי אַ טאַנץ אין אַ זוניקן טאָג, ערן וואָרט! און

אַלע זיינען מיר געוואָרן מילד און גוט, ווי נאָר קינדער קענען זיין. אַך, ווען איר וואָלט וויסן, ווי שטאַרק, ווי מוראדיק ליידנשאַפטלאַך איז דער באַגער צו באַגעגענען אַמענטשן אין דער פינסטערניש, אונטער דער ערד, וואו דו האָסט ווי אַ מוילוואָרף זיך אַריינגעגראָבן לאַנגע חדשים!

ער האָט זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן, צוגעגאַנגען האַרט צום צוהערער, און אַרייקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט מענטשלאַכע אויגן, האָט ער שטיל און פריידיק פאָרגעזעצט:

— און ווען ס'איז ענדלאַך איינגעפאַלן דער לעצטער שיכט פון דער באַרג-מאַסע, און אין לאָך האָט אַ שיין געטאָן אַ רויטער פייער און עמיצנס אַ שוואַרצער פּנים, באַגאָסן מיט שווייס און טרערן פון פרייד, און נאָך פייערן און נאָך פּנימער, און ס'האָבן אַ דונער געטאָן געשרייען פון זיג, געשרייען פון פרייד—אָ, דאָס איז דער בעסטער טאָג אין מיין לעבן, און אַז איך דערמאָן זיך אָן אים, פיל איך—ניין, ניט אומזיסט האָב איך געלעבט!

ס'איז געווען אַן אַרבעט, מיינע אַן אַרבעט, אַ הייליקע אַרבעט, זאָג איך אייך, סיניאָר, יאָ! און אַז מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אונטער דער ערד אויף דער זון, האָבן אַ סך זיך געלייגט אויף דער ערד מיטן ברוסט, זי געקושט און געוויינט—און דאָס איז געווען אַזוי שיין, ווי אַ מעשה איז שיין!

יאָ, מ'האָט געקושט דעם באַזיגטן באַרג, געקושט די ערד—אין יענעם טאָג איז זי מיר באַזונדער נאָענט און פאַרשטענדלאַך געוואָרן, סיניאָר, און ליב געקראָגן האָב איך זי, ווי אַ פרוי!

אוודאי, בין איך צום פאָטער געגאַנגען אָ, יאָ! אוודאי.. כאָטש איך ווייס, אַז טויטע קענען גאָרניט הערן, נאָר איך בין געגאַנגען: מען דאַרף טייער האַלטן דעם ווילן פון די, וואָס האָבן פאַר אונז געהאָרעוועט און האָבן ניט ווייניקער ווי מיר געליטן—ניט אַזוי?

— איך בין אַוועק צו אים אויפן קבר, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אָן דער ערד און געזאָגט, ווי ער האָט עס פאַרלאַנגט:

— טאַטע, אָפּגעטאָן!—האָב איך געזאָגט, די מענטשן האָבן געזיגט. אָפּגעטאָן, פאָטער!

.V

ס׳איז פרילינג, העל שיינט די זון און דריבער זיינען אַלע מענטשן פריילאַך, און אַפילו די שויבן אין די פענסטער פון די אַלטע מויערן שמייכלען וואָרים.

איבערן גאַס פון קליין שטעטל פליסט, ווי אַ פילפאַרביקער שטראָם, אַ יום-טובדיק געקליידעטער עולם — דאָ איז די גאַנצע שטאָט, אַרבעטער, סאָלדאַטן, בורזשויען, גלחים, אַדמיניסטראַטאָרן, פישער—אַלעמען האָט פאַרשיכּורט דער פרילינג; מען רעדט הויך, מען לאַכט אַ סך, מען זינגט, און אַלע זיינען, ווי איין געזונטער קערפּער, אָנגעזאַפּט מיט פרייד פון לעבן.

פאַרשיידן-קאָלירטע שירעמס, פרויען-היט, רויטע און בלויע באַלאָנען ביי קינדער אין די הענט, פּונקט ווי וואונדערלאַכע, פאַנטאַסטישע בלומען! און, ווי דימענטן אויפן פּראַכטפולן מאַנטל פון אַ מעשהלע-קיניג, בלישטשען אומעטום לאַכנדיק און פרייענ-דיק זיך, קינדער, די פריילאַכע הערשער פון דער ערד.

די בלאָס-גרינע בלעטער פון דיביימער האָבן זיך נאָך ניט פונאַנדערגעלאָזן. צונויפגעוויקלט אין פּראַכטיקע קייקעלאַך, טרינ-קען זיי דאָרשטיק די וואַרימע זונענשטראַלן. ערגעץ ווייט שפּילט מוזיק און לאָקט, ציט צו זיך.

דער איינדרוק איז אַזאַ, פּונקט ווי מענטשן וואָלטן איבער-געלעבט זייערע צרות, ווי נעכטיקער טאָג וואָלט געווען דער לעצ-טער טאָג פון אַ שווערן שענדלאַכן לעבן, וואָס האָט אַלעמען דערעסן, און הייַנט האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט לויטערע, ווי קינדער, מיט אַ שטאַרקן פריילאַכן גלויבן אין זיך—אין זייער ווילן, וועלכן קיין זאַך קען ניט באַזיגן, פאַר וועלכן אַלץ דאַרף זיך בויגן, און אָט איצט גייען זיי איינביק און זיכער קעגן דער צוקונפט.

און ס׳איז געווען משונה, פאַרדראָסיק און טרויעריק צו באַמערקן צווישן דעם לעבעדיקן עולם אַן אומעטיק פּנים: געאָרימט

מיט אַ יונגער פרוי איז דורכגעגאַנגען אַ הויכער, פעסטער מענטש געוויס ניט עלטער פון דרייסיק יאָר, נאָר מיט גרויע האָר. ער האָט געהאַלטן דעם הוט אין האַנט, זיין קיילאַכדיקער קאָפּ איז געווען איינגעאַנצן אַ זילבערנער, דער דאַרער, נאָר געזונטער פנים רויק און אויף אייביק טרויעריק. די גרויסע, טונקעלע, מיט ווייס צוגעדעקטע אויגן האָבן געקוקט אַזוי, ווי ס'קוקן נאָר אויגן פון אַ מענטשן, וואָס קען ניט פאַרגעסן דעם שווערן ווייטאָג, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן.

— קוק זיך איין אויף דאָסדאָזיקע פּאָרל,—האָט מיר געזאָגט מיין חבר—איבערהויפּט אויף אים! ער האָט איבערגעלעבט איינע פון יענע דראַמען, וועלכע שפּילן זיך אַלץ אָפטער אָפּ צווישן די אַרבעטער פון צפון-איטאַליע.

און מיין חבר האָט מיר דערציילט:

דערדאָזיקער מענטש—איז אַ סאָציאַליסט, רעדאַקטאָר פון דער היגער אַרבעטער-בלאַט, ער איז אַליין אַן אַרבעטער, אַ מאַלער. איינע פון יענע נאַטורן, ביי וועלכע די וויסנשאַפט ווערט אַ גלויבן, און דער גלויבן פלאַקערט נאָך מער פונאַנדער דעם דאָרשט צו וויסנשאַפט. אַ פאַרברענטער און קלוגער אַנטי-קלעריקאַל—דו זעסט, מיט וואָס פאַר אַ שרעקלאַכע אויגן די שוואַרצע גלחים קוקן אים נאָך.

מיט אַ יאָר פינף צוריק האָט ער, אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט, געטראָפן אין איינעם פון זיינע קרייזלאַך אַ מיידל, וועלכע האָט גלייך צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. די פרויען האָבן זיך דאָ צופיל אויסגעלערנט גלויבן, שווייגנדיק און אייזן-פעסט, די גלחים האָבן יאָרהונדערטער-לאַנג אַנטוויקלט אין זיי דידאָזיקע פעאיקייט און האָבן דערגרייכט, וואָס זיי האָבן געוואָלט.—עמיצער האָט ריכטיק געזאָגט, אַז די קאַטוילישע קירך איז אויפגעבויט אויפן ברוסט פון דער פרוי. דער קולט פון דער מאַדאָנע איז ניט נאָר געצנדינעריש שיין, דאָס איז פריער פאַר אַלץ אַ קלוגער קולט; די מאַדאָנע, גאָטס מוטער, איז איינפאַכער פאַר קריסטוסן: זי איז נעענטער צום האַרצן, אין איר זיינען ניטאָ קיין סתירות, זי שרעקט ניט מיטן גיהנום. זי קען נאָר ליבן, רחמנות האָבן,

מוחל זיין—איר איז לייכט צו פאַנגען דאָס האַרץ פון דער פרוי אויפן גאַנצן לעבן.

נאָר אָט זעט ער אַ מיידל, וועלכע קען ריידן, קאָן פרעגן, און אין אירע פראַגן פילט ער שטענדיק, צוזאַמען מיטן נאַאיוון באַוואונדערן זיינע אידעען, אויך אַן אָפּענעם אומצוטרוי צו אים און אָפּט—אַ פּחד, אַפילו אַן עקל. אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ איטאַליע-נער, קומט אויס אַ סך ריידן וועגן רעליגיע, שאַרף אַרויסטרעטן קעגן פויפּסט און די גלחים—יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פון דעם ריידן, האָט ער געזען אין דער מיידלס אויגן אַ פאַראַכטונג, אַ שנאה צו אים, און ווען זי פלעגט עפּעס פרעגן—האָבן אירע ווערטער געקלונגען פיינדלאַך און איר ווייכע שטים איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גיפט. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז זי איז באַקענט מיט דער ליטעראַטור פון די קאַטוילן, וועלכע איז געווענדט קעגן סאָציאַליזם, און אַז אין דעמדאָזיקן קרייזל ציט איר וואָרט צו ניט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט פאַר זיינעם.

דאָ באַציט מען זיך צו אַ פרוי אַ סך פּשוטער און גרעבער, ווי אין רוסלאַנד, און ביז דער לעצטער צייט, האָבן די איטאַליע-נישע פרויען געגעבן גענוג גרונט דערצו; ניט אינטערעסירנדיק זיך מיט קיינזאַך אַ חוץ דער קירך, זיינען זיי אין בעסטן פאַל געווען פרעמד דער קולטורעלער אַרבעט פון די מענער און האָבן ניט פאַרשטאַנען איר באַדייטונג.

זיין מאַנסבילשע אייגנליבע איז געווען אָנגערירט, זיין נאָ-מען פון אַ אויסגעצייכנטן פּראָפּאַגאַנדיסט האָט געליטן אין די צוזאַמענשטויסן מיט דערדאָזיקן מיידל, ער פלעגט זיך ערגערן, צערייצט ווערן; עטלאַכע מאָל האָט ער זי געלונגען אויסגעלאַכט, נאָר זי האָט אים געצאָלט מיט דערזעלביקער מטבע און דער-מיט האָט זי ניט ווילנדיק דערוועקט זיין אַכטונג און האָט אים געצוואונגען באַזונדער פלייסיק גרייטן זיך צו די לעקציעס אין דעם קרייזל, וואו זי איז געווען.

נאָר צוזאַמען מיט דעם אַלעמען האָט ער באַמערקט, אַז יעדן מאָל, ווען אים קומט אויס צו ריידן וועגן דער שענדלאַכער געגנ-וואַרט, וועגן דעם, ווי זי דריקט דעם מענטשן, פאַרדאַרבט זיין גוף

און זיין נשמה — און ווען ער פלעגט מאָלן בילדער פון לעבן אין דער צוקונפט, וואו דער מענטש וועט ווערן אינערלאַך און אויסערלאַך פריי — האָט ער זי געזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערע: זי האָט געהערט זיינע רעדעס מיט אַ כעס פון אַ שטאַרקער און קלוגער פרוי, וואָס ווייסט די שווערקייט פון די לעבנס־קייטן, מיט אַ צוטרויליכער גיריקייט פון אַ קינד, וואָס הערט אַ צויבער־מעשהלע, און דאָס מעשהלע האַרמאָנירט מיט זיין נשמה, וועלכע איז אויך צויבערלאַך פאַרוויקלט.

דאָס פלעגט אויפוועקן אין אים אַ פאָרגעפיל פון נצחון איבער אַ שטאַרקן שונא — איבער אַ שונא, וואָס קען זיין אַ אויסגעצייכנטער חבר, אַ שטאַנדהאַפטיקער קעמפער פאַר דער צוקונפט.

כמעט אַ יאָר האָט געדויערט דער קאַמף, ניט אַרויסרופנדיק אין זיי קיין חשק זיך צונויפצוגיין נעענטער און שטרייטן איינער קעגן דעם איינעם. נאָר ענדלאַך איז ער דער ערשטער צוגעגאַנגען צו איר.

— די סיניאָרין איז מיין שטענדיקע אָפּאָנענטין, האָט ער געזאָגט, — געפינט זי ניט, אַז צוליב די אינטערעסן פון דער זאַך וועט זיין בעסער, מיר זאָלן זיך מיט איר נעענטער באַקענען?!
זי האָט גערן איינגעשטימט און כמעט פון די ערשטע ווערטער האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן אַ קאַמף: דאָס מיידל האָט מיט היץ פאַרטיידיקט די קירך, ווי דאָס איינציקע אָרט, וואו דער אויסגעפּייניקטער מענטש קען געפינען אָפּרו פאַר זיין נשמה, וואו פאַר דעם הייליקן פנים פון דער גוטער מאַדאָנע זייגען אַלע גלייך — אַלע גלייך באַדויערנסווערט, ניט קוקנדיק אויף די פאַרשיידנקייטן פון די קליידער. ער האָט דערווידערט, אַז די מענטשן איז נייטיק ניט קיין אָפּרו, נאָר קאַמף, אַז די בירגערלאַכע גלייכהייט איז אוממעגלאַך אָן דער גלייכהייט פון מאַטעריעלע גוטס, אַז הינטער דער מאַדאָנעס רוקן באַהאַלט זיך אַ מענטש, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז מענטשן זאָלן זיין אומגליקלאַך און נאַריש.

פון דעמאָלט אָן האָבן דידאָזיקע שטרייטן אָנגעפילט זייער גאַנצן לעבן, יעדע באַגעגעניש איז געווען אַ פאָרזעצונג פון איינעם

און דעמזועלביקן אומענדלאַכן ליידנשאַפטלאַכן שמועס; און וואָס אַ טאָג ווייטער, האָט זיך אַלץ קלערער אַרויסגעוויזן דער טראַגי־שער אָפּגרונט צווישן זייערע אני־מאמינס.

פאַר אים איז דער לעבן — אַ קאַמף פאַר פאַרברייטערן די וויסנ־שאַפט, כּדי צו באַזיגן די כּוחות פון דער נאַטור, אַ קאַמף פאַר אונטערוואַרפן זייער סודותפולע ענערגיע דעם מענטשלאַכן ווילן; אַלע מענטשן דאַרפן זיין גלייך שטאַרק באַוואָפנט פאַר דעמדאָזיקן קאַמף, וואָס זיין סוף וועט אונז ברענגען פרייהייט און דעם נצחון פון שכל — וועלכער איז די מעכטיקסטע קראַפט אין דער וועלט, די איינציקע קראַפט אין דער וועלט, וואָס אַרבעט באַוואוסטזיניק. און פאַר איר האָט דאָס לעבן באַטייט — לאַנגזאַם פיינלאַך מקריב זיין דעם מענטשן פאַר אַ קרבן צום אומבאַוואוסטן, אונטערוואַרפן דעם מענטשן אונטער יענעמס ווילן, וואָס זיינע געזעצן און צילן ווייס נאָר דער גלח.

אַן ערשטויינטער פלעגט ער פרעגן:

— אָבער צו וואָס גייט איר אויף מיינע לעקציעס? וואָס וואַרט איר פון סאָציאַליזם?

— יאָ, איך ווייס, אַז איך זינדיק און בין סותר זיך אַליין! פלעגט זי טרויעריק זיך מודה זיין. — אָבער ס׳איז מעגלאַך, אַלע מענטשן זאָלן גליקלאַך זיין!

זי איז געווען ניט זייער שיין, אַ דינע, מיט אַ קלוג פנימל, גרויסע אויגן, וואָס זייער בליק האָט געקאָנט זיין מילד און צאָרנ־דיק, צערטלאַך און שטרענג; זי האָט געאַרבעט אויף אַ זייד־פאַב־ריק, געוואוינט מיט אַן אַלטינקער מוטער, מיט אַ פאָטער אָן פיס און מיט אַ יינגערער שוועסטער, וועלכע האָט זיך געלערנט אין אַ שול פאַר מלאכה.

צייטנווייז פלעגט זי זיין פריילאַך, ניט רעשיג, נאָר רייצנדיק. זי האָט ליב געהאַט מוזייען און אַלטע קירכן, פלעגט אַנטציקט ווערן פון בילדער, פון שיינע זאַכן און קוקנדיק אויף זיי, פלעגט זי זאָגן:

— ווי משונה עס איז צו טראַכטן, אַז די אַלע פראַכטפולע זאַכן זיינען אַמאָל געווען פאַרשלאָסן אין הייזער פון פריוואַטע

מענטשן און נאָר איינער האָט רעכט געהאַט זיך מיט זיי באַנוצן! וואָס שיין, דאַרפן זען אַלע, נאָר דעמאָלט לעבט עס!

אָפט פלעגט זי ריידן אַזוי משונהדיק און שטענדיק פלעגט זיך אים דוכטן, אַז דידאָזיקע ווערטער גייען אַרויס פון עפּעס אַ ריס אין איר נשמה, וועלכער איז אים ניט פאַרשטענדלאַך, זיי פלעגן אים דערמאָנען דאָס קרעכצן פון אַ פאַרוואונדעטן; ער האָט געפילט, אַז דאָסדאָזיקע מיידל האָט ליב דאָס לעבן און די מענטשן מיט אַ טיפער מוטער־ליבע, פול אומרו און מיטלייד; ער האָט געדולדיק געוואַרט, ווען זיין גלויבן וועט איר אָנצינדן דאָס האַרץ, און די שטילע ליבע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ליידנשאַפט; אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מיידל הערט אויס זיינע רעדעס אַלץ אויפֿמערקזאַמער, אַז אין האַרצן איז זי שוין איינשטימיק מיט אים. און ער האָט אַלץ מיט מער פייער גערעדט, ווי עס איז נייטיק אומדערמידלאַך אַקטיוו צו קעמפן פאַר באַפרייען דעם מענטשן, דאָס פאָלק, די מענטשהייט, פון די אַלטע קייטן, וואָס זייער ראָסט האָט זיך איינגעגעסן אין די נשמות און פאַרטונקלט, פאַרסמט זיי.

איינמאָל, באַגלייטנדיק זי אַהיים, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב, וויל, זי זאָל ווערן זיין פרוי—און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן אויף איר געמאַכט: זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, פונקט ווי ער וואָלט איר אַ קלאַפּ געגעבן; ברייט פונאַנדערגעעפנט די אויגן, אַ בלייכע, האָט זי זיך אָנגעשפאַרט מיטן רוקן אָן וואַנט, באַהאַלטן די הענט, און קוקנדיק אים אין פנים, האָט זי כמעט מיט גרויל געזאָגט:

— איך האָב געטראָפן, אַז דאָס איז אַזוי, כ'האָב דאָס כמעט געפילט, ווייל כ'האָב אייך אַליין לאַנג ליב. נאָר, גאָט מיינער, וואָס וועט איצט זיין?

— ס'וועלן אָנקומען טעג פון גליק פאַר מיר און פאַר דיר, טעג פון אונזער געמיינזאַמער אַרבעט,—האָט ער אויסגעשריען.

— ניין, האָט דאָס מיידל געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ,— ניין, מיר האָבן ניט געדאַרפט ריידן וועגן ליבע.

— פאַרוואָס?

— דו וועסט חופה שטעלן אין קירך? האָט זי שטיל גע־פרעגט:

— ניין!

— טאָ—זיי געזונט!

און זי איז האסטיק פון אים אוועק.

ער האָט זי דעריאָגט, אָנגעהויבן איינריידן; זי האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק, ניט דערוווידערט און דערנאָך געזאָגט:

— איך, מיין מוטער און פאָטער זיינען אַלע גלוביקע און ווען שטאַרבן אַזוי. אַ פאַמיליע, געשלאָסן אין מאַגיסטראַט, איז פאַר מיר קיין געזעצלאַכע פאַמיליע ניט. אויב פון אַזאַ פאַמיליע־בונד ווערן געבאָרן קינדער — ווייס איך, אַז זיי וועלן זיין אומגליקלאַך. נאָר אַ חופה אין קירך הייליקט די ליבע, נאָר זי גיט גליק און רו.

אים איז קלאָר געוואָרן, אַז זי וועט ניט גיך נאָכגעבן; ער האָט געוויס ניט געקענט נאָכגעבן. זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ביים געזעגענען האָט דאָס מיידל געזאָגט:

— לאָמיר איינער דעם אַנדערן ניט פייניקן. זוך ניט צו באַגעגענען זיך מיט מיר... אַך, ווען דו פאָרסט אַוועק פונדאַנען! איך קען ניט, איך בין אַזוי אָרים...

— איך וועל גאָרניט צוזאָגן, האָט ער געענטפערט.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פון צוויי שטאַרקע מענטשן: פאַרשטייט זיך, זיי פלעגן זיך באַגעגענען, און אַפילו נאָך אָפטער, ווי פריער; זיי פלעגן זיך באַגעגענען, ווייל זיי האָבן זיך ליב געהאַט, האָבן געזוכט באַגעגענישן, האָפנדיק, אַז איינער פון זיי וועט ניט אויסהאַלטן די ליידן פון אומבאַפרידיקטן געפיל, וואָס צעברענט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער. זייערע באַגעגענישן זיינען געווען פול מיט יאוש און בענקעניש. נאָך יעדער צוזאַמענטרע־פעניש האָט ער זיך געפילט צעבראָכן און קראַפטלאָז; זי איז מיט טרערן געגאַנגען צום גלח זיך מתודה זיין, און ער האָט דאָס גע־וואוסט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז די שוואַרצע וואַנט מענטשן אין לאַנגע קירך־קליידער ווערט וואָס אַ טאָג שטאַרקער, העכער, אייזן־פעסטער, זי וואַקסט און צעשיידט זיי אויף טויט.

איינמאָל אין אַ יום־טוב, שפּאַצירנדיק מיט איר אין פעלד אונטערן שטאָט, האָט ער איר געזאָגט, ניט איבערצושרעקן, נאָר אַזוי פּשוט, טראַכטנדיק אינדערהויך:

— דו ווייסט, אַז אַנדערש מאָל דוכט מיר, אַז איך בין אומ־שטאַנד דיך צו טויטן...

זי האָט פאַרשוויגן.

— האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט?

צערטלאַך אַריינקוקנדיק אים אין פּנים, האָט זי געענטפערט:

— יאָ.

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט שטאַרבן, און וועט ניט נאָכגעבן. ביז דעמדאָזיקן „יאָ" פלעגט ער זי אַמאָל אַרומנע־מען און קושן, זי פלעגט זיך ווערן, נאָר איר ווידערשטאַנד איז געווען אַלץ שוואַכער, און ער האָט שוין געטרוימט, אַז זי וועט אַמאָל נאָכגעבן און איר פרויען־אינסטינקט וועט אים העלפן זי צו באַזיגן; אָבער איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָלט הייסן ניט אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער איר, נאָר פאַרקנעכטן זי; פון דע־מאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו וועקן אין איר די פרוי.

אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען מיט איר אינם פינסטערן קרייז פון אירע פאַרשטעלונגען וועגן לעבן, פלעגט אָנצינדן פאַר איר אַלע פייערן, וועלכע ער איז בכוח געווען אָנצינדן; נאָר ווי אַ בלינ־דע האָט זי אים געהערט מיט אַ פאַרטרוימטן שמייכל אין די אויגן, קיין זאַך ניט געזען, אים ניט געגלויבט. אַמאָל האָט זי געזאָגט:

אַן אַנדערש מאָל פאַרשטיי איך, אַז אַלץ, וואָס דו זאָגסט, איז מעגלאַך, נאָר איך טראַכט אַזוי דערפאַר, ווייל כ'האָב דיך ליב! איך פאַרשטיי, נאָר איך גלויב ניט, כ'קאָן ניט גלויבן. און אַז דו גייסט אַוועק, גייט אַלץ דיינס אַוועק מיט דיר.

דידאָזיקע דראַמע האָט געדויערט כמעט צוויי יאָר; און אָט האָט זיך דאָס מיידל צעבראָכן, קראַנק געוואָרן. ער האָט געוואָרפן די אַרבעט, אויפגעהערט פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע, אָנגעמאַכט חובות און, אויסמיידנדיק באַגעגענישן מיט חברים, פלעגט ער אַרומגיין אַרום איר דירה, אָדער זיצן ביי איר בעט און צוקוקן, ווי זי ווערט פאַרברענט, ווערט וואָס אַ טאָג

אַלץ דורכזיכטיקער און ווי אין אירע אויגן פלאַקערט אַלץ העלער דער פייער פון קראַנקהייט.

— רייד וועגן לעבן, וועגן דער צוקונפט, — האָט אים געבעטן.

ער האָט גערעדט וועגן דער געגנוואַרט, מיט נקמה איבער־רעכענענדיק אַלץ, וואָס פאַרדאַרבט אונז, קעגן וואָס ער וועט שטענ־דיק קעמפן, וואָס מ׳דאַרף אַרויסוואַרפן פון מענטשנס לעבן, ווי פינסטערע, שמוציקע, אָפגעטראָגענע שמאַטעס.

זי האָט געהערט, און ווען ס׳פלעגט איר אומדערטרעגלאַך ווײ טאָן, פלעגט זי אָפשטעלן זיינע רייד, באַרירנדיק זיין האַנט און מיט געבעטע אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן.

— איך שטאַרב? האָט זי אים איינמאָל געפרעגט, אַ צייט נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ביי איר איז שנעלע שווינדזוכט און איר לאַגע איז האָפענונגסלאָז.

ער האָט ניט געענטפערט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— איך ווייס, אַז כ׳וועל אינגיכן שטאַרבן, האָט זי געזאָגט, גיב מיר די האַנט.

און אַז ער האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט זי מיט די הייסע ליפּן אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, איך בין קעגן דיר שולדיק, כ׳האָב אַ טעות געהאַט און האָב דיך אויסגעפייניקט. איצט, אַז איך בין דערהרגעט, זע איך, אַז מיין גלויבן איז מערניט ווי אַ מורא פאַר דעם, וואָס כ׳האָב ניט געקענט פאַרשטיין, ניט קוקנדיק אויף מיין פאַרלאַנג און דיין אָנשטרענגונג. דאָס איז געווען אַ מורא, נאָר זי איז אין מיין בלוט, איך בין מיט איר געבאָרן. דער שכל איז ביי מיר מיין אייגענער אָדער דייגער—נאָר דאָס הארץ איז אַ פרעמדס, דו ביסט גערעכט, איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, נאָר דאָס הארץ האָט ניט געקענט מסכים זיין מיט דיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין עטלאַכע טעג אַרום איז זי געשטאָרבן. און ער איז פאַר דער צייט פון איר גסיסה גרוי געוואָרן, גרוי צו זיבן און צוואַנ־ציק יאָר.

ז'אָ ניט לאַנג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער איינציקער חברטע פון יענער מיידל, זיין שילערין; דאָס גייען זיי אויפן בית־עולם צו יענער,—יעדן זונטאָג גייען זיי אַהין אַוועקלייגן בלומען אויף איר קבר.

ער גלויבט ניט אין זיין נצחון, ער איז איבערצייגט, אַז בעת זי האָט אים געזאָגט: דו ביסט גערעכט! האָט זי געזאָגט ליגן, כּדי אים צו טרייסטן. זיין פרוי מיינט אויך אַזוי.ביידע ערן זיי מיט ליבע איר אָנדענקען. און אָט די שווערע געשיכטע פונם אונטערגאַנג פון אַ טייערן מענטשן דערוועקט זייערע כּוחות מיטן פאַרלאַנג פון נקמה. זי גיט צו זייער געמיינזאַמער אַרבעט אַ אומ־דערמידלאַכקייט און אַ באַזונדערן ברייטן שיינעם כאַראַקטער.

עם פליסט אונטער דער זון אַ לעבעדיקער, יום־טובדיק־פיל־פאַרביקער טייך מענטשן; אַ פריילאַכער טומל באַגלייט זיין פלוס; קינדער שרייען און לאַכן; ניט אַלעמען, פאַרשטייט זיך, איז לייכט און פריידיק, געוויס זיינען אַ פולע הערצער שטייף צונויפגעדריקט מיט פינסטערן טרויער, אַ סך מוחות זיינען צוריסן פון סתירות; נאָר אַלע גייען מיר צו פרייהייט, צו פרייהייט! און וואָס מער אייניק—אַלץ גיכער וועט זיין אונזער גאַנג.

VI.

אין סאַמעטענע קליידער גייט די נאַכט פון פעלד אין שטאָט; די שטאָט באַגעגנט זי מיט גאָלדענע פייערן. צוויי פרויען און אַ יונג בחורל גייען אויך אין פעלד, ווי זיי וואָלטן באַגעגענען די נאַכט, און נאָך זיי שפּרייט זיך ווייך דער געריש פון לעבן, וואָס איז פאַרמאַטערט פון טאָג-האָרעוואַניע.

שטיל שאַרן זיך דריי פּאָר פיס איבער די טונקעלע שטיינער פון דעם אַלטן וועג, געבּרוקירט דורך די קנעכט פון אַלטן רוים-וועלכע האָבּן געהערט צו פאַרשיידענע פעלקער; אין דער וואַריי-מער שטילקייט הילכט צערטלאַך און איבערציינגנדיק די שטים פון דער פרוי.

— זיי ניט שטרענג מיט מענטשן!

— האָסטו דען דאָס ביי מיר באַמערקט, מאַמע? פרעגט אַריינגעטראַכט דער בחור.

— דו שטרייטסט צו היציק.

— כ'האָב הייס ליב מיין אמת.

ביי דער לינקער זייט פון בחור גייט אַ מיידל, קנאַקנדיק אי-בער די שטיינער מיט אירע הילצערנע שיך, פּאַרריסן, ווי אַ בלינדע, דעם קאָפּ צום הימל. דאָרטן ברענט אַ גרויסער אָוונט-שטערן און נידע, ריקער—דער רויטלאַכער פאַס פון זונפאַרגאַנג, און צוויי טאָפּאָלן האָבּן זיך אַריינגעשניטן אין דער רויטקייט, ווי ניט אָנגעצונדענע פאַקלען.

— סאָציאַליסטן זעצט מען אָפּט אין טורמע, זאָגט מיט אַ זיפץ די מוטער.

דער זון ענטפערט רואיק:

— מען וועט אויפהערן! דאָס איז דאָך נוצלאָז...

— יאָ, אָבער דערווייל...

— ס'זיינען ניטאָ און ס'וועלן ניט זיין קיין כוחות, וואָס זאָלן קענען טויטן דאָס יונגע הארץ פון דער וועלט!

— דאָס זייַנען ווערטער פאַר אַ ליד, זונעלע...

— מיליאָנען שטימען זינגען דאָסדאָזיקע ליד און וואָס ווייטער, אַלץ מיט מער אויפמערקזאַמקייט הערט זי דאָס גאַנצע לעבן! דערמאָן זיך נאָר: האָסטו דען פריער אַזוי מילד און געדולדיק אויסגעהערט מיך אָדער פּאַאָלאָן, ווי דו הערסט איצט?

— יאָ, יאָ, — נאָר אָט האָט דער שטרייק דיך געצוואונגען צו פאַרלאָזן דיין געבורטשטאָט...

— די שטאָט איז קליין פאַר צווייען, זאָל פּאַאָלאָ בלייבן, אָבער דעם שטרייק האָבן מיר געוואונען...

— געוואונען! האָט זיך מיט אַ קלינגעדיקער שטים אָפּגערופן דאָס מיידל, — דו און פּאַאָלאָ...

ניט געענדיקט, לאַכט זי שטילינקערהייט. דערנאָך גייען זיי אַלע אַ מינוט שווייגנדיק. אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד, רוקט זיך אַרויס זיי אַנטקעגן אַ טונקל בערגל חורבות פון עפּעס אַ בנין. אַ שמעקעדיקער אייקאַליפּטוס האָט פאַרטראַכט אַראָפּגעלאָזן איבער אים זיינע צווייגעלאַך. און אַז זיי זיינען אַלע דריי דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם בוים, האָבן זיינע צווייגן אַזוי ווי שטיל אַ ציטער געטאָן.

— אָט איז פּאַאָלאָ! — זאָגט דאָס מיידל.

אַ שוואַרצע הויכע פיגור האָט זיך אָפּגעטיילט פון די חורבות און זי שטייט אינמיטן וועג.

— מיטן האַרצן האָסטו דערזען? האָט דער בחור געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

פּאָראויס קלינגט, ווי אַ ווידערקול: דו גייסט?

— יאָ, איך גיב דיר איבער די מייניקע. באַגלייט מיך ניט ווייטער, מ'דאַרף ניט. כ'האָב אינגאַנצן פינף שעה ביז רוים, און כ'בין דאָך בכיוון געגאַנגען צו פוס, כדי כ'זאָל אין וועג צונויפנעמען די געדאַנקען...

מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער הויכער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און זאָגט מיט אַן אָנגעריסענער שטים:

— דו קענסט זיין רואיק פאַר דער מוטער און שוועסטער, אַלץ וועט זיין גוט.

— איך ווייס. אויף ווידערזען, מאַמע! זי כליפּעט, קרעכצט שטילערהייט, דערנאָך קלינגען דריי שטאַרקע קושן און אַ מוטי־קער קול:

— גיי אַהיים און רו זיך אויס, האָסט זיך גענוג אויפ־געדעגט פאַר דידאָזיקע שטורימדיקע טעג! אַלץ וועט זיין גוט; פּאַאָלאָ איז דיר אַזאַ זון, ווי איך! נו, שוועסטערקע...

ווידעראַמאָל קושן און אַ טרוקענער שאָרך פון פיס איבער די שטיינער—די וואַכזאַמע נאַכט־שטילקייט גיט אָפּ אַלע קלאַנ־גען, ווי אין אַ שפּיגל.

פיר פיגורן, פאַרוויקלטע אין פינסטערניש, האָבן זיך ענג צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן קערפּער און קאָנען זיך לאַנג ניט פונאַנדערשיידן. דערנאָך האָבן זיי זיך שווייגנדיק צעריסן: דריי זיינען שטיל אַוועקגעשוואומען צו די פייערן פון שטאָט, איינער איז האַסטיק אַוועק פאָראויס, צו מערב, וואו די אָוונט־רויטקייט איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן און אין בלויען הימל האָבן זיך פון נאַנדערגעבערענט אַ סך ליכטיקע שטערן.

— זיי געזונט!—הערט זיך שטיל און טרויעריק אין דער נאַכט.

פון וויטן רופט זיך אָפּ אַ מונטערע שטים:

— זיי געזונט! זיי ניט פאַראומערט, מיר וועלן זיך אינגיכן זען...

טרוקן קלאַפּן דעם מיידלס הילצערנע שיך, אַ הייזעריקלאַ־כע שטים רעדט טרייסט־ווערטער:

— ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, דאָנאַ פילאָמענאַ, איר קענט אין דעם גלויבן, ווי אין דער גענאַד פון אייער מאַדאָנע! ער פאַרמאָגט אַ גוטן שכל און אַ שטאַרק האַרץ, ער קען אַליין ליבן און צווינגט לייכט אַנדערע אים ליב צו האָבן. און ליבע צו מענטשן—דאָס זיינען דאָך יענע פליגלען, אויף וועלכע דער מענטש הייבט זיך אויף העכער פון אַלץ...

די שטאָט צעזייט אַלץ רייכער אין דער פינסטערניש אירע באַשיידענע, בלייכע פייערן; די ווערטער פון דעם הויכן מענטשן בליצן אויך, ווי פונקען.

— ווען אַ מענטש טראָגט ביי זיך אין האַרצן אַ וואָרט, וואָס פּאַראַייניקט די וועלט, וועט ער אומעטום געפינען מענטשן, וואָס קענען אים אָפּשאַצן, אומעטום!

האַרט ביי דער שטאָט, צוגעטוליעט צו איר וואַנט, האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד אַ נידעריקער ווייסער שענקל און מיטן פּירקאַנטיקן פענסטער פון זיין באַלויכטענער טיר קוקט ער אויף די מענטשן און רופט זיי מיט זיין בליק. לעבן טיר ביי דריי טישלאַך רוישן שוואַרצע פיגורן, קרעכצן די סטרונעס פון אַ גיטאַרע, און עס ציטערט נערוועז דער מעטאַלענער קול פון אַ מאַנדאָלינע.

בעת די דריי האָבן זיך אויסגעגלייכט מיטן טיר, איז די מוזיק אַנטשוויגן געוואָרן, די קולות זיינען שטיל געוואָרן, עטלעכע פיגורן האָבן זיך אויפגעהויבן.

— אַ גוטן אָוונט, חברים! האָט געזאָגט דער הויכער.

און אַ צענדליק שטימען האָבן געענטפערט מיט פרייד, פריינדשאַפטלאַך:

— אַ גוטן אָוונט, פּאַאָלאָ, חבר! צו אונז? אַ גלאָז ווייִן?

— ניין — איך דאַנק.

די מוטער האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— דיך האָבן אויך אַלע אונזעריקע ליב...

— אונזעריקע, דאָנאַ פילאָמענאַ?

— יאָ, לאַך ניט. די וואָס רעדט מיט דיר, איז ניט קיין פרעמדע איר פאָלק. אַלע האָבן אייך ליב! דיך און אים... דער הויכער האָט גענומען דאָס מיידל אונטערן האַנט און געזאָגט: אַלע און—נאָך איינע! אַזוי?

— יאָ, האָט שטיל געזאָגט דאָס מיידל, אַוודאַי... — — —

האָט זיך די מוטער ניט הויך צעלאַכט:

— אַך, קינדער! ווען מ'הערט אייך, קוקט מען און מ'גלויבט: יאָ, איר וועט לעבן בעסער, ווי מיר האָבן געלעבט...

און אַלע דריי האָבן זיך ווי איין שורה באַהאַלטן אין דער שמאָלער גאַס, וואָס איז געווען צעפּאַטלט, ווי אַן אַרבל פון אַן אַלט אָפּגעטראָגן קלייד. — — —

.VII

איינגעשפּאַרט זיינע שוואַרצע אויגן אין דער ווייט, האָט דער יונגער מוזיקער שטילינקערהייט געזאָגט:

— די מוזיק, וואָס איך וואָלט וועלן אָנשרייבן, איז אַזאַ:

אויפן וועג פון אַ גרויסער שטאָט גייט ניט איילנדיק אַ ייִנגל.

די שטאָט האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד מיט שווערע הויפנס פון געביידעס, האָט זיך צו איר צוגעטוליעט און זי קרעכצט און ברומט, פאַרטויבט. פון דער ווייטנס זעט אויס, ווי זי וואָלט נאָר-וואָס חרוב געוואָרן פון אַ שׂריפה, ווייל איבער איר האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָשן דער בלוטיקער פלאַם פון דעם זונאונטערגאַנג, און די צלמס פון אירע קירכן, די שפּיצן פון די טורעמס, די פלוגערן—זיינען רויט צעגליט.

די זוימען פון די שוואַרצע וואָלקנס זיינען אויך אין פייער; אויף די רויטע פלעקן צייכנען זיך, ווי אַ בייזע בשורה, עקיקע שטיקער פון גרויסע געביידעס; דאָ און דאָרט בלישטשען שויבן, ווי טיפע וואונדן; די חרובע אויסגעפּייניקטע שטאָט—דער אָרט פון אומדערמידלאַכער שלאַכט פאַר גליק — גייט אָפּ מיט בלוט, און דאָס בלוט רויכערט זיך, הייס, מיט אַ געלבלאַכן שטיקעדיקן רויך.

אין פינסטערניש פון פעלד גייט אַ ייִנגל איבער דער ברייטער גרויער וועג-סטענגע. אַ גלייכע ווי אַ שווערד, שטעכט זי זיך אַריין דער שטאָט אין זייט, פּונקט ווי געצילט מיט אַ מעכטיקער אומגעזעענער האַנט. דיביימער ביי אירע זייטן זעען אויס, ווי ניט-אָנגעצונדענע פאַקלען, זייערע שוואַרצע גרויסע צווייגן-הענגלאַך רוען איבער דער שווייגנדיקער, אויף עפּעס וואַרטנדיקער ערד.

דער הימל איז באַדעקט מיט וואָלקנס, קיין שטערן זעט מען ניט, ניטאָ קיין שאָטנס; דער שפּעטיקער אָוונט איז טרויעריק און שטיל, נאָר דעם ייִנגלס לאַנגזאַמע און לייכטע טריט הערן זיך

קוים אין דעמערנדיקן מידן שווייגן פון די איינשלאָפנדיקע פעל־דער.

און נאָך די טריט פונם יינגל גייט גערוישלאָז די נאַכט, און מיט אַ שוואַרצן מאַנטל פון פאַרגעסלאַכקייט פאַרדעקט זי די ווייטקייט, פון וועלכער ער איז אַרויס.

די טונקלהייט ווערט געדיכטער און באַהאַלט אין אירע וואַרימע אָרימס די ווייסע און רויטע הייזער, וועלכע זיינען מיט הכנעה צוגעפאַלן צו דער ערד, פאַריתומט-צעוואָרפענע איבער די בערגלאַך. סעדער, ביימער, קוימענס—אַלץ אַרום ווערט שוואַרץ, פאַרשווינדט, צעקוועטשט דורך דער פינסטערניש פון דער נאַכט, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר דער קלייניקער פיגור מיטן שטעקן אין האַנט, ווי זיי וואָלטן זיך באַהאַלטן פון איר, אָדער מיט איר געשפּילט.

ער ווידער גייט זיך שווייגנדיק און קוקט רואיק אויף דער שטאָט, מאַכט ניט אייליקער זיינע טריט, אַ איינזאַמער, אַ קלייני־קער, און פונקט ווי ער וואָלט טראָגן עפּעס אַ נייטיקע זאַך, אויף וואָס אַלע וואַרטן שוין לאַנג דאָרטן, אין שטאָט, וואו אים אַנטקעגן צינדן זיך שוין אומרואיק בלויע, געלע און רויטע פייערן. דער זונאונטערגאַנג איז אויסגעלאָשן. ס׳האָבן זיך צעשמאָלצן, ס׳זיי־נען פאַרשוואונדן די צלמס, די פלוגערס און די אייזערנע שפּיצן פון די טורימס; די שטאָט איז געוואָרן נידעריקער, קלענער און האָט זיך ווי נאָך האַרטער צוגעטוליעט צו דער שטומער ערד.

איבער איר האָט אויפגעפלאַמט און וואַקסט אַ דורכזיכטיקער וואָלקן, ווי אָפּאַל-שטיין באַפאַרבט; אַ פּאָספאָרישער, געלבלאַכער נעפּל האָט זיך ניט גלייכמעסיק אויסגעלייגט איבער דער גרויער נעץ פון ענג צונויפגעדריקטע געביידעס. איצט זעט די שטאָט שוין ניט אויס ווי חורוב פון פייער און מיט בלוט פאַרגאָסן,—די ניט־גלייכע ליניען פון די דעכער און ווענט דערמאָנען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרכישופט, פונקט ווי אַ מעשהלע, נאָר ניט דערבויט, ניט פאַרענדיקט; פונקט ווי דער, וואָס האָט פאַרטראַכט צו בויען די גרויסע שטאָט פאַר מענטשן, איז מיד געוואָרן און שלאָפט,

האָט זיך אַנטטוישט, און געוואָרפן אַלץ, איז אַוועק, אָדער ער האָט דעם גלויבן פאַרלאָרן און—געשטאָרבן.

און די שטאָט לעבט און איז אַרומגענומען פון אַ שמאַכ־טיקן באַגער צו זען זיך שיין און שטאָלץ אויפגעהויבן צו דער זון. די שטאָט קרעכצט אין פיבער־היץ פון אירע פילערליי באַ־גערן צו גליק; זי איז אויפגעבראַזט פון אַ ליידנשאַפטלאַכן ווילן צום לעבן און אין דעם פינסטערן שווייגן פון די פּלעצער, וואָס רינגלען זי אַרום, פליסן שטילע שטראָמען פון פאַרדעמפטע קלאַנ־גען, און דער שוואַרצער בעכער פון הימל גיסט זיך אַלץ פולער און פולער אָן מיט אַ פאַרנעפּלטן בענקענדיקן שיין.

דער יינגל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, הויך אויפגעהויבן די ברעמען, קוקט רואיק מיט דרייסטע אויגן פאָראויס, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און איז אַוועק גיכער.

און די נאַכט, אים נאָכגייענדיק, האָט שטיל מיט אַ צערט־לאַכער מאַמע־שטים געזאָגט:

— שוין צייט, יינגעלע, גיי! זיי—וואַרטן...

געוויס איז עס אוממעגלאַך אָנצושרייבן! האָט געזאָגט דער יונגער מוזיקער, פאַרטראַכט געשמייכלט.

דערנאָך געשוויגן אַ ווײַלע, צונויפגעלייגט די הענט, ווי צו אַ תפילה, און אויסגעשריען, ניט הויך, אומרואיק און מיט ליבע:

אַלעררייַנסטע יונגפרוי מאַריאַ! וואָס ווערט אים טרעפן?

דער זייגער.

I.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ביינאַכט אין פינסטערניש און איינזאַמקייט כאַפּט אָן אַ גרויל צו הערן דעם קאַלטן שמועס פון זייגער־אומרו: מאָנאָטאָנישע, מאַטעמאַטיש־ריכטיקע, כסדר די אייגענע אָפּגעקלאַפּטע טענער — די ניט מיד־ווערנדיקע לעבנס־באַוועגונג. חושך און שלאָף נעמט אַרום די ערד, אַלץ איז שטום, נאָר דער זייגער שלאָגט אָפּ קאַלט און הילכיק דאָס נעלם ווערן פון יעדער רגע... דער אומרו קלאַפּט, און מיט איטלאַכן טאַקט ווערט דאָס לעבן פאַרקירצט אויף אַ סעקונדע, אויף אַ פּיצעלע חלק צייט, וואָס איז אונז געשענקט געוואָרן, אויף אַ סעקונדע, און וואָס וועט זיך שוין מער קיינמאָל צו אונז ניט אומקערן. פונוואַנען קומען זיי, אָט דידאָזיקע סעקונדן, און וואו אַהין ווערן זיי נעלם? קיינער וועט דערויף קיין תשובה ניט געבן... און עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך האַרבע קשיות, אויף וועלכע מען האָט קיין ענטפער נאָך ניט געגעבן, עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סך וויכטיקערע פראַגן, וואָס פונם ענטפער אויף זיי הענגט אָפּ אונזער גליק. ווי זאָל מען לעבן, אַז מען זאָל זיך אָנערקענען, ווי עפּעס אַ איינס, וואָס איז ביי־יק פאַרן לעבן, ווי זאָל מען לעבן, ניט פאַרלירנדיק דערביי ניט דעם גלויבן, ניט די האָפענונג, ווי זאָל מען לעבן, אַז קיין איינציקע רגע זאָל ניט פאַרביי, ניט אויפהייבנדיק אַ פאַליע אין אונזער מוח און אין אונזער נשמה? צי וועט אפשר גאָר אַמאָל ענטפערן דערויף דער זייגער, וואָס באַוועגט זיך אָן אַן אויפהער, — וואָס וועט זאָגן דערצו דער זייגער?

II.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ גלייכגילטיקע זאַך, ווי דער זייגער: ער שלאָגט פונקט אַזוי רעגלמעסיק אין דעם מאָ־

מענט פון אייער געבורט, ווי אין דער צייט, ווען איר רייסט יצר-הרעדיק די בלומען פון אייערע יוגנט-חלומות. פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זיין געבורט, איז מיט יעדן טאָג דערנעענט זיך דער מענטש צום טויט. און ווען איר וועט כאָרכלען ביי דער גסיסה,— וועט דער זייגער טרוקן און רואיק ציילן זיינע סעקונדן. אין זיין קאַלטן חשבון,—האָרכט זיך איין, הערט זיך עפּעס אַן אָנגעפּראַק-טיקירטקייט און אַ מאַטיקייט פון דער צו גרויסער אומגעפּראַקטי-קירטקייט. קיין זאַך רירט אים ניט אָן ביי דער נשמה און קיין זאַך איז אים ניט שווער. ער איז גלייכגילטיק, און מיר מוזן, אויב מיר ווילן לעבן, זיך באַשאַפן אַן אַנדער זייגער, וואָס איז פול מיט דערשפּירעניש און געדאַנקען, אָנגעפּאַקט מיט טאַטן, בכדי צו פאַרבייטן אָט דעמדאָזיקן נודנעם, גלייכמעסיק קלאַפּנדיקן זיי-גער, וואָס קוילעט אָפּ אונזער נשמה מיט זיין קאַלטן פאַר-איבל-קלאַנג.

.III

טיק-טאַק, טיק-טאַק!

אין דער ניט מיד-ווערנדיקער באַוועגונג פונם זייגער איז ניטאָ קיין פעסטער רו-פּונקט,—טאָ וואָס-זשע רופן מיר מיטן נאָ-מען געגנוואַרט? באַלד נאָך דער ערשטער געבוירענער סעקונדע ווערט אַ צווייטע געבאָרן און שטויסט אַראָפּ די ערשטע אין תהום פונם אומבאַקאַנטן.

טיק-טאַק! און איר זייט גליקלאַך. טיק-טאַק! און אָט גיסט זיך שוין אַריין אין אייער האַרצן אַ זודיקער סם פון פּיין, און דער פּיין קאָן פאַרבלייבן ביי אייך דאָס גאַנצע לעבן, אין אַלע שטונדן פון די געגעבענע יאָרן, ווען איר וועט זיך ניט מיען אָנ-צוזאַפּן יעדע רגע פון אייער לעבן מיט עפּעס נייס און לעבעדיקס. צרות האָבן אויך אין זיך אַ יצר-הרע; זיי קרענקען פון אַ געפּער-לאַכן יחוס: זייענדיק מיט זיי באַלאָדן, זוכן מיר שוין גאָר ניט קיין אַנדער העכערן רעכט אויף צו טראָגן דעם נאָמען מענטש. און צרות זיינען דאָ אַ ווּפּיל, אַז זיי זיינען שוין געוואָרן וואָלוול און קיינער קוקט שוין כמעט ניט אויף זיי. און דערום לויגט שוין קוים אַזוי זיך אָפּצוגעבן מיט די צרות; מען דאַרף פול מאַכן דאָס

האַרץ מיט עפּעס מער אָריגינעלן, מער ווערטיקן, — ניט אמת? צרות—איז אַן אָפּגעניצטע מטבע. און פֿאַר אַבי-וועמען זאָל מען זיך ניט באַקלאָגן אויפֿן לעבן: טרייסט-ווערטער האָבן אין זיך זעלטן-ווען דאָס, וואָס דער מענטש זוכט אין זיי. טויזנט מאָל פּולער און אינטערעסאַנטער איז דאָס לעבן דעמאָלט, ווען דער מענטש קעמפּט מיט דעם, וואָס לאָזט אונז ניט לעבן. אינם קאַמף פֿליען פֿאַרביי די מרה-שחורהדיקע לאַנגווייליקע שעהן אַזוי גיך, אַז מען באַמערקט זיי קוים.

.IV

טיק-טאַק!

ס'איז אַ חוזק... דאָס מענטשלאַכע לעבן איז קורץ. ווי זאָל מען לעבן? אייניקע מיידן אויס דאָס לעבן מיט אַ האַרטער עקשנות, אַנדערע ווידער גיבן זיך אים אָפּ מיט לייב און זעלע. די ערשטע וועלן אויף דער עלטער זיין אָרים אין גייסט, ווי אין ערינערונגען; די צווייטע וועלן זיין רייך אי אין דעם, אי אין יענעם. די ווי יענע וועלן שטאַרבן און פֿון קיינעם וועט גאָרנישט איבערבלייבן, ווען קיינער פֿון זיי וועט ניט אָפּגעבן דעם לעבן זיין מוח און זיין האַרץ אָן אייגננוץ, לשמה... און ווען איר וועט שטאַרבן, וועט דער זייגער קאַלטבלוטיק ציילן די סעקונדן פֿון אייער גסיסה, טיק-טאַק! און אין דער אייגענער סעקונדע וועלן געבוירן ווערן פֿרישע מענטשן, צו עטלאַכע אין אַ סעקונדע, און פֿון אייך וועט שוין קיין זכר ניט זיין! און גאָר גאָרנישט וועט איבערבלייבן פֿון אייך חוץ אייער גוף, וואָס וועט האָבן ניט קיין אָנגענעמען ריח. שוין-זשע עמפּערט זיך ניט אייער גאווה קעגן אַזאַ מעכאַנישאַווטאָמאַטישן שפּעפֿער-ווילן, וואָס האָט אייך אַריינגעוואָרפֿן אין לעבן און דערנאָך ווידער אַרויסגעריסן—און פֿאַרטיק? טאָ שטאַרקט-זשע אין לעבן דאָס אָנדענק נאָך זיך, אויב איר האָט אַ ביסל שטאָלץ און אויב איר זייט באַליידיקט דערפֿון, וואָס איר זייט פֿאַרשקלאַפּט צו די געהיימענישפֿולע אויפֿגאַבן פֿון דער צייט. באַקלערט, וואָס פֿאַר אַ ראָלע איר שפּילט אינם לעבן:—מ'האָט אַ ציגל אויסגעברענט, דערנאָך איז ער באַרוט ווי אַ קלעצל געלעגן אין עפּעס אַ בנין, דערנאָך איז דאָס ציגל צעשאָטן געוואָרן און איז פֿאַר-

שוואונדן... זיין אַ ציגל איז לאַנגווייליק און באַנאַל—ניט אמת? טאָ האָט ניט קיין פּנים פון אַ ציגל, ווען איר פאַרמאָגט אַ מוח און אַ נשמה, און אויב איר ווילט דורכלעבן אין אייער קורצער שפּאַן־צייט גוטע שטורימדיקע שטונדן, פול מיט געפילן און געדאַנקען.

.V

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ווען איר וועט אַ קלער טאָן, ווי ווייניק איר באַדייט אין דער אומענדלאַכער באַוועגונג פון דער צייט, וועט דאָס באַוואוסט־זיין פון אייער נישטיקייט אייך דריקן ווי אַ באַרג. בעסער זאָל אייך דאָסדאָזיקע באַוואוסטזיין באַליידיקן. זאָל עס דערוועקן אין אייך אַ שטאָלץ, גלייכער איז, אַז איר זאָלט דערפילן אַ שנאה צום לעבן, וואָס דערנידעריקט אייך אַזוי, און רופט אייך אַרויס אויף אַ מלחמה. אַ מלחמה, צוליב וואָס? בשעת די נאַטור האָט אָפּגע־נומען ביים מענטשן די פעאיקייט צו גיין אויף אַלע פיר, האָט זי אים אָנשטאָט אַ שטעקן געגעבן אַ אידעאַל! און פון דעמאָלט אָן שטרעבט ער, אומבאַוואוסט, אינסטינקטיוו, אַלץ צו בעסערן, אַלץ העכער! טאָ מאַכט־זשע דאָס שטרעבן פאַר אַ באַוואוסטזי־ניקן, לערנט אויס די מענטשן פאַרשטיין, אַז נאָר אינם באַוואוסט־זיניקן שטרעבן צו בעסער ליגט דאָס אמתע גליק. קלאָגט זיך ניט אויף דעם מענטשנס שוואַכקייט, באַקלאָגט זיך ניט אויף קיין זאַך. דאָס איינציקע, וואָס אייער באַקלאָגן זיך קאָן אייך ברענגען, איז אַ טראָפּן רחמנות, די צדקה־פּרוטה פון גייסטיקע אָרימעלייט. אַלע מענטשן זיינען גלייך אומגליקלאַך, נאָר מער פון אַלעמען איז אומגליקלאַך דער, וואָס פּוצט זיך מיט זיין אייגענעם אומ־גליק. אָט דידאָזיקע לייט דאַרשטן מער פאַר אַלע, אַז מען זאָל קוקן אויף זיי, און ווייניקער פון אַלע פאַרדינען זיי דאָס. דאָס שטרעבן פאָרווערטס—נאָר דאָס איז אַ ציל אין לעבן. זאָל דאָס גאַנצע לעבן באַשטיין בלויז פונם שטרעבן אַליין, דעמאָלט וועלן אין לעבן זיין שיינע געהויבענע שטונדן.

.VI

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

„צו וואָס האָסטו געגעבן שיין דעם מענטשן, וואָס זיין וועג

איז פאַרהוילן און וואָס דו האָסט אים אַרומגערינגלט מיט פּינ-סטערניש״,—אַזוי האָט דער אַלטער איוב געפרעגט ביי גאָט. היינט זיינען שוין ניטאָ אַזוינע דרייסטע מענטשן, וואָס, געדענקענדיק, אַז זיי זיינען גאָטס קינדער און באַשאַפן געוואָרן לויט זיין פורם און אָנבליק, זאָלן ריידן מיט גאָט אַזוי ווי איוב. און בכלל שאַצן זיך איצט די מענטשן זייער נידעריק. דאָס לעבן האָבן זיי ניט ליב און פאַרשטייען ניט, ווי זיך האַלט צו האָבן. און צו גלייכער צייט האָבן זיי מורא פאַרן טויט, כאָטש קיינער וועט איר ניט אויסמיידן, ווי דאָס איז איטלאַכן באַוואוסט. און דאָס, וואָס איז ניט אויסצומיידן—איז געזעצמעסיק, וואָרים זינט דער מענטש האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, שטאַרבט אַלצדינג אָפּ און ס'איז שוין צייט זיך צוצוגעוויינען דערצו. דאָס באַוואוסטזיין, אַז איך האָב ערפילט מיין אויפגאַבע, איז בכוח אויסצוראָטן די מורא פאַרן טויט, און אַן ערלאַך דורכגעגאַנגענער לעבנס-וועג וועט דערפון צו אַ רואיקן סוף. טיק-טאַק... און פון מענטשן בלייבן אי-בער נאָר די מעשים זיינע. און עס לאָזן זיך אויס פאַר אים די שטונדן אינאיינעם מיט די וואונטשן זיינע, און עס וועלן קומען אַנדערע שטונדן—שטונדן, וואָס וועלן אָפּשאַצן זיין לעבן, שטרענ-גע שטונדן.

VII.

טיק-טאַק, טיק-טאַק!

אין תוך אַריין איז אַלץ זייער פּשוט אין דער וועלט, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין סתירות, וואָס לעבט אין שקר און אין בייזקייט, און עס וואָלט נאָך פּשוטער געווען, ווען מענטשן וואָלטן זיך געענוי איינגעקוקט איינער אין צווייטן און הינטער איטלאַכן וואָלט געשטאַנען אַ גוטער פריינד. אַן איינציקער, מעג ער זיין אַ גרויסער, איז פאָרט אַ קליינער. מען דאַרף איינער דעם אַנדערן פאַרשטיין: וואָרים מיר אַלע ריידן פאַרנעפּלטער און ער-גער, ווי מיר דענקען. דעם מענטשן פעלן אַ סך ווערטער, כדי ער זאָל עפענען זיין האַרץ פאַר אַנדערע, דעריבער ווערן אַ סך חשובע געדאַנקען, וויכטיקע פאַרן לעבן, פאַרפאַלן, ווי אין אַ תהום, און נאָר דערפאַר, וואָס צו דער ריכטיקער צייט האָבן געפעלט די

ריכטיקע אויסדרוקס־פאָרמען. עס ווערט געבוירן אַ געדאַנק, עס איז אויך פאַראַן אַ האַרציקער וואונטש צו פאַרקערפּערן אים אין ווערטער, אין פעסטע, קלאָרע ווערטער... — און קיין ווערטער זייַנען ניטאָ. זייט אויפמערקזאַמער צו אייערע געדאַנקען, העלפט זיי ביים געבוירן ווערן, זיי וועלן שטענדיק באַלוינען אייער אַרבעט. אין אַלצדינג און אומעטום ליגט באַהאַלטן אַ געדאַנק, — אַפילו אין די שפּאַלטן פון אַ שטיין קאָנט איר אים אַרויסלייענען, ווען איר וועט וועלן. ווען מענטשן זאָלן באמת וועלן, וועלן זיי אַלץ דער־גרייכן, ווען זיי זאָלן וועלן, וועלן זיי ווערן די הערשער פונם לעבן, און ניט די קנעכט, ווי איצט. זאָל זיך נאָר ווייזן אַ וואונטש צו לעבן, אַ שטאָלץ באַוואוסטזיין פון דעם מענטשנס קראַפט, און דאָס גאַנצע לעבן וועט זיין אַ קייט פון שיינע שטונדן, אָנגעפּיל־טע מיט די ערשיינונגען פון דער גייסטיקער קראַפט, גינגאָלד־שעמערירנדיקע פון איידעלע העלדנטאַטן — גרויסע שטונדן.

VIII.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

אַ למנצח צו די שטאַרקע אין גייסט, צו די מענער פעסטע לייט, צו די, וואָס טוען דינען צו אמת, יושר און שיינקייט! מיר קאָנען זיי ניט, ווייל זיי זיינען שטאָלץ און פאַרלאַנגען ניט קיין מתנות; מיר זעען ניט, מיט וואָס פאַר אַ שימחה זיי פאַרברענען זייערע הערצער. באַלויכטנדיק דאָס לעבן מיט אַ פלאַקערדיקן ליכט, מאַכן זיי אַפילו די בלינדע זעעדיק. אָ, ס׳איז נייטיק, אַז די בלינדע, וואָס זיינען פאַראַן אַזויפיל, זאָלן זעענדיק ווערן, אָ, ס׳איז נייטיק, אַז אַלע מענטשן זאָלן מיט עקל דערזען, ווי גראָב, ניט גערעכט און מיאוס ס׳איז זייער לעבן. אַ למנצח דעם מענטשן, דעם האַר פון זיינע וואונטשן! די גאַנצע וועלט איז אין זיין האַרצן, דער גאַנצער ווייטאָק פון דער וועלט, אַלע פיין פון די מענטשן זיינען אין זיין נשמה. דאָס שלעכטס און דאָס אומצוכט פונם לעבן, דאָס שקר און די אַכזריות—זיינען זיינע פיינט, אַלע שטונדן זייַנע פאַרשענקט ער פּזרנותדיק דעם קאַמף, און זיין לעבן איז פול מיט ווילדע פריידן, פון אַ גרויסאַרטיקן צאָרן, פון אַ שטאָלצער עקשנות... נאָר ניט שאַנעווען זיך — דאָס איז די שטאָלצסטע,

שענסטע חכמה אויף דער וועלט. אַ למנצח דעם מענטשן, וואָס ווייס ניט פון שאַנעווען זיך! צוויי לעבנס־פאָרמען זיינען פאַראַן: צעפוילט ווערן אָדער צעברענט ווערן. פחדנים און יצר־הָרעדיקע ווילן פאַר זיך אויס דאָס ערשטע, מענער פעסטע און פזרנים — די צווייטע. איטלאַכן, וואָס האָט ליב שיינקייט, איז קלאָר, וואו דאָס דערהויבענע געפינט זיך.

די שעהן פון אונזער קיום זיינען געוועזן פוסט און לאַנג־ווייליק; טאָ לאָמיר זיי פול מאַכן מיט שיינע העלדנטאַטן, ניט שאַנעוועדיק זיך. און דעמאָלט וועלן מיר דורכלעבן גרויסאַרטיקע שטונדן, וואָס וועלן פול זיין מיט פריילאַכן ציטער, מיט זודיקער גאווה. אַ למנצח דעם מענטשן, וואָס ווייס ניט, ווי מען שאַנע־וועט זיך!

קאָנאָוואַלאָוו.

ווען איך בין איינמאָל צעשטרייטערהייט דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער דער בלאַט־ציימונג, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן דער פאַמיליע קאָנאָוואַלאָוו און, פאַראינטערעסירט מיט איר, האָב איך איבערגעלייענט פאָלגנדיקס:

„נעכטן בייַנאַכט האָט זיך אין דער אַלגעמיינער קאַמער פון דער אָרטיקער טורמע אויפגעהאַנגען אויף דעם ווענטיליאַטאָר פון אויוון דער בירגער פון דער שטאָט מוראָם, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש קאָנאָוואַלאָוו, 40 יאָר אַלט. דער זעלבסטמערדער איז אַרעסטירט געוואָרן אין פסקאָוו פאַר וואַגאַבונדעריי און מע האָט אים געשיקט מיטן עטאַפ אַהיים. לויט דער מיינונג פון דער טורמע־מאַכט, איז ער שטענדיק געווען אַ שטילער, אַ שווייגער און אַ פאַרטראַכטער מענטש. לויט דער מיינונג פונם טורמע־דאָקטאָר, דאַרף מען אָננעמען, אַז די סיבה פון קאָנאָוואַלאָווס זעלבסטמאָרד איז געווען מעלאַנכאָליע“.

כ'האָב איבערגעלייענט די דאָזיקע קורצע נאָטיץ מיט די קליינע אותיות — ס'איז אַיינגעפירט, אַז ידיעות וועגן טויט פון קליינע מענטשעלעך דרוקט מען מיט קליינע אותיות, — האָב איך איבערגעלייענט די דאָזיקע נאָטיץ און האָב אַ טראַכט געטאָן ביי זיך, אַז איך וואָלט אפשר מערער געקענט אויפקלערן די סיבות, וואָס האָבן דעם דאָזיקן פאַרטראַכטן מענטשן געטריבן צו זעלבסטמאָרד, ווייל כ'האָב אים געקענט, כ'האָב אַפילו אַמאָל אַ לענגערע צייט געוואוינט מיט אים צוזאַמען. ס'קען גאָר זיין, אַז איך האָב קיין רעכט ניט צו פאַרשווייגן דאָס, ווייל קאָנאָוואַלאָוו איז געווען אַ וואונדערבאַרער מענטש, און אַזעלכע מענטשן וואַלגערן זיך ניט אויפן מיטן גאַס.

אַכצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל מיט אים געטראָפן. איך האָב דעמאָלט געהאַט געאַרבעט אין אַ ברויט־בעקעריי, אַלס בעקער־געזעלן. דער בעקער איז געווען אַ זעלנער פון דער „מוזיקאַלישער קאָמאַנדע", ער איז געווען אַ גרויסער שיכור, פלעגט קאַליע מאַכן דעם טייג און פלעגט ליב האָבן שיכורערהייט צו שפּילן מיט די ליפּן און אויסקלאַפּן מיט די פינגער אויף וואָס עס פלעגט זיך מאַכן פאַרשיידענע פיעסן. ווען דער באַלעבאָס פון דער בעקעריי פלעגט אים שטאַרק אויסריידן פאַר דעם קאַליע מאַכן דעם טייג אָדער פאַר דעם פאַרשפּעטיקן מיט דער סחורה צום פרימאָרגן, פלעגט ער זיך כעסן און פלעגט זידלען דעם באַלעבאָס, זידלען אָן רחמנות, און דערביי פלעגט ער שטענדיק אָנווייזן אויף זיין מוזיקאַלישן טאַלאַנט.

— דו האָסט איבערגעשלאָגן דעם טייג! — האָט ער געשריען און האָט אויסגעשפּרייט דערביי זיינע לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס און געשליאָפּעט מיט די דיקע ליפּן, וואָס זיינען צוליב־עפּעס געווען שטענדיק פייכט. — די אייבערשטע האַרטע איז פאַרברענט געוואָרן! דאָס ברויט איז רוי! — אַך דו, מיאוסע פאַרזעעניש, דער טייוול זאָל דיך כאַפּן! איך בין דען געבאָרן געוואָרן אויף אַזאַ אַרבעט? גיי צו אַלדי רוחות מיט דער אַרבעט צוזאַמען — איך בין אַ מוזיקער! פאַרשטאַנען? ס'פלעגט טרעפן, אַז דער אַלט פלעגט זיך אָנשיכורן — פלעג איך שפּילן פאַרן אַלט; דער טרומייטער איז אַרעסטירט — רייב איך אויפן טרומייט; דער קאָרנעט־אַ־פּיסטאָן איז קראַנק — ווער קען אים פאַרבייטן? סושקאָוו? איך! כ'בין גרייט צום באַפעל, אייער וואוילגעבוירנהייט. טים־טאַר־ראַם־דאַ־דדי! און דו — ביסט אַ פויער, אַ „קאַצאַפּ"! באַצאָל מיר און לאָז מיך גיין!

און דער באַלעבאָס, אַ דיקער און אויפגעבלאָזענער מענטש, מיט קרומע אייגעלעך, וואָס זיינען געווען פאַרגאָסן מיט שמאַלץ, און מיט אַ פרויענהאַפטיק געזיכט, האָט געוויגט זיין גרויסן בויך, האָט געטופּעט מיט זיינע קורצע דיקע פיס און האָט געיעלהט אויף אַ קוויטשיקן קול:

— רוצח! רויבער! קריסטוסעס פאַררעטער! גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך געשטראָפט מיט אַזאַ מענטשן! אויסגעשפּרייט די קור־

צע פינגער, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האָט פלוצלונג אויסגעשריען הויך, מיט אַ שטימע, וואָס האָט געשניטן איבער די אויערן: — און ווי איז, אַז איך וועל דיך פאַר דיין בונט איבערגעבן דער פאָליציי?

— דעם דינער פון קייסער — דער פאָליציי? — האָט דער זעלנער געררעוועט און האָט זיך שוין געריסן מיט די פויסטן צום באַלעבאָס. יענער איז אָפּגעטראָטן, זיך אָפּגעשפּייט, האָט אויפגערעגט געסאָפּעט און זיך געזידלט. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געקענט טאָן — דען עס איז געווען זומער, און אין דער דאָזיקער צייט איז זייער שווער געווען צו קריגן אַ גוטן בעקער אין די שטעט ביי דער וואָלגע.

אַזעלכע סצענעס פלעגן זיך אָפּשפּילן כמעט יעדן טאָג. דער סאָלדאַט האָט געשיכורט, האָט איבערגעפירט דעם טייג און האָט געשפּילט פאַרשיידענע מאַרשן און וואַלסן, אָדער „נומערן", ווי ער האָט עס אָנגערופן; דער באַלעבאָס פלעגט קריצן מיט די ציינער און איך פלעג צוליב דעם דאַרפן אַרבעטן פאַר צווייען.

און דעריבער בין איך געווען העכסט צופרידן, ווען צווישן דעם באַלעבאָס און דעם סאָלדאַט האָט זיך איינמאָל אָפּגעשפּילט אַזאַ מין סצענע:

— נו, סאָלדאַט, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, ווען ער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין דער בעקעריי מיט אַ צופרידענעם און שיינענדיקן געזיכט און מיט אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַ גיפטיקן שמייכל, — נו, סאָלדאַט, עפן אויף די ליפּן און שפּיל אויס אַן אָפּשיידס-מאַרש!

— וואָס נאָך?! — האָט דער סאָלדאַט, ליגנדיק אויף דעם קאַסטן מיט טייג און זייענדיק, ווי געוויינלעך, האַלב שיכור, געזאָגט מיט צאָרן.

— קלייב זיך אין וועג אַריין, קאַפּראַל! — האָט דער באַלעבאָס טריומפירט.

— וואוהין? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט, האָט אַראָפּגעלאָזן די פיס פון קאַסטן און האָט דערשפּירט עפּעס ניט קיין גוטע נייס.

— וואוהין דו ווילסט...

— ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין? — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריען מיט כּעס.

— אָט אַזוי טאַקע זאָלסטו דאָס פאַרשטיין, אַז איך וועל דיך מער ניט האַלטן. גיי אַרויף אין דער הויך, נעם אָפּ, וואָס דיר קומט, און מאַרש! — וואוהין דו ווילסט.

דער סאָלדאַט איז געווינט געווען צו שפּירן זיין תּקיפות און די אָנמעכטיקייט פון דעם באַלעבאָס אַנטקעגן אים, און דעריבער האָט אים דעם לעצטנס מעלדונג אַ ביסל אויסגעניכטערט: ער האָט באַגריפן, ווי שווער ס'וועט זיין אַזאַ שוואַכן בעל־מלאכה, ווי ער איז, צו געפינען אַ שטעלע.

— נו, דאָס לייגסטו שוין!... — האָט ער געזאָגט מיט שרעק און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— נו, גיי, גיי.

— גיין?

— טראָג זיך.

— זיך שוין גענוג אָנגעאַרבעט, הייסט עס... — האָט דער סאָלדאַט מיט ביטערניש אַ שאָקל געטאָן מיטן פּוס. — האָסט פון מיר אויסגעצאַפּט דאָס בלוט, אויסגעצאַפּט און מיך אַרויסגעוואָרפן. געשייט! אַך דו... שפּין!

— ווער, איך בין אַ שפּין? — האָט זיך דער באַלעבאָס צעקאָכט.

— דו! דו ביסט אַ בלוטדאָרשטיקער שפּין — אָט ווי! — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט מיט איבערצייגונג און איז מיט וואַקלענדיקע טריט אַוועק צום טיר.

דער באַלעבאָס האָט אים גיפטיק נאָכגעלאַכט און זיינע אייגעלעך האָבן געלויכטן פון פרייד.

— אָט איצט פּרוּוו זיך, אַדרבא, און יקום ערגעץ אָן אויף אַ שטעלע! נ־יאָ. איך האָב דיך שוין, ברודער, אַזוי באַצירט, אַז ווען דו זאָלסט זיך אַפילו בעטן, מע זאָל דיך נעמען אומזיסט — וועט מען דיך אויך ניט נעמען! אין ערגעץ ניט נעמען... איך האָב דיר שוין איינמאָל געטאָן אַ טובה, דו מיאוסער באַשיבוזוק!

— איר האָט שוין געפונען אַ נייעם בעקער? — האָב איך געפרעגט.

— אַ נייעם? דער נייער — איז אַן אַלטער. ער איז געווען מיינער אַ געזעלן. אַך, וואָס פאַר אַ בעקער! גאָלדענע הענט! אָבער אַ שיכור, אַ־אַך, וואָס פאַר אַ שיכור! ער ליידט אויף טרינקזוכט... אָט וועט ער קומען, וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט און וועט אַזוי אָפּאַרבעטן אַ דריי־פיר חדשים, אַזוי ווי אַ בער! ער ווייס ניט, וואָס הייסט שלאָפן, וואָס הייסט רוען — וויפל דו זאָלסט אים ניט צאָלן, איז ער אַליץ ווערט מערער. ער אַרבעט און זינגט! אַזוי, ברודער־לעבן, זינגט ער, אַז מע קען אַזש ניט הערן — ס'ווערט שווער אויפן האַרצן. ער זינגט און זינגט, דערנאָך נעמט ער זיך צוריק צום טרינקען!

דער באַלעבאָס האָט אָפּגעזיפצט און האָט האָפענונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— און אַז ער הייבט אָן טרינקען — איז שוין ניטאָ פאַר אים קיין אָפּהאַלט. ער טרינקט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט קראַנק, ביז ער פאַרטרינקט דעם לעצטן פאָדעם אויפן לייב... דעמאָלט פאַרשעמט ער זיך, צי וואָס, און ווערט ערגעץ נעלם, ווי אַ שד פאַר ווייריך. און אָט איז ער טאַקע... שוין געקומען מיט אַלעמען, ליאָסאַ?

— מיט אַלעמען, — האָט פון שוועל אָפּגעענטפערט אַ טיפער ברוסטיקער קול.

צוגעטוליעט מיט דער פלייצע צו דעם אושאַק פון טיר, איז דאָרטן געשטאַנען אַ הויכער, ברייטפלייציקער מאַנסביל פון אַ יאָר דרייסיק. לויט זיין אָנצוג, איז דאָס געווען אַ טיפּישער וואַגאַבונד, לויט דער פיגור און לויטן געזיכט — אַן אמתער סלאַוו. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער קומאַטשענער העמד, וואָס איז געווען שרעקלעך שמוציק און צעריסן, אין ברייטע לייוונטענע פלודערן, און אויף די פיס — אויף איין פוס אַ רעשטל פון אַ הויכן קאַלאָש, און אויף דעם צווייטן — אַ פאַנטאָפל. זיינע העל־בלאָנדע האָר אויפן קאָפּ זיינען געווען צעקאָלטנט, און אין זיי

האָבן געשטעקט שפענדלעך, שטרויעלעך, עפעס פאַפירלעך אַזעלכע; דאָס אַלץ איז געווען אויך אין זיין פרעכטיקער בלאָנדער באָרד, וואָס האָט פאַרדעקט זיין ברוסט, אַזוי ווי מיט אַ פאָכער. דאָס לענגלעכע, בלאַסע און אויסגעמאַטערטע געזיכט איז געווען באַלויכטן מיט בלויע אויגן, גרויסע, פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ ליבן שמייכל. אויך ליפן האָט ער געהאַט שיינע, נאָר אַ ביסל בלאַסלעכע, זיי האָבן אויך געשמייכלט אונטער די בלאָנדע וואָנצעס. דער שמייכל איז געווען אַזאַ, גלייך ער וואָלט מיט אים געוואָלט זאָגן:

— אָט אַזוי בין איך... נעמט נישט פאַר אומגוט...

— קום אַהער, סאַשקעלע, אָט האָסטו אַ געהילף, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, האָט גערייבן דערביי די הענט און האָט מיט ליבשאַפט באַטראַכט די מעכטיקע פיגור פון דעם נייעם בעקער. יענער האָט שטום אַ טראָט געטאָן פאָראויס, האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט אַ גיגאַנטישער דלאָניע; מיר האָבן זיך באַגריסט; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, האָט אויסגעצויגן פאָראויס די פיס, האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי און האָט געזאָגט צום באַלעבאָס:

— ניקאָלאַי ניקיטיטש, דו קויף מיר צוויי פאָר העמדער און שטעקשיך... דערצו לייוונט אויף אַ קאַפטור.

— האָב קיין צער ניט, ס'וועט אַלץ זיין! קאַפטורס האָב איך; העמדער און הויזן וועלן זיין אינאָוונט. און דערווייל, ביז וואַנען וואָס, — אַרבעט; איך ווייס, ווער דו ביסט. כ'וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן!... קאָנאָוואַלאָוו וועט קיינער קיין שלעכטס ניט טאָן, ווייל קאָנאָוואַלאָוו טוט אויך קיינעם קיין שלעכטס ניט. אַ באַלעבאָס איז דען אַ חיה? כ'האָב אַליין אויך געאַרבעט, ווייס איך, ווי אַזוי אַ רעטעך קוועטשט אַרויס טרערן... נו, בלייבט אַייך דאָ, קינדערלעך, און איך גיי אַוועק...

מיר זיינען געבליבן אַליין.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסן אויף אַ באַנק און האָט שטום און מיט אַ שמייכל אַלץ אַרום באַטראַכט. די בעקעריי האָט זיך גע-

פונען אין אַ קעלער מיט אַ געוועלבטער סטעליע און אירע דריי פענסטער זיינען געווען נידעריקער פאַר דער אייבערפלאַך פון דער ערד. ליכט איז געווען ווינציק, ס׳איז געווען ווייניק לופט, אָבער דערפאַר איז געווען אַ סך פייכטקייט, בלאָטע און מעל־שטויב. לעבן די ווענט זיינען געשטאַנען לאַנגע קאַסטנס: איינער מיט טייג, דער צווייטער — נאָך ערשט מיט דער ראָשטשינע, דער דריטער אַ פוסטער. אויף יעדן קאַסטן האָט זיך פון פענסטער אַפּער געלייגט אַ טונקעלער פאַס ליכט. דער ריזיקער אויוון האָט כמעט פאַרנומען אַ דריטחלק פון דער בעקעריי; לעבן אים זיינען אויף דער שמו־ציקער דיל געלעגן זעק מיט מעל. אין אויוון האָבן הייס געברענט לאַנגע שייטן האָלץ, און זייער פלאַם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער גרויער וואַנט פון דער בעקעריי, האָט זיך געוואַקלט און געציטערט, גלייך ער וואָלט שטומערהייט עפּעס דערציילט. דער ריח פון דעם זויערן טייג און פון דער פייכטקייט האָט אָנ־געפילט די פוילע לופט.

די געוועלבטע, פאַררויכערטע סטעליע האָט געדריקט מיט איר שווערקייט, און פון דער פאַראייניקונג פון דעם טאָג־ליכט מיטן פייער אין אויוון האָט זיך באַקומען עפּעס אַן אומבאַשטימטע באַ־לייכטונג, וואָס האָט מיד געמאַכט די אויגן. אין די פענסטער האָט זיך פון גאַס־אַרויס געגאָסן אַ טויבער גערויש און ס׳איז געפלויגן אַ שטויב. קאָנאָוואַלאָוו האָט דאָס אַלץ באַקוקט, האָט אָפּגעזיפצט און, אויסגעדרייט זיך צו מיר אין אַ האַלב־קרייז, האָט ער מיט אַן אומעטיקן קול געפרעגט:

— שוין לאַנג, ווי דו אַרבעטסט דאָ?

איך האָב געזאָגט. אַ ווײַלע האָבן מיר געשוויגן און האָבן איינע די אַנדערע באַטראַכט מיט אָנגעכמורעטע בליקן.

— אַן אמתע טורמע! — האָט ער אַרויסגעזיפצט. — קום, דו ווילסט אַרויסגיין אויפן גאַס, זיצן אַ ווײַלע לעבן טויער?...

מיר זיינען אַרויס צום טויער און האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק.

— דאָ קען מען כאָטש עטעמען. איך קען זיך צו דער ראָזי־קער קעלער־לאָך ניט צוגעוויינען... כ׳קען ניט. זאָג אַליין, געקו־

מען בין איך פון ים.... כ׳האָב געאַרבעט אין קאַספּיע, אויף די פישערייען... און פלוצלונג פון אַזאַ רחבות מיט איינמאָל — טראַך אין אַ גרוב אַריין!

ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך שאַרף אַיינגעקוקט אין די פּאַר־בייגייער און פאַרבייפאָרער. אין זיינע בלויע, ליכטיקע אויגן האָט געפינקלט אַ סך טרויער וועגן עפּעס... ס׳איז געוואָרן אָוונט; אויפן גאַס איז געווען דושנע, טומלדיק, שטויביק, פון די הייזער האָבן זיך אויפן וועג געלייגט שאָטנס. קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן וואַנט, האָט די הענט צונויפגעלייגט אויף האַרצן און האָט מיט די פינגער געצופּט די ווידענע האָר פון זיין באָרד. איך האָב געקוקט פון דער זייט אויף זיין אָוואַל, בלאַס געזיכט און האָב זיך געטראַכט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? אָבער איך האָב ניט געוואַגט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, ערשטנס, דערפאַר, ווייל ער איז געווען מיין שעף, און חוצדעם, אויך דער־פאַר, ווייל ער האָט מיר אַריינגעגעבן עפּעס 'אַ מאָדנעם געפיל פון רעספּעקט צו אים.

דער שטערן איז בײַ אים געווען איבערגעשניטן מיט דריי דינע קנייטשן, נאָר צייטנווייז פלעגן זיי זיך אויסגלייכן און פאַר־שווינדן, און מיר פלעגט זיך זייער וועלן וויסן, וועגן וואָס טראַכט דער דאָזיקער מענטש...

— נו, לאָמיר גיין! ס׳איז שוין צייט צו פאַראָשטשינען דעם דריטן געבעק; דו פאַרקנעט דעם צווייטן און איך וועל דערווײַלע אַוועקשטעלן, און דערנאָך וועלן מיר נעמען רייבן די לאַבנס.

ווען מיר האָבן פונאַנדערגעוואוגן און פונאַנדערגעלייגט איין באַרג מיט טייג אין די שיסלען, האָבן פאַרקנעטן אַ צווייטן און האָבן געשטעלט זייערן אַ דריטן — האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט טרינקען טיי און אין דערזעלבער צייט האָט קאָנאָוואַלאָוו אַריינגערוקט די האַנט ערגעץ אין בוזים און האָט מיך געפרעגט:

— לייענען קענסטו? איז אָט נאַ, לייען, — און האָט מיר דערלאַנגט אַ צעקנייטשט און פאַרשמוצט בייגעלע פּאַפּיר.

„טייערער סאַשקע, — האָב איך געליענט. — איך גערים דיר און קוש דיר אונטער די אויגן. מיר איז שלעכט און מיר לעבט זיך זייער אומעטיק. איך קוק אַרויס מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען איך וועל קענען אַוועקפאָרן מיט דיר אָדער זיין צוזאַמען מיט דיר. דאָס דאָזיקע פאַרשאָלטענע לעבן האָט מיר שוין אַזוי דערעסן, אַז איך קען עס מער ניט איבערטראָגן, כאָטש פון אָנפאַנג איז עס מיר געפעלן געוואָרן. דו ווייסט עס אַליין זייער גוט, כ'האָב זיך אויך גענומען דערמאָנען, ווי איך האָב זיך מיט דיר באַקאַנט. זע, ענטפער מיר וואָס גיכער; כ'וויל זייער און זייער באַקומען פון דיר אַ בריוועלע און דערוויילע — ניט אַדיע, נאָר צום ווידערזען, מיין ליבער באַבערדיקטער פריינט פון מיין נשמה. אויפוואַרפן וועל איך דיר קיין זאַך ניט, כאָטש איך בין אויף דיר ברוגז, פאַרוואָס דו ביסט אַ חזיר — דו ביסט אַוועקגעפאָרן און האָסט אַפילו פאַרגעסן דעם זיי־געזונט. אָבער פאָרט האָב איך פון דיר קיין אַנדער זאַך, אויסער גוטס, ניט געזען: דו ביסט איינער און דער ערשטער אַזאַ, און איך וועל דיך ניט פאַרגעסן. צי קען מען ניט מאַכן, סאַשע, מע זאָל מיך אויסשליסן פונדאַנען? די מיידלעך האָבן דיר געוויס דערציילט, אַז איך וועל פון דיר אַנטלויפן, ווי נאָר איך וועל אַרויסגיין פונדאַנען; אָבער דאָס איז נאַרישקייטן און גאָלע ליגן. ווען דו וואָלסט נאָר רחמנות געהאַט אויף מיר, וואָלט איך נאָכן באַפרייען זיך געווען דיר געטריי, אַזוי ווי אַ הונט. דו קענסט עס דאָך לייכט מאַכן, און מיר איז דאָ זייער שווער. ווען דו ביסט געווען ביי מיר, האָב איך געוויינט, וואָס איך בין געצוואונגען אַזוי צו לעבן, כאָטש איך יהאָב דאָס דיר ניט דערציילט. צום ווידערזען. דיין קאַפּיטאָלינע".

קאָנאָוואַלאָוו האָט גענומען ביי מיר דעם בריוו און האָט אים פאַרטראַכטערהייט גענומען דרייען מיט די פינגער פון איין האַנט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געגלעט די באָרד.

— שרייבן קענסטו אויך?

— כ'קען...

— און טינט האָסטו?

— כ'האָב.

— איז שרייב איר אָן, איך בעט דיך, אַ בריוו, אַ? זי האַלט מיך, קענטיק, ׳פֿאַר אַ מיאוסן מענטשן, זי טראַכט זיך געוויס, אַז איך האָב זי פֿאַרגעסן... שרייב אָן!

— אָך, פֿאַרוואָס ניט. כאָטש שוין... ווער איז זי אַזוינע?...

— אַ גאַסנפֿרוי... דו זעסט דאָך שוין, משמעות, אַליין — זי שרייבט, מע זאָל זי אויסשליסן. דאָס הייסט, אַז ווען איך זאָל געבן דער פּאָליציי אַ וואָרט, אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן, וועט מען איר אומקערן דעם פּאַס און צונעמען בײַ איר דעם ביכל, און זי וועט דעמאָלט זײַן אַ פֿרײַע! באַנומען!

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז געווען פֿאַרטיק אַ רירנדיק בריוו צו איר.

— אַנו, לייען אָקאָרשט, ווי אַזוי איז דאָס בײַ דיר אַרויס? — האָט קאָנאָוואַלאָוו געפֿרעגט מיט אומגעדולד.

— ס׳איז אַרויס אָט אַזוי:

„קאָפּאַ! מיין ניט, אַז איך בין אַ מיאוסער מענטש און האָב דיך שוין פֿאַרגעסן. ניין, כ׳האָב דיך ניט פֿאַרגעסן, נאָר כ׳האָב פּשוט גענומען שיכּורן און האָב אַלץ פֿאַרשיכּורט. איצט בין איך ווידער אָנגעקומען אויף אַ שטעלע און מאָרגן וועל איך נעמען בײַם באַלעבאָס געלט פֿאָראויס, וועל אַרויסשיקן צו פּיליפּן, און ער וועט דיך שוין אויסשליסן. געלט אויף דער נסיעה וועט דיר קלעקן און דערוויילע — צום ווידערזען. דײַן אַלעקסאַנדער“.

— הם... — האָט קאָנאָוואַלאָוו געזאָגט און זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ, — דײַן שרייבן געפֿעלט מיר ניט איבעריקס. קיין רחמנות איז בײַ דיר ניטאָ אין דעם בריוו, ניטאָ קיין טרערן. און ווידער — כ׳האָב דאָך דיך געבעטן, זאָלסט מיך זידלען מיט פֿאַרשיידענע ווערטער, און דו האָסט עס ניט געשריבן...

— אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס?

— כּדי זי זאָל זען, אַז איך האָב בושה פֿאַר איר און אַז איך פֿאַרשטיי, ווי איך בין שולדיק אַנטקעגן איר. אָבער אַזוי — וואָס? גלײַך דו וואָלסט אָנגעשאָטן אַרבעס — אָנגעשריבן! וואָלסט באַדאַרפֿט צוגעבן אַ טרער!

מען האָט געמוזט צוגעבן אַ טרער אין דעם בריוו, און איך האָב דאָס געראָטן אויסגעפירט. קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך באַפרידיקט און, אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּלייצע, האָט ער מיט באַגייסטערונג אַרויסגעזאָגט:

— איצט איז וואויל! אַדאַנק דיר! ביסט, קענטיק, אַ וואוילער בחור... מיר וועלן זיך, משמעות, איינלעבן.

איך האָב אין דעם ניט געצווייפלט, און האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר דערציילן וועגן קאַפּיטאָלינען.

— קאַפּיטאָלינע? זי איז דאָך נאָך אַ מיידעלע... נאָך גאָר אַ קינד. זי איז געווען אַ סוחרס אַ טאָכטער פון וויאַטקע... נו, איז האָט זי זיך אויסגעגליטשט. האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דעם אַלץ מער און מער, ביז זי איז אָנגעקומען אין אַזאַ הויז... דו פאַרשטייסט דאָך, שוין? קום איך צו גיין — איך גיב אַ קוק, נאָך גאָר אַ קינד. נו, האָב איך זיך מיט איר באַקאַנט. וויינט זי. זאָג איך איר: נישקשה, וועסט איבערליידן אַ ביסל. איך וועל דיך אַרויסנעמען פונדאַנען — דו וועסט זען! ביי מיר איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק, דאָס הייסט געלט און אַלץ... און פּלוצלונג האָב איך גענומען שיכורן און איך גיב אַ קוק, איך בין אין אַסטראַכאַן. דערנאָך בין איך אַהער אַריינגעפאַלן. איינער אַ מענטש האָט מיר וועגן איר געגעבן צו וויסן, און זי האָט מיר אָנגעשריבן אַ בריוו קיין אַסטראַכאַן...

— איז וואָס־זשע, — פרעג איך אים, — ווילסטו טאַקע מיט איר חתונה האָבן?

— ווי קום איך צו חתונה האָבן! וואָס פאַר אַ חתן בין איך, אַז איך בין אַ שיכור? כ'האָב עס אַזוי זיך. כ'וועל זי אַרויסנעמען — און דערנאָך גיי זיך דיר, וואוהין דו ווילסט. זי וועט זיך אויסגעפינען אַ שטעלע... וועט אפשר ווערן אַ מענטש.

— אָבער זי וויל דאָך לעבן מיט דיר צוזאַמען.

— אָט מאַלע וואָס זי רעדט. דאָס מאַכט זי זיך גלאַט נאַריש... זיי זיינען אַלע אַזוי... די ווייבער... איך קען זיי שוין צו־גוט. כ'האָב געהאַט פאַרשיידענע. איינע אַפילו אַ סוחרס אַ ווייב... אַ

רייכע! כ'בין געווען אַ פערד־קנעכט אין אַ צירק, האָט זי אויף מיר געוואָרפן אַן אויג. קום — זאָגט זי — אָן צו מיר פאַר אַ קוטשער. דער צירק האָט מיר שוין דעמאָלט געהאַט דערעסן, האָב איך אײַנגעשטימט און בין אַוועק. נו איז אָט... האָט זי זיך גענומען לאַשטשען צו מיר. זיי האָבן געהאַט אַ הויז, מיט פערד, מיט דינער — ווי פריצים. אַ מאַן האָט זי געהאַט אַ קליינטשקן און אַ דיקן, אָט ווי אונזער באַלעבאָס, אַ שטייגער, און אַליין איז זי געווען דאַר אַזוי און בייגעוודיק, ווי אַ קאַץ, און אַ הייסע. אַז זי פלעגט אַמאָל אַרומנעמען און מיר אַ קוש טאָן אין די ליפן — פלעג איך שפירן, ווי זי וואָלט מיר הייסע ברענענדיקע קוילן אַרײַנגעשאָטן אין האַרץ אַרײַן. כ'פלעג אינגאַנצן נעמען ציטערן, מיר פלעגט אַזש ווערן שרעקלעך. ס'פלעגט טרעפן, אַז זי פלעגט מיך קושן און זיך גיסן דערביי ווי אַ ביבער; אירע אַקסלען פלעגן זיך אַזש טרייסלען, אַזוי ווי אין פיבער. פרעג איך זי: וואָס איז מיט דיר, ווערושע! און זי: ביסט דאָך נאָך גאָר אַ קינד, סאַשאַ; פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט. געווען אַ וואוילע... און דאָס האָט זי געזאָגט ריכטיק, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט — כ'בין אַ גרויסער לעקיש, כ'ווייס דאָס אַליין: וואָס איך טו — פאַרשטיי איך ניט. ווי אַזוי איך לעב — טראַכט איך ניט!

אויף אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און האָט מיך אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן; אין זיי האָט געלויכטן — אי אַזוי ווי שרעק, אי אַזוי ווי עפעס אומרויִק־ערנסטס, פון וואָס זיין שיין געזיכט איז געוואָרן נאָך טרויעריקער און — נאָך שענער...

— נו, און ווי האָסטו געענדיקט מיט דעם סוחרס פרוי? — האָב איך געפרעגט.

— פאַרשטייסטו מיך, אַ מרה־שחורה באַפאַלט מיך צייטנווייז, אָבער אַזאַ מין מרה־שחורה, ברודער לעבן, אַז איך קען דעמאָלט גאָרניט לעבן. גלייך איך וואָלט געווען איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט און אויסער מיר, איז קיין איין לעבעדיקער מענטש אין ערגעץ ניטאָ. און אַלץ ווערט מיר דעמאָלט נימאס. בפועל־ממש אַלץ; און איך אַליין ווער זיך דעמאָלט אויך איבעריק, און אַלע מענטשן ווערן מיר נימאס; ווען אַלע ביז איינעם וואָלטן

דעמאָלט אויסגעשטאָרבן — וואָלט איך זיך אַפּילו קיין קרים ניט געטאָן. ס'איז בײַ מיר, ווײַזט אויס, אַ קראַנקהייט אַזאַ. אָט פון איר האָב איך דאָס אָנגעהויבן צו טרינקען... פריער האָב איך ניט געטרונקען. איז אָט, ווען אויף מיר איז אָנגעפאַלן די מרה-שחורה, האָב איך צו איר, צו דעם סוחרס פרוי, הייסט עס, גע-זאָגט: וועראַ מיכאַילאָווגאַ! לאָז מיך אָפּ, מער קען איך ניט! וואָס, — זאָגט זי, — איך בין דיר נימאס געוואָרן? און לאַכט, אָבער אַזוי ניט שיין לאַכט זי. ניין, זאָג איך, ניט דו ביסט מיר נימאס געוואָרן, איך אַליין בין זיך געוואָרן איבעריק. האָט זי תחילת מיך ניט פאַרשטאַנען, האָט אַפּילו גענומען שרייען און זיך זיד-לען... דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען. האָט זי יאַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זאָגט: נו, מילא, וואָס קען מען טאָן, גיי זיך דיר!... און האָט זיך צעוויינט. אויגן האָט זי געהאַט שוואַרצע און אַליין איז זי געווען אַ ברונעטין. די האָר זײַנען בײַ איר אויך געווען שוואַרצע און געלאָקטע. זי האָט געשטאַמט ניט פון סוחרים, נאָר פון באַאַמטע... נ־יאָ... איז מיר געוואָרן אויף איר אַ רחמנות, און איך אַליין בין זיך דעמאָלט געוואָרן דערווידער. צו וואָס האָב איך זיך אונטערגעגעבן אַ פּרויענצימער? — ווייס איך אַליין ניט... איר איז, נאַטירלעך, געווען לאַנגווײַליק מיט איר מאַן. ער האָט אינ-גאַנצן אויסגעזען, ווי אַ זאַק מעל... האָט זי לאַנג געוויינט — זי איז צוגעוווינט געוואָרן צו מיר... איך פלעג זי זייער שטאַרק צערט-לען: ס'פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג זי נעמען אויף די הענט און פאַרוויגן. זי שלאָפט, און איך זיץ און קוק אויף איר. אין שלאָף איז דער מענטש זייער שיין, ער איז אַזוי פשוט; ער עטעמט און שמייכלט, און מער גאָר. אָדער ס'פלעגט טרעפן — ווען זיי האָבן געוואוינט אויף דאַטשע — פלעג איך מיט איר פאָרן שפּאַ-צירן, — זי האָט ליב געהאַט צו פאָרן מיט דער גאַנצער שנעלקייט! מיר קומען צו פאָרן, בינדן צו ערגעץ אָן אַ זײַט אין וואַלד דאָס פערד, און אַליין זעצן מיר זיך אַוועק אין דעם קילן שאָטן אויפן גראָז. זי הייסט זיך מיר לייגן, לייגט אַוועק מײַן קאָפּ צו זיך אויף די קני און לייענט מיר עפּעס אַ ביכל. הער איך און הער, ביז איך שלאָף אײַן. פײַנע געשיכטעס פלעגט זי מיר לייענען, זייער פײַנע. כ'וועל

קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן איין געשיכטע — וועגן שטומען געראַסים און זיין באַליבטן הונט. ער, דער שטומער, הייסט עס, איז געווען אַ פֿאַריאָגטע באַשעפֿעניש, און האָט קיינעם, אויסער דעם הונט, ניט ליב געהאַט. אַז מע פֿלעגט לאַכן פֿון אים און נאָך אַזעלכע זאַכן, פֿלעגט ער גלייך גיין צום הונט... ס'איז אַ טרויעריקע געשיכטע... יאָ! און די געשיכטע האָט פּאַסירט אין דער צייט פֿון לייבאייגנטום... זאָגט אים די פּריצטע: גיי דערטרינק דיין הונט, וואָרעם ער וואָיעט — נו, איז דער שטומער אַוועק... האָט גענומען אַ שיפֿל, האָט אַריינגעזעצט אין אים דעם הונט און איז אַוועקגעפֿאָרן... אַז זי פֿלעגט צוקומען צו דעם אָרט, פֿלעגט מיך אַזש נעמען שווידערן. גאָט! מען נעמט אַ לעבעדיקן מענטשן און מע ברענגט אום זיין איינציקע פֿרייד! וואָס־זשע זיינען דאָס פֿאַר אַ אָרדענונגען? אַך... אַ וואונדערלעכע געשיכטע! און ס'איז ריכטיק אויך — אָט־וואָס דער עיקר איז! ס'זיינען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט ביי זיי אין איין זאַך — אין אַ הונט, לאָמיר זאָגן. פֿאַרוואָס עפּעס אין אַ הונט? ווייל ס'איז קיינער ניטאָ, ווער ס'זאָל ליב האָבן דעם דאָזיקן מענטשן, און דער הונט האָט אים ליב. אָן ליבע, אַ וועלכע זי זאָל ניט זיין, קען דער מענטש ניט לעבן: — אויף דעם איז דאָך ביי אים פֿאַראַן אַ נשמה, אַז ער זאָל קענען ליבן... אַ סך געשיכטעס האָט זי מיר געלייענט. געווען אַ וואוילע פֿרוי, און ביז היינטיקן טאָג טוט זי מיר באַנג... ווען ניט מיין מזל — וואָלט איך ניט אַוועק פֿון איר, ביז וואַנען זי וואָלט עס אַליין ניט פֿאַרלאַנגט אָדער, ביז וואַנען דער מאַן וואָלט זיך ניט דערוואוסט וועגן אונזערע געשעפֿטן. זי איז געווען זייער אַ גוטע — דאָס איז ערשטנס; דאָס הייסט, ניט דערמיט איז זי געווען אַ גוטע, וואָס זי האָט מיר אָנגעשענקט מתנות, נאָר אַזוי... זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ... זי קושט זיך מיט מיר און נאָך אַזעלכע זאַכן — אַ פֿרוי בלייבט אַ פֿרוי... אָבער אָט פֿלעגט אויף איר אַמאָל אַרויף אַזאַ מין שטילע שטימונג... פֿלעגט זי דאַמאָלסט ווערן אַזוי גוט, ממש אָן אַ גאַל. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז זי פֿלעגט מיר אַריינקוקן גלייך אין דער נשמה אַריין און דערציילן, אָט פּונקט ווי אַ ניאַניע אָדער אַ מאַמע. דאָך בין

איך אַוועק פון איר — צוליב דער מרה־שחורה! ס'ציט מיך ער־געץ... זיי געזונט, זאָג איך, ווערא מיכאַילאָווגאַ, זיי מיר מוחל. גיי געזונט, זאָגט זי, סאַשע און — אָט סאַראַ מאָדנע זי איז געווען! — האָט מיר אָפּגעדעקט די האַנט ביז דעם עלנבויגן און האָט מיר גע־געבן אַ ביס מיט די ציינער טיף אין די פלייש אַריין. כ'האָב זיך שיר ניט צערעוועט! אַ גאַנצע שטיק פלייש האָט זי ביי מיר כמעט אַרויסגעריסן... הדיי וואָכן צייט האָט מיר וויי געטאָן די האַנט... אָט איז נאָך אַפילו איצט אויך קענטיק דער סימן...

ער האָט אַנטבלויזט די גיגאַנטישע מוסקולדיקע ווייסע און שיינע האַנט, האָט עס מיר באַוויזן און האָט דערביי גוטמוטיק גע־שמייכלט מיט אַ אומעטיקן שמייכל. אויף דער הויט פון האַנט, לעבן דעם אויסבויג פון דעם אָרעם, האָט זיך קלאָר געזען אַ שראַם — צוויי האַלבקרייזן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען מיט זייערע עקן. ער האָט געקוקט אויף זיי און האָט שמייכלענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ ווילדע פרוי! — האָט ער איבערגעחזרט; — דאָס האָט זי מיר געלאָזן אַן אָנדענקונג.

איך האָב פריער אויך געהערט אַזעלכע געשיכטעס. ביי יע־דער וואַגאַבונד איז פאַרהאַן אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ סוחרס אַ ווייב, אָדער אַ „דאַמע, וואָס שטאַמט פון דעם אַדל", און כמעט ביי יעדער וואַגאַבונד ווערט דעם סוחרס ווייב און די דאַמע — פון די אָן אַ שיעור גילגולים און די מעשיות וועגן איר — פאַרוואַנדלט אין אַ העכסט פאַנטאַסטישע פיגור, וואָס פאַראייניקט שטענדיק אין זיך די סאַמע היפּכדיקע פיזישע און פסיכישע שטריכן. אויב זי האָט היינט בלויע אויגן, איז אַ שלעכטע און אַ פריילעכע, מעגט איר זיכער זיין, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט איר הערן, אַז זי האָט שוואַרצע אויגן, איז אַ גוטע און איז לייכט אויף טרערן. און געוויינלעך, דערציילט וועגן איר דער וואַגאַבונד מיט אַ סקעפּטישן טאָן, מיט אַ סך אַזעלכע פּרטים, וואָס דערנידעריקן זי.

אָבער אין דער געשיכטע, וואָס קאָנאָוואַלאָוו האָט דערציילט, איז געווען עפּעס אמתדיקס. אין איר זיינען געווען שטריכן, וואָס זיינען מיר געווען אומבאַקאַנט — דאָס לייענען ביכלעך, דער עפּי־

טעט פֿון אַ קינד אין דער אָנווענדונג צו קאָנאָוואַלאָווס מעכטיקער פֿיגור.

איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ביגעוודיקע פֿרוי, וואָס שלאָפֿט ביי אים אויף די הענט און טוליעט זיך מיט דעם קאָפּ צו זיין ברייטער ברוסט. — דאָס איז געווען שיין און האָט מיך נאָך מער איבערצייגט אין דעם אמת פֿון זיין דערציילונג. צולעצט, זיין טרויעריקער און ווייכער טאָן, ווען ער פֿלעגט דערמאָנען די „סוחרטע“ — איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. אַן אמתער וואַגאַבונד וועט קיינמאָל ניט ריידן מיט אַזאַ טאָן — ניט וועגן פֿרויען, ניט וועגן עפּעס אַנדערש — ער האָט ליב צו דערווייזן, אַז פֿאַר אים עקסיסטירט קיין איין זאַך ניט, וואָס ער זאָל ניט וואַגן צו פֿאַרשוועכן.

— נו, וואָס שווייגסטו, דו מיינסט, אַז איך האָב געזאָגט ליגן? — האָט קאָנאָוואַלאָוו געפֿרעגט, און אין זיין שטימע האָט זיך צוליבעפּעס געהערט שרעק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף די זעק מעל און האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ גלאָז טיי, און מיט דער צווייטער האָט ער לאַנגזאַם געגלעט די באָרד. זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר, פֿאָרשנדיק און פֿרעגנדיק, און די קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט שאַרף...

— ניין, דו דאַרפֿסט מיר גלויבן... צו וואָס זאָל איך ליגן? דאָס איז אַפֿילו אמת, אַז אַ „נאַש-בראַט“ אַ וואַגאַבונד איז אַ מייסטער אויף דערציילן מעשׂיות... מע קען ניט, פֿריינט: — אויב אַ מענטש האָט קיין שום גוטס ניט געהאַט אין לעבן, איז וועמען שאַדט עס, אויב ער טראַכט אויס פֿאַר זיך עפּעס אַ געשיכטע און דערציילט זי אַלס פֿאַקט? ער דערציילט און גלויבט אַליין אין דעם, גלייך דאָס וואָלט געווען אַן אמתע זאַך — ער גלויבט, נו, איז אים אָנגענעם. אַ סך מענטשן לעבן מיט דעם. מען קען ניט העלפֿן... אָבער איך האָב דיר דערציילט דעם אמת, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין דעם איז דען פֿאַרהאַן עפּעס אויסערגעוויינלעכס? עס לעבט זיך אַ פֿרוי, און איר איז לאַנגווייליק, און די מענטשן אַרום איר זיינען אַלץ אַזעלכע שמוציקע... אָט, לאָמיר זאָגן, איך בין אַ קוטשער, אָבער פֿאַר אַ פֿרוי איז דאָס אַלצאיינס, ווייל סיי אַ קוטשער, סיי אַ פֿריץ, סיי אַן אָפֿיציר — אַלע זיינען מאַנסביל...

און אַלע זיינען פאַר איר חוירים, אַלע זוכן איינע און די זעלבע זאַך, און יעדערער קלינגט זיך, וואָס מערער צו נעמען, און וואָס ווייניקער צו צאָלן. אַ פּראָסטער מענטש איז נאָך אַפילו בעסער, אָרנטלעכער. און איך בין זייער אַ פּראָסטער... די פרויען באַנעמען דאָס אין מיר אויסגעצייכנט... זיי זען, אַז איך וועל זיי ניט באַעוולען, דאָס הייסט, אַז איך וועל... ווי זאָגט מען דאָס... וועל ניט חוזק מאַכן פון זיי. אַ פרוי — קען זיך זינדיקן, אָבער פאַר קיין זאַך האָט זי אַזוי קיין מורא ניט, ווי פאַר געלעכטער, פאַר דעם לוסטיק מאַכן זיך איבער איר. מיר נעמען זיך אָפּ אונזער חלק און גייען זיך דערנאָך אַוועק אַפילו אויפן מאַויק און דערציילן דאָס פאַר אַלעמען, און נעמען זיך באַרימען — אָט ווי מיר האָבן, הייסט עס, פאַר־פירט אַ נאַרישע פרויענצימער!... און זי, די פרוי, האָט ניט וואו־הין צו גיין, איר חטא וועט קיינער ניט אָננעמען פאַר אַ כוואַטיש־קייט. זיי, ברודער, אַפילו די סאַמע אויסגעלאַסנסטע, האָבן אויך מער בושה פאַר אונז.

איך האָב אים געהערט און זיך געטראַכט בשעת־מעשה: ניט שוין־זשע איז דער דאָזיקער מענטש טריי זיך אַליין, אויב ער רעדט אַזעלכע רייד, וואָס פּאַסן זיך ניט פאַר אים?

און ער האָט זיך פאַרטראַכט און האָט אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע קינדערשע קלאָרע אויגן, האָט אַלץ גערעדט און האָט מיך אַלץ מער באַוואונדערט מיט זיינע רייד.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס אַ נעפּל פאַרהילט מיך, אַ וואַרעמער נעפּל רייניקט אָפּ מיין האַרץ, וואָס איז שוין אין יענער צייט געווען גענוג באַשמוצט מיט דעם שמוץ פון לעבן.

דאָס האָלץ האָט אויסגעברענט אין אויוון, און די פינקלענדיקע קופּע מיט קוילן האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך אויף דער וואַנט פון דער בעקעריי אַ ראָזלעכן פלעק... דער פלעק האָט געציטערט...

אין פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ שטיקל בלויער הימל מיט צוויי שטערן. איינער — אַ גרויסער — האָט געפינקלט אַזוי ווי אַ שמאַראַגד און דעם צווייטן, ניט ווייט פון אים, האָט מען קוים געזען.

ס'איז אַוועק אַ וואָך און איך בין מיט קאָנאָוואַלאָוון געוואָרן חבר.

— דו ביסט אויך אַ פשוטער יונג! דאָס איז גוט! — האָט ער מיר געזאָגט, זיך ברייט צעשמייכלט און געקלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע מיט זיין ריזיקער האַנט.

געאַרבעט האָט ער, ווי אַן אמתער קינסטלער. מע האָט באַדאַרפט זען, ווי ער פלעגט זיך איבן מיט דער זיבן־פודיקער שטיק טייג און פלעגט זי קייקלען אין שיסל, אָדער ווי ער פלעגט זיך אָנבויגן איבערן קאַסטן און קנעטן, און אַריינשטעקן דערביי זיינע מעכטיקע הענט ביזן עלנבויגן אין דעם פוכלען טייג, וואָס האָט געפּישטשעט צווישן זיינע שטאָלענע פינגער.

תחילת, אַז איך האָב דערזען, ווי ער וואַרפט האַסטיק אין אויוון די רויע לעבלעך, וועלכע איך האָב קוים באַוויזן אַרויפצוּוואַרפן פון די שיסלען אויף זיין לאָפּעטע, — האָב איך מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיי ניט אָנזעצן איינע אויף די אַנדערע; נאָר בשעת ער האָט אויסגעבאַקט דריי געבעק ברויט און קיין איינער פון די הונדערט און צוואַנציק לעבלעך — שיינע, פאַרברוינטע און הויכע — האָט ניט פאַרלאָרן זיין פאָרם, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ קינסטלער. ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט און האָט זיך איבערגעגעבן צו איר; ער פלעגט זיין אויפגערעגט, ווען דער אויוון פלעגט באַקן שלעכט אָדער דאָס טייג פלעגט לאַנגזאַם אויפגיין. ער פלעגט זיין בייז און פלעגט זידלען דעם באַלעבאָס, ווען יענער פלעגט קויפן פייכטע מעל; פאַרקערט, פלעגט ער זיין פריילעך און צופרידן, ווי אַ קינד, ווען די לאַבנס ברויט פלעגן אַרויסגיין פון אויוון ריכטיק, קיילעכדיק, הויך, פאַרברוינט, פונקט וויפל מע דאַרף און מיט אַ דין, כרושטשענדיק הייטל. ס'פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט אַראָפּנעמען פון דער לאָפּעטע אַ זייער געראָטענעם לאַבן ברויט און, וואַרפנדיק אים פון איין האַנט אין דער צווייטער, פלעגט ער זיך אָפּברענען, פלעגט דערביי פריילעך לאַכן און זאָגן צו מיר:

— זעסט, וואָס פאַר אַ פאַרשויין מיר האָבן אַרויסבאַקומען...

און מיר איז געווען אָנגענעם צו קוקן אויף דעם דאָזיקן גי־גאַנטישן קינד, וואָס האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע נשמה אין זיין אַרבעט, ווי יעדער מענטש וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט טאָן ביי יעדער מין אַרבעט...

איינמאָל האָב איך אים געפרעגט:

— סאַשע, מע זאָגט, אַז דו זינגסט גוט?

ער האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איך זינג טאַקע... אָבער זעלטן... ווען עס ווערט מיר אומעטיק, נו, דעמאָלט זינג איך... און ווען איך הייב אָן זינגען — ווערט מיר ווידער אומעטיק. רייד בעסער ניט דערפון... רייץ מיך ניט. דו קענסט ניט זינגען? אַך, דו... אַזוי גאָר! איז... וואַרט בע־סער אויף מיר... און דערווייליע פייף זיך אונטער. דערנאָך וועלן מיר צוזאַמען אויפזינגען. גייט עס?

איך האָב נאַטירלעך איינגעשטימט און האָב געפייפט, ווען מיר האָט זיך געוועלט זינגען. נאָר טיילמאָל פלעג איך זיך פאַר־געסן און נעמען עפּעס אונטערבורטשען אונטערן נאָז, קנעטנדיק בשעת־מעשה, דאָס טייג אָדער קייקלענדיק די לעבלעך ברויט. קאָנאָ־וואַלאָוו האָט מיך געהערט, האָט באַוועגט מיט די ליפּן און פלעגט מיך שפּעטער אַ ביסל דערמאָנען אָן מיין צוזאָג. און טיילמאָל פלעגט ער אויף מיר געמען שרייען גראָב:

— גענוג! הער אויף צו קרעכצען!

איינמאָל האָב איך פון מיין קעסטל אַרויסגענומען אַ בוך, האָב זיך צוגעשפּאַרט צום פענסטער און האָב גענומען לייענען...

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טייג־קאַסטן און האָט געדרעמלט. נאָר דער רויש פון די זייטלעך, וועלכע איך האָב איבערגעקערט איבער זיין אויער, האָט אים געצוואונגען צו עפענען די אויגן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?

דאָס איז געווען „פּאָדליפּאָווצי“*).

---

*) פּאָדליפּאָווצי — אַ דערציילונג פון דעם רוסישן שריפטשטעלער רעשעטניקאָוו.

— לייען הויך, אַ?... — האָט ער מיך געבעטן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן פֿענסטער און האָב אָנגעהויבן לייענען. און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן קאַסטן, האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף מיינע קני און האָט געהערט... טיילמאָל פֿלעג איך איבערן בוך אַריינקוקן אין זיין געזיכט און זיך באַגעגענען מיט זיינע אויגן — איך געדענק זיי נאָך, ווי איצט — ברייט-צעעפֿנטע, אָנגעשטרענגטע און פֿול מיט שטאַרקער אויפֿמערקזאַמקייט... און זיין מויל איז אויך געווען האַלב אָפֿן און האָט אַנטבלויזט צוויי רייען גלייכע, ווייסע ציינער. די אויפֿגעהויבענע ברעמען, די אויסגעבויגענע קנייטשן אויפֿן הויכן שטערן, די הענט, מיט וועלכע ער האָט אַרומגענומען די קני, זיין גאַנצע אומבאַוועגלעכע, אויפֿמערקזאַמע פּאָזע, האָט מיך דערוואַרעמט, און איך האָב זיך באַמיט צו דערציילן אים אַזוי פֿאַרשטענדלעך און לעבעדיק, ווי נאָר מעגלעך, די טרויעריקע געשיכטע פֿון סיסאָיקען און פֿילען*).

ענדלעך בין איך מיד געוואָרן און האָב פֿאַרמאַכט די אויגן.

— שוין געענדיקט? — האָט קאָנאָוואַלאָוו געשעפּטשעט.

— מער ווי אַ העלפֿט...

— לייען ווייטער.

— עך! — האָט ער אָנגעכאַפּט זיין קאָפּ און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן באַנק און זיך גענומען וויגן. אים האָט זיך עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט ער אויפֿגעעפֿנט דעם מויל און האָט פֿאַרמאַכט, האָט געאָטעמט אַזוי ווי אַ בלאָזזאַק און האָט צוליב-עפּעס פֿאַרזשמורעט די אויגן. איך האָב זיך ניט געריכט אויף אַזאַ עפֿעקט און האָב ניט פֿאַרשטאַנען זיין באַדייטונג.

— ווי גוט דו לייענסט דאָס! — האָט ער מיר געזאָגט מיט געפֿליסטער. — פֿאַרשיידענע שטימען... זיי זיינען אַלע אַזוי ווי לעבעדיקע... אַפּראָסקע! פּישיש! פּילאַ! סאַראַ שוטים! ס'איז מיר געווען קאָמיש צו הערן... כ'האָב זיך קוים איינגעהאַלטן... און וואָס איז ווייטער? וואוהין וועלן זיי פֿאָרן? ליבער גאָט! דאָס איז דאָך אַלץ אמת.

*) העלדן פֿון דער אויבנדערמאָנטער דערציילונג.

דאָס זיינען דאָך טאַקע אמתע מענטשן... פּשוטע פּויערים... און זיי זיינען פּונקט אַזוי ווי לעבעדיקע אי די שטימען, אי די פיזיאָגנאָמיעס... הער, מאַקסים! מיר וועלן אַריינזעצן דעם געבעק ברויט אין אויוון — און דו וועסט לייענען ווייטער!

מיר האָבן אַריינגעזעצט דאָס ברויט, האָבן צוגעגרייט דעם צווייטן געבעק, און איך האָב ווייטער געלייענט דעם בוך אַ שעה מיט פערציק מינוט. דערנאָך האָב איך ווידער געמאַכט אַ הפסקה — דאָס ברויט האָט זיך אויסגעבאַקט, האָבן מיר אַרויסגענומען די לעבלעך און אַריינגעזעצט אַנדערע. מיר האָבן פאַרקנאָטן נאָך אַ געבעק, געמאַכט אַ ראָשטשינע... — דאָס אַלץ האָבן מיר געטאָן מיט אַ פיבערהאַפטער שנעלקייט און כמעט שווייגנדיק.

קאָנאָוואַלאָוו האָט אָנגעכמורעט די ברעמען, האָט פון צייט צו צייט אַ וואָרף געטאָן צו מיר איינזילביקע באַפעלן און האָט זיך געאײַלט, געאײַלט....

אַנטקעגן טאָג האָבן מיר געענדיקט דאָס בוך, און איך האָב געשפּירט, אַז דער צונג איז בײַ מיר געוואָרן אַזוי ווי אַ האָלץ.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסן אינדערהויך אויף אַ זאַק מעל און האָט מיט אויסטערלישע בליקן געקוקט מיר אין געזיכט אַריין און האָט געשוויגן, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט דערבײַ מיט די הענט אָן די קני...

— גוט? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט געזשמורעט מיט די אויגן און האָט ווידער צוליב־עפּעס גענומען ריידן מיט געפליסטער:

— און ווער האָט עס פאַרפאַסט? — אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ מין פאַרוואונדערונג, וואָס מען קען דאָס מיט ווערטער ניט איבערגעבן, און זיין געזיכט האָט זיך פּלוצלונג צעפלאַמט פון אינערלעכער אויפרעגונג.

איך האָב אים געזאָגט דעם נאָמען פון דעם שרייבער.

— אָט דאָס איז אַ מענטש! ווי ער האָט עס אַלץ געכאַפּט! אַ? עס גרוילט אַזש. עס נעמט בײַם האַרצן, דאָס הייסט, עס צופּט בײַ דער נשמה — אַזוי לעבעדיק איז דאָס. נו, און דער פאַרפאַסער אַליין, וויפל האָט ער דערפאַר געהאַט?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— נו, געצאָלט, צום ביישפּיל, האָט ער דאָך דערפאַר מסתמא באַקומען, אָדער ווי?

— פאַרוואָס קומט אים געצאָלט? — האָב איך געפרעגט מיט אַ שאַלקהאַפּטיקער כּוונה דערביי.

— וואָס הייסט? אַ בוך... איז אַזוי, ווי אַ פּאָליצײ־פּראָטאָקאָל. באַלד לייענט מען עס... און מען אורטיילט: פּילאַ און סיסאָיקע... וואָס זיינען עס פאַר אַ מענטשן? מיט אַזעלכע האָבן דאָך אַלע מיטלייד... דאָס פאָלק איז פינסטער, אומוויסנד... וואָס פאַר אַ לעבן איז ביי זיי? נו, און...

— און?...

קאָנאָוואַלאָוו האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרווירונג און האָט שעמעוודיק דערקלערט:

— עפּעס אַ פאַראָרדענונג מוז דאָך אַרויסגיין. זיי זיינען דאָך מענטשן, און מע דאַרף זיי אונטערשטיצן.

אַלס ענטפער אויף דעם האָב איך אים אָפּגעלייענט אַ גאַנצע לעקציע... אָבער לײדער האָט זי ניט געמאַכט דעם רושם, וועלכן איך האָב דערוואַרט.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, האָט זיך גענומען וויגן מיטן גאַנצן קערפּער, האָט גענומען זיפצן און האָט מיר מיט קיין איין וואָרט ניט געשטערט צו ריידן. ענדלעך בין איך מיד געוואָרן און בין אַנטשוויגן געוואָרן.

קאָנאָוואַלאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריקן בליק.

— האָט מען אים, הייסט עס, גאָרנישט ניט געגעבן? — האָט ער געפרעגט.

— וועמען? — האָב איך זיך אינפאָרמירט און פאַרגעסן וועגן רעשעטניקאָוון.

— דעם פאַרפאַסער?

מיך האָט עס פאַרדראָסן. איך האָב אים ניט געענטפערט, דען איך האָב געשפּירט, אַז דער דאָזיקער פאַרדראָס רופט ביי

מיר אַרויס אַן אויפרעגונג קעגן מיין צוהערער, וואָס האַלט זיך, קענטיק, ניט פאַר קיין בר־סמכא צו פאַרענטפערן וועלט־פּראָבלעמען.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך ניט דערוואַרט אויף מיין ענטפער, האָט גענומען דעם בוך און האָט אים פאָרזיכטיק געקערט, האָט אים אויפגעעפנט, האָט אים פאַרמאַכט און, אַוועקגעלייגט אים אויף אַן אָרט, האָט ער טיף אָפּגעזיפצט.

— ווי אַליך איז דאָס, גאָט, געמאַכט געוואָרן מיט חכמה! — האָט ער גענומען ריידן מיט אַ שטילן קול. — אַ מענטש האָט אָנגעשריבן אַ בוך... פּאַפּיר, און אויף דעם פּאַפּיר פאַרשיידענע פּינטעלעך — דאָס איז גאָר. האָט אויפגעשריבן און... איז געשטאָרבן?

— געשטאָרבן... — האָב איך געזאָגט...

— געשטאָרבן, און דאָס בוך איז געבליבן, און מען לעזט אים. אַ מענטש קוקט אין אים אַריין מיט די אויגן און רעדט פאַרשיידענע ווערטער. און דו הערסט און פאַרשטייסט: אויף דער וועלט האָבן געלעבט מענטשן — פּילאַ און סיסאָיקע און אַפּראָסקע... און אויף די מענטשן טוט דיר באַנג, הגם דו האָסט זיי קיינמאָל ניט געזען און זיי זיינען דיר לגמרי גאָרנישט! אויפן גאַס, קען זיין, גייען אַרום צענדליקער אַזעלכע מענטשן, און דו זעסט זיי, נאָר דו ווייסט וועגן זיי גאָרנישט... און דו האָסט מיט זיי קיין עסק ניט... זיי גייען זיך און גייען... און אין בוך זיינען זיי ניטאָ... פונדעסטוועגן טוט דיר אַזוי שטאַרק באַנג אויף זיי, אַז ס'פאַרקלעמט דיר דאָס האַרץ... ווי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין?... און דער פאַרפאַסער איז געשטאָרבן אַזוי, אָן באַלוינונג? ער האָט גאָרנישט ניט באַקומען?

איך בין געוואָרן בייז. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם געצאָלט, וואָס די מחברים באַקומען...

קאָנאָוואַלאָוו האָט מיך געהערט, האָט צעשראָקן געגלאָצט מיט די אויגן און האָט מיט באַדויערונג געשמאָקעט מיט די ליפּן.

— נו, אָרדענונגען! — האָט ער אַ זיפץ געטאָן מיט דער גאַנצער ברוסט און, פאַרביסן מיט דער לינקער וואָנץ, האָט ער טרויעריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

דעמאָלט האָב איך אים גענומען דערצײלן װעגן דער פּאַטאָ־לאָגישער ראָלע פֿון דעם שענק אין דעם לעבן פֿונם רוסישן ליטעראַט, װעגן יענע גרױסע און אױפֿריכטיקע טאַלענטן, װאָס זײַנען אומגעקומען פֿון בראָנפֿן — די אײנציקע טרײסט אין זײער שװערן לעבן.

— צי דען טרינקען אַזעלכע מענטשן? — האָט קאָנאָװאַלאָװ מיך שטיל געפֿרעגט. אין זײַנע ברײט־געעפֿנטע אױגן האָט געפֿינקלט אי אומצוטרױ צו מיר, אי שרעק, אי רחמנות צו יענע מענטשן. — זײ טרינקען! איז װאָס... איז נאָך דעם, הײסט עס, װי זײ שרײַבן אָן זײערע ביכער, נעמען זײ זיך צום טרינקען?

דאָס איז, לױט מײַן מײנונג, געװען ניט קײן פּאַסיקע פֿראַגע, און איך האָב אױף איר ניט געענטפֿערט.

— נאַטירלעך, נאָך דעם... — האָט קאָנאָװאַלאָװ באַשלאָסן. — ס׳לעבן זיך מענטשן און קוקן אַרײַן אין לעבן, און זאַפּן אין זיך אײַן פֿרעמדן לעבנס־צער. זײ האָבן, קענטיק, באַזונדערע אױגן... און אױך אַ האַרץ... זײ קוקן זיך אָן אױפֿן לעבן און װערן אומעטיק... און גיסן אַרײַן זײער אומעט אין די ביכער... אָבער דאָס העלפֿט שױן ניט, װײַל — דאָס האַרץ איז אָנגערירט און מיט פֿײַער װעסטו פֿון אים דעם אומעט ניט אױסברענען... בלײַבט זײ בלױז איבער צו פֿאַרגיסן אים מיט בראָנפֿן. נו, איז טרינקען זײ... איך זאָג ניט ריכטיק?

איך האָב מסכּים געװען מיט אים, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט.

— נו, האָט ער װײַטער אַנטװיקלט די פּסיכאָלאָגיע פֿון די פֿאַרפֿאַסער, — דאַרף מען זײ אַװדאי דערפֿאַר באַלױנען. ניט אמת? װײַל זײ פֿאַרשטײען מער פֿאַר אַנדערע און זײ װײַזן אָן אַנדערע פֿאַרשײדענע אומגערעכטיקײטן. אָט, למשל, איך, װאָס בין איך איצט? אַ װאַגאַבונד, אַ לא־יוצלח... אַ שיכּור און אַ איבערגעפּירטער מענטש. מײַן לעבן האָט קײן שום באַרעכטיקונג ניט. צו װאָס לעב איך אױף דער װעלט? און אַז מע זאָל זיך גוט באַטראַכטן, איז װער נײטיקט זיך אין מיר? איך האָב ניט — ניט קײן אײגן װינקל, ניט קײן רינד, ניט קײן קינד... און איך װיל דאָס גאָר־

ניט האָבן אויך. איך לעב און איך בענק... נאָך וואָס? ווייס איך אַליין ניט. ס'פעלט מיר דער אינעווייניקסטער וועג... פאַרשטייסט? ווי זאָל איך דאָס דיר דערקלערן? ס'פעלט מיר דאָס פונקעלע אין דער נשמה... ס'פעלט כוח, צי וואָס? מיט איין וואָרט, עס פעלט מיר עפּעס — און שוין! פאַרשטאַנען? איז אָט לעב איך און זוך יענע זאַך און בענק נאָך איר, און וואָס איז די אַזוינס — ווייס איך אַליין ניט...

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס! — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיט דער האַנט געהאַלטן דעם קאָפּ, און אויף זיין געזיכט האָט זיך אָפּגעשפיגלט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג — די אַרבעט פון דעם געדאַנק, וואָס האָט געזוכט פאַר זיך אַ פאָרם.

— אַנטקעגן וואָס? אַנטקעגן דער אומאָרדענונג פון לעבן. דאָס הייסט... אָט, אַ שטייגער, לעב איך, און וואו אַהינצוטאָן זיך האָב איך ניט... כ'קען זיך צו קיין זאַך ניט צוקלעפּן... און אַזאַ מין לעבן הייסט אומאָרדענונג.

— נו, און וואָס איז ווייטער? — האָב איך ביי אים געוואָלט דערגיין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אים און די פּאַרפאַסער, וואָס איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך.

— ווייטער?... דאָס קען איך דיר ניט זאָגן... נאָר איך מיין אַזוי, אַז אויב אַ וועלכער-עס-איז פּאַרפאַסער וואָלט זיך צוגעקוקט צו מיר, וואָלט ער... מיר געקענט דערקלערן מיין לעבן... אַ? ווי מיינסטו?

איך האָב געטראַכט, אַז איך קען אים אַליין דע־קלערן זיין לעבן, און האָב זיך תיכף גענומען צו דעם, פון מיין שטאַנד־פונקט, לייכטן און קלאָרן ענין. איך האָב גענומען ריידן וועגן די באַדינגונגען און וועגן דער סביבה, וועגן דער אומגלייכקייט בכלל, וועגן די מענטשן — די קרבנות פון לעבן, און וועגן די מענטשן — די הערשער פון לעבן.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געהערט אויפמערקזאַם. ער איז געזעסן אַנט־קעגן מיר, די באַק אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט, און זיינע גרויסע בלויע אויגן, פאַרטראַכטע און קלוגע, וואָס זיינען געווען

בּרייט צעעפנט, האָבּן זיך בּיסלעכווייז פאַרצויגן, אַזוי ווי מיט אַ לייכטן נעפּל. אויף זיין שטערן האָבּן זיך שאַרפער אויסגעלייגט די קנייטשן, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער האַלט אַיין דעם אָטעם און איז אינגאַנצן בּאַהערשט פונם ווילן צו פאַרשטיין, וואָס איך רייד.

דאָס אַליין האָט מיר געשמייכלט. איך האָבּ מיט היין גענומען מאָלן פאַר אים זיין לעבּן, און האָבּ אים אויפגעוויזן, אַז ער איז ניט שולדיק אין דעם, וואָס ער איז אַזאַ; אַז ער איז — אַ טרויעריקער קרבּן פון די בּאַדינגונגען, אַז לויט זיין נאַטור איז ער אַ ווען, וואָס האָט גלייכע רעכט מיט אַלעמען, נאָר דורך אַ לאַנגער ריי היסטאָרישע אומגערעכטיקייטן איז ער דערפירט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ סאָציאַלן נול. איך האָבּ מיינע ווערטער געענדיקט דערמיט, וואָס איך האָבּ נאָך אַמאָל איבּערגעחזרט:

— דיך קען מען אין קיין זאַך ניט בּאַשולדיקן... דיך האָט מען בּאַוועלט...

ער האָט געשוויגן און ניט אַראָפּגענומען פון מיר די אויגן; איך האָבּ געזען, ווי אין זיי בּאַווייזט זיך אַ גוטער, ליכטיקער שמייכל, און איך האָבּ געוואַרט מיט אומגעדולד, ער זאָל זיך מיט עפּעס אָפּרופן אויף מיינע רייד.

אויף זיינע ליפּן האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל. אָט האָט ער זיך ליבּלעך צעלאַכט, האָט זיך אַ צי געטאָן צו מיר מיט אַ ווייכער, פרויִישער בּאַוועגונג און האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל.

— ווי לייכט, בּרודער, דו רעדסט עס מכּוח דעם אַלעם! פונוואַנען ווייסטו דאָס? אַליין פון בּיכער? דו האָסט זיי, קענטיק, אַ סך געלייענט... די בּיכער? עך, ווען איך וואָלט עס אַזויפיל בּיכער געלייענט!... נאָר די הויפּט־סיבּה איז — וואָס דו רעדסט צו רחמנותדיק... דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו הערן אַזעלכע רייד. וואונדערבּאַר! אַלע מענטשן בּאַשולדיקן זיך קעגנזייטיק אין זייערע אומגליקן, און דו — בּאַשולדיקסט דאָס גאַנצע לעבּן, אַלע אָרדענונגען. קומט דאָך אויס נאָך דיר, אַז דער מענטש אַליין איז אין קיין זאַך ניט שולדיק, נאָר אויבּ ס׳איז אָנגעהתמעט אויף אים,

ער זאָל זיין אַ וואַגאַבונד, — וועט ער זיין אַ וואַגאַבונד. און אויך מכּוח די אַרעסטאַנטן איז זייער וואונדערבאַר: זיי גנבענען דערפאַר, ווייל קיין אַרבעט איז ניטאָ, און עסן דאַרף מען. ווי געפילפול ביי דיר קומט עס אַלץ אַרויס! ביסט, משמעות, שוואַך אויפן האַרצן...

— וואַרט נאָר! — האָב איך אים געזאָגט, — ביסט אַיינשטימיק מיט מיר? כ'האָב ריכטיק געזאָגט?

— דו דאַרפסט בעסער וויסן, צי ס'איז ריכטיק צי ניט — דו ביסט דאָך אַ וואוילקענעוודיקער... ווען מע זאָל, הייסט עס, נעמען אַנדערע, איז קען זיין, אַז ס'איז ריכטיק... נאָר אויב מיך...

— איז וואָס?

— איך בין אַ באַזונדער קאַפּיטל... ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס איך טרינק? פּאַוולקע, מיין ברודער, טרינקט ניט — האָט ער אין פּערם אַן אייגענע בעקעריי. און איך אַרבעט, דוכט זיך, ניט ערגער פון אים — און פונדעסטוועגן בין איך אַ וואַגאַבונד און אַ שיכּור, אָן אַ באַרוף, אָן מזל... און מיר זיינען דאָך קינדער פון איין מאַמען. ער איז נאָך יינגער פאַר מיר. קומט דאָך אויס, אַז אין מיר גופא איז עפּעס קאַליע געוואָרן... איך בין, הייסט עס, געבאָרן געוואָרן ניט אַזוי, ווי אַ מענטש דאַרף געבאָרן ווערן. דו אַליין זאָגסט דאָך, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך: — געבאָרן געוואָרן, אָפּגעלעבט, וויפיל ס'איז אָנגעחתמעט, און שטאַרב! און איך גיי גאָר אויף אַ באַזונדער שטעג... און ניט בלויז איך אַליין — ס'זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע, ווי איך. מיר זיינען גאָר באַזונדערע מענטשן... און מיר קענען זיך ניט אַיינשליסן אין קיין שום אָרדענונג. מיר דאַרפן האָבן אַ באַזונדער חשבון... און באַזונדערע געזעצן... זייער שטרענגע געזעצן — כּדי אויסצוּוואָרצלען אונז פון לעבן! מחמת קיין נוצן פון אונז האָט מען ניט, און אַן אָרט אין לעבן פאַרנעמען מיר און שטייען נאָך אַנדערע אין וועג... ווער איז פאַר אונז שולדיק? מיר אַליין זיינען שולדיק פאַר זיך און פאַרן לעבן... מחמת מיר האָבן קיין חשק ניט צום לעבן און מיר האָבן קיין געפילן ניט צו זיך אַליין... אונזערע מוטערס זיינען ניט אין קיין גליקלעכער שעה פאַרגאַנגען מיט אונז אין טראָגן — אָט וואו די צרה ליגט...

ער — דער דאָזיקער גרויסער מענטש מיט די קלאָרע קינדישע אויגן — האָט מיט אַזאַ לייכטן געמיט, מיט אַזאַ שמייכלענדיקן טרויער אויסגעשלאָסן זיך פון לעבן און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס דאָס לעבן נייטיקט זיך ניט אין זיי און מע דאַרף זיי דעריבער אויסראָטן, אַז איך האָב ממש געשטוינט פון דער דאָזיקער זעלבסט־אויסראָטונג, וועלכע איך האָב נאָך ביז איצט אַזוינס ניט געזען ביי קיין שום וואַגאַבונד, וואָס דאָס רוב איז עס אַ מהות, וואָס איז פון אַלץ אָפּגעריסן, איז צו אַלעמען פיינטלעך און איז אויף אַלעמען גרייט אויסצופּרוּוון דעם כוח פון זיין פאַרביטערטן סקעפּטיציזם... מיר פלעגט בלויז אויסקומען צו טרעפן זיך מיט מענטשן, וואָס פלעגן רק באַשולדיקן און אויף אַלץ קלאָגן זיך, און זיך אַליין פלעגן זיי עקשנותדיק אָפּרוקן אָן אַ זייט פון דער ריי פאַקטן, וואָס פלעגן אָפּפרעגן די פעסטע ראיות פון זייער אומפעלערהאַפטיקייט, און שטענדיק פלעגן זיי אַרויפוואַרפן זייער שלימזל אויפן שטומען גורל, אויף שלעכטע מענטשן... קאָנאָוואַלאָוו האָט זיין גורל ניט באַשולדיקט, און האָט וועגן מענטשן קיין וואָרט ניט גערעדט. אין דער גאַנצער שלימזלדיקייט פון זיין פערזענלעך לעבן איז ער אַליין בלויז געווען שולדיק, און וואָס מער איך האָב אים געוואָלט דערווייזן, אַז ער איז אַ „קרבן פון דער סביבה און פון די באַדינגונגען“, אַלץ עקשנותדיקער האָט ער מיך געוואָלט איבערצייגן פאַרקערט, אַז ער איז שולדיק אַנטקעגן זיך אַליין און אַנטקעגן דעם לעבן פאַר זיין טרויעריקן מזל... דאָס איז טאַקע געווען אָריגינעל, אָבער דאָס האָט מיך שטאַרק געערגערט. און ער האָט געשפּירט אַ נחת־רוח דערפון, וואָס ער פלעגט מיך שמייסן; זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אמתן פאַרגעניגן, ווען ער פלעגט מיט אַ קלינגענדיקן באַריטאָן שרייען צו מיר:

— יעדער מענטש איז אויף זיך אַ באַלעבאָס, און קיינער איז אין דעם ניט שולדיק, אויב איך בין אַ געמיינער יונג!

ווען אַ קולטורעלער מענטש וואָלט עס געזאָגט, וואָלט עס מיר ניט געחידושט. דען ס'איז נאָך ניטאָ די מכה, וואָס זאָל זיך ניט געפינען אין דעם קאָמפּליצירטן און פאַרפּלאָנטערטן פסיכישן אָרגאַניזם, וואָס הייסט „אינטעליגענט“. אָבער הערן דאָס פון אַ וואַגאַ־

בונד, מאַג ער אַפילו זיין אַ אינטעליגענט צווישן די, וועלכע דער גורל האָט באַליידיקט, צווישן די נאַקעטע, הונגעריקע און בייזע האַלבע מענטשן, האַלבע חיות, וואָס פילן אָן די שמוציקע לעכער פון די שטעט — מאַג ער אַפילו זיין צווישן זיי אַ אינטעליגענט, אָבער הערן דאָס פון אַ וואַגאַבונד — איז מיר אויסגעקומען זייער מאָדנע. כ'האָב געמוזט אָננעמען, אַז קאָנאָוואַלאָוו איז ווירקלעך — אַ באַזונדער קאַפּיטל, נאָר איך האָב דאָס ניט געוואָלט.

אויסערלעך איז קאָנאָוואַלאָוו געווען אַן אמתער לומפּ מיט אַלע קליפּערלעך; אָבער וואָס מער איך האָב זיך צו אים צוגעקוקט, אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב אַן עסק מיט אַן אָריגינעלן עקזעמפּלאַר, וואָס האָט צעשטערט מיין פאָרשטעלונג בנוגע מענטשן, וועלכע מע וואָלט שוין לאַנג באַדאַרפט פאַררעכענען אַלס קלאַס און וועלכע פאַרדינען פולקום, מע זאָל זיין אויפמערקזאַם צו זיי, אַלס זייער גיריקע און זשעדנע, אַלס זייער בייזע און ווייט ניט קיין טיפּשים...

איך פלעג זיך מיט אים היים אַמפּערן.

— אָבער וואַרט-נאָר, — האָב איך געשריען, — ווי אַזוי קען אַ מענטש איינשטיין אויף זיינע פיס, ווען פון אַלע זייטן רוקן זיך אויף אים פאַרשיידענע פינסטערע כוחות?

— שפּאַר זיך איין פעסטער! — האָט מיין אָפּאָנענט אויסגעשריען, האָט זיך געהיצט און געבליצט מיט די אויגן.

— אָבער אין וואָס איינשפּאַרן זיך?

— געפין דיין פונקט און שפּאַר זיך איין!

— און פאַרוואָס האָסטו זיך ניט איינגעשפּאַרט?

— זאָג איך דאָך דיר, מאָדנער מענטש, וואָס דו ביסט, אַז איך בין אַליין שולדיק אין מיין שלעכטער מערכה!... איך האָב ניט געפונען מיין פונקט! איך זוך, איך בענק — און געפין ניט!

מען האָט אָבער באַדאַרפט אַכטונג געבן אויפן ברויט, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און דערביי ווייטער געפּרוּווט דערוויזן איינע די אַנדערע דעם אמת פון אונזערע מיינונגען. נאַטירלעך, האָבן מיר גאָרנישט ניט דערוויזן און, געענדיקט די אַרבעט, האָבן מיר, אויפגערעגטע, זיך געלייגט שלאָפן.

קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל פון דער בעקעריי און איז באַלד אײַנגעשלאָפן. איך בין געלעגן אויף די זעקלעך מעל און האָב געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף זײַן מעכטיקער, באַבערדיקטער פיגור, וואָס האָט זיך גיבוריש צעלייגט אויף דער מאַטע, וועלכע מע האָט אַוועקגעוואָרפן לעבן קאַסטן. ס׳האָט געשמעקט מיט הייסן ברויט, מיט זויערן טייג און מיט קוילנזייער... ס׳האָט געשאַריעט אויף טאָג, און אין די שויבן, וואָס זײַנען געווען באַדעקט מיט אַ הייטל פון מעל-שטויב, האָט אַרײַנגעקוקט דער גרויער הימל. אַ פור האָט געבראַזגעט, און, צונויפזאַמלענדיק די טשערעדע, האָט דער פאַסטעך געפייפט.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געכראָפּעט. איך האָב געקוקט, ווי זײַן ברייטע ברוסט האָט זיך געהויבן, און האָב באַטראַכט פאַרשיידענע פּלענער, ווי גיכער אים צו באַקערן צו מײַן גלויבן, נאָר איך האָב גאָרנישט ניט געקענט צוטראַכטן און בין אײַנגעשלאָפן.

אינדערפרי זײַנען מיר אויפגעשטאַנען, אַוועקגעשטעלט אַ ראָשטשינע, אײַנגעוואַשן זיך און זיך אַנידערגעזעצט אויפן קאַסטן טרינקען טיי.

— וואָס, דו האָסט עפּעס אַ ביכל? — האָט קאָנאָוואַלאָוו געפרעגט.

— כ׳האָב.

— וועסט מיר לייענען?

— יאָ.

— דאָס איז וואויל! ווייסטו גאָר-וואָס? כ׳וועל דאָ אָפּזײַן אַ חודש, וועל נעמען בײַם באַלעבאָס געלט און וועל אָפּגעבן דיר אַ העלפט!

— צו וואָס?

— וועסט קויפן ביכלעך... וועסט קויפן פאַר זיך אַזעלכע, וועלכע דיר געפעלן, און מיר קויף אויך... כאָטש צוויי ביכלעך. מיר וועסטו קויפן אָט-די, וואו ס׳רעדט זיך וועגן פויערים. אָט אַ שטייגער פּילאַ און סיסאָיקע... און זאָל זײַן, פאַרשטייסט, געשריבן מיט האַרץ, ניט צוליב ליצנות... פאַראַן אַנדערע ביכלעך — איז דאָס גאָלע נאַרישקייט! פאַנפילקאַ און פילאַטקאַ — אַפילו מיט

אַ בילד אויפֿן ערשטן אָרט — שטות. לעקישן... פֿאַרשיידענע מעשׂיות. איך האָב דאָס ניט ליב. כ'האָב ניט געוואוסט, אַז ס'זיינען פֿאַראַן אַזעלכע ביכלעך, ווי דיינע.

— וועגן סטענקאַ ראַזין ווילסטו?

— וועגן סטענקען?... איז גוט?

— זייער גוט...

— איז ברענג!

און אינגיכן האָב איך שוין געלייענט קאָסטאָמאַראָווס ביאָגראַפֿיע: „סטענקאַ ראַזינס אויפֿשטאַנד". צוערשט איז די דאָזיקע פֿולע מאָנאָגראַפֿיע, וואָס איז כמעט אַן עפּישע פּאָעמע, ניט געפֿעלן געוואָרן מיין באַבערדיקטן צוהערער.

— און פֿאַרוואָס זיינען דאָ נישטאָ קיין געשפּרעכן? — האָט ער געפֿרעגט און האָט אַריינגעקוקט אין בוך. און ווען איך האָב דערקלערט — פֿאַרוואָס, האָט ער אַפֿילו אַ גענעץ געטאָן און האָט געוואָלט פֿאַרשטעלן דעם גענעץ, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, און ער האָט מיר דערקלערט מיט אַ פֿאַרשעמטער און פֿאַרשולדיקטער מינע:

— לייען... ס'איז גאָרנישט... דאָס האָב איך אַזוי זיך...

מיר איז געפֿעלן געוואָרן זיין עמפּינדלעכע דעליקאַטקייט, און איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך באַמערק גאָרנישט און פֿאַרשטיי ניט, וועגן וואָס ער רעדט.

נאָר וואָס מער דער היסטאָריקער האָט מיט זיין קינסטלערישן פּענזל געשילדערט די פֿיגור פֿון סטעפּאַן טימאָפֿעיעוויטשן, און „דער פֿירשט פֿון די וואָלגער אויפֿגעשטאַנענע קאָזאַקן" איז אַלץ מער אַרויסגעוואַקסן פֿון די זייטן פֿון דעם בוך, אַלץ מער האָט זיך קאָנאָוואַלאָוו געענדערט. פֿריער אַן אומעטיקער אַ ביסל און אַ גלייכגילטיקער, מיט אויגן, וואָס זיינען געווען פֿאַרנעפּלט מיט אַ פֿוילן דרעמל,—איז ער, ביסלעכווייז און אומבאַמערקט פֿאַר מיר אַליין, דערשינען פֿאַר מיר אין אַ וואונדערבאַרער, נייער געשטאַלט. זיצנדיק אַנטקעגן מיר אויפֿן קאַסטן און אַרומנעמענדיק זיינע קני מיט די הענט, האָט ער אויף זיי אָנגעשפּאַרט די גאָמבע, אַזוי, אַז זיין באָרד האָט אים פֿאַרשטעלט

די פּיס, און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט דאָרשטיקע, מאָדנע ברענענדיקע אויגן פון אונטער די שטרענג־אָנגעכמורעטע ברעמען. ער האָט דעמאָלט ניט געהאַט אין זיך קיין איין שטריכעלע פון יענער קינדערשער נאַיוויטעט, מיט וועלכער ער פלעגט שטענדיק פאַרחידושן, און נאָר דאָס פּשוטע און פּרויענהאַפטיק־ווייכע, וואָס האָט אַזוי געקליידט צו זיינע בלויע, גוטע אויגן, וועלכע זיינען איצט פאַרטונקלט געוואָרן און זיך צונויפגעצויגן, — איז ערגעץ פאַר־שוואונדן. עפּעס לייבנהאַפטיקס, פייערדיקס איז געווען אין זיין פי־גור, וואָס האָט זיך צונויפגעפּרעסט אין אַ קנויל פון מוסקלען. איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן און בין אַנטשוויגן געוואָרן.

— לייען, — האָט ער שטיל און איינדרינגלעך געזאָגט.

— וואָס איז מיט דיר?

— לייען! — האָט ער איבערגעחזרט, און אין זיין טאָן צוזאַמען מיט זיין בקשה האָט זיך געשפּירט נערוועזיטעט.

איך האָב ווייטער געלייענט, האָב פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזען, אַז ער צעפלאַקערט זיך אַלץ מער און מער. פון אים האָט אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך אויפגערעגט און פאַרשיכורט — עפּעס אַ מין הייסער נעפּל. און אָט בין איך געקומען צו דער שטעלע, ווי מע האָט סטענקע ראַ־זינען געכאַפּט.

— געכאַפּט! — האָט קאָנאָוואַלאָוו אַרויסגעברומט.

ווייטאָג, פאַרדראָס, צאָרן, גרייטקייט אַרויסהעלפן סטעפּאַנען האָבן אָפּגעקלונגען אין זיין שטאַרקן אויסגעשריי.

אויפן שטערן איז ביי אים אַרויס אַ שוויס און זיינע אויגן זיינען געוואָרן מאָדנע ברייט. אַ הויכער און אַ אויפגערעגטער, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון קאַסטן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנט־קעגן מיר, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און האָט הויך און אײַליק גענומען ריידן:

— וואַרט! לייען ניט... זאָג מיר נאָר, וואָס וועט איצטער זיין? ניין, שטיי, זאָג ניט! מע וועט אים טייטן? אַ? לייען שנעל, מאַקסים!

מע האָט געקענט מיינען, אַז קאָנאָוואַלאָוו, ניט פּראָלקע — איז גאָר ראַזינס לייבלעכער ברודער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַ געוויסע בלוט־קרובהשאַפט, וואָס האָט זיך ניט איבערגעריסן און זיך ניט אָפּגעקילט אין דעם משך פון דריי יאָרהונדערטן, פאַרבינדט ביזן היינטיקן טאָג דעם דאָזיקן וואַגאַבונד מיט סטענקען, און דער וואַגאַבונד שפּירט מיטן גאַנצן כוח פון אַ לעבעדיקן, שטאַרקן אָרגאַניזם, שפּירט מיט דער גאַנצער לײַדנשאַפט פון אַ בענקענדיקן גײַסט, וואָס האָט ניט קיין „פּונקט", דעם זעלבן ווייטאָג און צאָרן, וואָס ס'האָט געשפּירט דער פרייער אָדלער, וועלכן מע האָט געפאַנגען מיט דריי הונדערט יאָר צוריק.

— אָבער לייען שוין, ווי גאָט איז דיר ליב!

מיין האַרץ קלאַפּט און לעבט איבער צוזאַמען מיט קאָנאָוואַלאָוון סטענקעס טרויער. און אָט זיינען מיר געקומען צו די עינויים.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געקריצט מיט די ציינער, און זיינע בלויע אויגן האָבן געגליט אַזוי ווי קוילן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף מיר פון הינטן און האָט ניט אָפּגעריסן די אויגן פון בוך. זיין אָטעם האָט גערוישט איבער מיין אויער און האָט אַראָפּגעבלאָזן מיינע האָר פון קאָפּ אויף די אויגן. איך האָב אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, כדי אָפּצוּוואַרפן זיי. קאָנאָוואַלאָוו האָט דאָס דערזען, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ זיין שווערע דלאָניע.

„דאָ האָט ראַזין אַזאַ קריץ געטאָן מיט די ציינער, אַז ער האָט זיי אויסגעשפּיגן אויפן דיל צוזאַמען מיט דעם בלוט'...

— גענוג!... צום טייוול — האָט קאָנאָוואַלאָוו אויסגעשריען און, אַרויסגעריסן פון מיינע הענט דאָס בוך, האָט ער עס אַ זעץ געטאָן מיטן גאַנצן כוח אָן דיל און האָט זיך אַליין אויף איר אַראָפּגעלאָזן.

ער האָט געוויינט, און אַזוי ווי טרערן זיינען געווען פאַר אים אַ מיאוסע זאַך, האָט ער, כדי ניט צו יאָמערן, עפּעס אַזוי ווי גערײטשעט. ער האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ צווישן די קני און האָט געווישט די אויגן אָן זיינע טיקענע הויזן.

איך בין געזעסן פאַר אים אויפן קאַסטן און האָב ניט געוואוסט, מיט וואָס צו טרייסטן אים.

— מאַקסים! — רופט זיך אָפּ קאָנאָוואַלאָוו, זיצנדיק אויפן דיל. — ס'איז שרעקלעך! פּילאַ... סיסאָיקע. און דערנאָך סטענקע... אַ? וואָס פאַר אַ מאָדנער גורל!... ווי ער האָט עס אויסגעשפּיגן די ציינער!... אַ?

און ער האָט אינגאַנצן געשוידערט פון איבערעגונג.

אים האָט דערהויפּט איבערראַשט סטענקעס אויסגעשפּיגענע ציינער, און ער האָט, צוקנדיק נאָכאַנאַנד מיט די אַקסלען, גערעדט וועגן זיי.

אונטער דער ווירקונג פון דעם פאַר אונז אויפגעשטאַנענעם פיינלעכן און גרויזאַמען בילד פון די עינויים, זיינען מיר געוואָרן אַזוי ווי שיכור.

— לייען עס מיר איבער נאָכאַמאָל, הערסט? — האָט מיך קאָנאָוואַלאָוו אַיינגערעדט און האָט אויפגעהויבן דאָס בוך פון דיל און מיר דערלאַנגט — אַנו, באַווייז, וואו שרייבט זיך דאָ מכוח די ציינער?

איך האָב באַוויזן, און ער האָט זיך אַיינגעזויגן מיט די אויגן אין די דאָזיקע שורות.

אַזוי שרייבט זיך טאַקע: „זיינע ציינער האָט ער אויסגעשפּיגן מיט דעם בלוט?“ און די אותיות זיינען טאַקע די זעלבע, ווי אַלע אַנדערע... אָך, גאָט! ווי ס'האָט אים געמוטשט ווי טאָן, אַ? אַפילו די ציינער... און וואָס שטייט דאָרטן נאָך צום סוף? טויט־שטראָף? אַהאַ! אַדאַנק דיר, גאָט, מע טייט טאַקע דעם מענטשן!

ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד צוליב דעם טייטן מיט אַזויפיל ליידנשאַפט, מיט אַזויפיל צופרידנקייט אין די אויגן, אַז איך האָב אויפגעציטערט פון דעם דאָזיקן מיטגעפיל, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַגערט דעם טויט פאַר דעם אויסגעמאַטערטן סטענקען.

דער גאַנצער טאָג איז ביי אונז אַריבער אין אַ מאָדנעם נעפּל: מיר האָבן רק גערעדט וועגן סטענקען און דערמאָנט זיין לעבן, די לידער, וואָס מע האָט געמאַכט אויף אים, די עינויים, וואָס ער

איז אויסגעשטאַנען... אַמאָל צוויי האָט קאָנאָוואַלאָוו אָנגעהויבן זינגען מיט אַ הילכיקן באַריטאָן און האָט איבערגעריסן.

פון דעם טאָג אָן זיינען מיר נאָך נענטער געוואָרן איינער מיטן אַנדערן.

איך האָב אים נאָך עטלעכע מאָל פאָרגעלייענט „סטענקע ראַזינס אויפשטאַנד", „טאַראַס בולבאַ" און „אָרעמע מענטשן". טאַראַס האָט אויך אויסגענומען ביי מיין צוהערער, נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרטונקלען דעם ליכטיקן רושם פון קאָסטאָמאַראָווס בוך. מאַקאַר דעוואושקינען און וואַריען האָט קאָנאָוואַלאָוו ניט פאַרשטאַנען. אים האָט בלויז אויסגעוויזן לעכערלעך די שפּראַך פון מאַקאַרס בריוו, און צו וואַריען האָט ער זיך באַצויגן סקעפּטיש.

— געזען, ווי זי לאַשטשעט זיך דאָס צו דעם אַלטן! אַ שעלמע!... און ער... עפּעס אַ גולם! פונדעסטוועגן וואָלט איך דיר זאָגן, מאַקסים, זאָלסט אַוועקוואַרפן די נודנע געשיכטע! וואָס איז דאָ פאַראַן? ער צו איר, און זי צו אים... בלויז קאַליע געמאַכט פּאַפּיר... כאַפּט זיי דער רוח! ניט ס'איז דאָ פון וואָס צו וויינען, ניט ס'איז דאָ פון וואָס צו לאַכן: — צו וואָס האָט מען דאָס געשריבן?

איך האָב דערמאָנט די „פּאָדליפּאָוועצער", נאָר ער האָט מיט מיר ניט מסכים געווען.

— פּילאַ און סיסאָיקאַ — איז אַן אַנדער מאָדעל! זיי זיינען לעבעדיקע מענטשן, זיי לעבן און שלאָגן זיך.... און די וואָס? שרייבן בריוו... לאַנגווייליק! דאָס זיינען אַפילו ניט קיין מענטשן, נאָר סתם... גאָלע פאַנטאַזיע... אָט טאַראַס מיט סטענקען, ווען מען זאָל ביידן געוועזט לאָזן... אַי-אַי-אַי! וואָס פאַר אַ מעשים זיי וואָלטן דאָס אָפּגעטאָן. דעמאָלט וואָלטן אפשר פּילאַ מיט סיסאָיקען געקראָגן מוט?

ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען די צייט, און אין זיין פאָרשטעלונג האָבן אַלע זיינע באַליבטע העלדן געלעבט צוזאַמען. בלויז צוויי פון זיי האָבן געלעבט אין אוסאָליע !, איינער אין די „כאָבּלעס" און איינער אויף דער וואָלגע.... מיר איז קוים געלונגען צו איבערצייגן אים, אַז ווען סיסאָיקאַ און פּילאַ וואָלטן זיך געלאָזט

אַראָפּ=וואַסער מיט דער קאַמע, וואָלטן זיי זיך מיט סטענקען ניט געטראָפֿן, און ווען סטענקע זאָל זיך געוועזט „אַ לאָז טאָן דורך די דאָנער קאָזאַקן און די כאָכלעס", וואָלט ער דאָרטן בולבען ניט געטראָפֿן.

ווען קאָנאָוואַלאָוו האָט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, האָט ער געהאַט עגמת=נפֿש. איך האָב אים געפּרוווט מכבד זײַן מיט פּוגאַטשאָווס איבשטאַנד און געוואָלט זען, ווי וועט ער זיך באַציִען צו יעמעליען*). קאָנאָוואַלאָוו האָט פּוגאַטשאָוון פֿאַרבראַקירט.

— אָט אַ דורכגעטריבענע שעלמע! זיך פֿאַרשטעלט מיט דעם קייסערס נאָמען און בונטעוועט... וויפֿל מענטשן האָט ער אומגעבראַכט, דער הונט!... סטענקע? — דאָס איז, ברודער, עפּעס אַנדערש. אָבער פּוגאַטש — איז ניט מער ווי אַ לויז. אַ טײַערע מציאה! אפֿשר האָסטו אַזעלכע ביכלעך, ווי סטענקע, למשל? גיב אַ זיך... אָבער אָט דעם פֿאַרעווען באָרשט וואַרף אַוועק — ס'איז ניט אינטערעסאַנט. לייען שוין בעסער איבער נאָך אַמאָל, ווי מע האָט געטויט סטענקען...

אום חגא פֿלעגן מיר אַוועקגיין אויף יענער זייט טײַך, אין די לאָנקעס. מיר פֿלעגן נעמען מיט זיך אַ ביסל בראָנפֿן, ברויט, אַ בוך און אַוועקלאָזן זיך אינדערפֿרי „אויף דער פֿרייער לופֿט", ווי קאָנאָוואַלאָוו פֿלעגט רופֿן די דאָזיקע עקסקורסיעס.

אונז פֿלעגט דערהויפּט געפֿעלן ווערן צו זײַן אויף דער גלאָז=פֿאַבריק. אַזוי האָט צוליב=עפּעס געהייסן דער בנין, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פֿון שטאָט אין פֿעלד. דאָס איז געווען אַ דרײַגאָרניק געמויערטער בנין, מיט אַן אײַנגעפֿאַלענעם דאַך, מיט צעבראָכענע פֿענסטער=ראַמען, מיט קעלערן, וואָס זײַנען דעם גאַנצן זומער געווען פֿול מיט געדיכטער שטינקענדיקער בלאָטע. גרינלעך=גרוי, האַלב=חרוב, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעלאָזן, האָט ער אַרויסגעקוקט פֿון פֿעלד אויף דער שטאָט מיט די שוואַרצע לעכער פֿון זײַנע פֿאַרקריפּלטע פֿענסטער און האָט אויסגעזען, ווי אַ

*) יעמעליאַן פּוגאַטשאָוו.

אינוואַליד־אַ קאַליקע, וועלכן דער גורל האָט באַעוולט און האָט אים אַרויסגעשליידערט אויסער די גרענעצן פון שטאָט, אַ נעבעכדיקן, אַן אָפּשטאַרבנדיקן. ווען דאָס וואַסער פלעגט זיך צעגיסן, פלעגט דער דאָזיקער בנין יאָר־יערלעך אונטערגעשווענקט ווערן. אָבער באַדעקט אינגאַנצן, פון דאַך ביזן פונדאַמענט, מיט אַ גרין היטל פון שימל, איז ער געשטאַנען פעסט און די לוזשעס האָבן אים באַשיצט פון די אָפטע פּאָליצייִשע באַזוכן, — ער איז געשטאַנען און, הגם ער האָט ניט געהאַט קיין דאַך, האָט ער פאַר פאַרשיידענע טונקעלע און הימלאָזע מענטשן געדינט פאַר אַ היים.

אַזעלכע מענטשן זיינען אין אים געווען אַ היבש ביסל; אָפּגעריסענע, האַלב־הונגעריקע, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר דער ליכטיקער שיין, האָבן זיי געלעבט אין דער דאָזיקער חורבה, אַזוי ווי סאָוועס, און איך מיט קאָנאָוואַלאָוון פלעגן שטענדיק זיין צווישן זיי אָנגעלייגטע געסט, ווייל סיי ער און סיי איך, פלעגן נעמען מיט זיך, איידער מיר פלעגן אַוועקגיין פון דער בעקערײַ, צו לעבלעך וויס־ברויט, פלעגן קויפן אויפן וועג אַ פערטעלע בראָנפן און אַ גאַנצן קויש „הייסע" לעבערלעך, לונגען, אַ האַרץ, אַ מאָגן. פאַר צוויי־דריי רובל פלעגן מיר אָנקויפן זייער אַ זאַטן כיבוד פאַר די „גלעזערנע מענטשן", ווי קאָנאָוואַלאָוו פלעגט זיי רופן.

און פאַרן דאָזיקן כיבוד פלעגן זיי אונז צאָלן מיט מעשיות, אין וועלכע דער שרעקלעכער, שוידערלעכער אמת פלעגט זיך פאַנטאַסטיש איבערפלעכטן מיט דעם סאַמע נאַיִוון ליגן. יעדער דערציילונג פלעגט אונז אויסקומען, אַזוי ווי שפּיצן, אין וועלכע דאָס רוב פאָדעם זיינען שוואַרצע — דאָס איז געווען דער אמת, און ס'האָבן זיך אויך געטראָפן פאָדעם פון העלע בלומען — דער ליגן. אַזעלכע שפּיצן פלעגן פאַלן אויף דעם מאַרך און אויפן האַרצן און פלעגן זיי זייער שטאַרק דריקן, און פלעגן זיי צונויפפרעסן מיט זייער האַרטן, פיינלעך־פאַרשיידנאַרטיקן געמעל. די „גלעזערנע מענטשן" פלעגן אונז ליב האָבן, אויף זייער שטייגער — איך פלעג זיי אָפט לייענען פאַרשיידענע ביכער און כמעט שטענדיק פלעגן די דאָזיקע מענטשן הערן אויפמערקזאַם מיין לייענען.

די לעבנס־באַהאַוונטקייט פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעשליידערט געוואָרן אויף יענער זייט באָרטן, האָט מיך איבערראַשט מיט איר טיפקייט, און איך האָב זשעדנע געהערט זייערע דערציילונגען, און קאָנאָוואַלאָוו האָט זיי געהערט צוליב דעם, כּדי צו אָפּאָנירן קעגן דער פילאָסאָפיע פון דעם דערציילער און מיך דערווײַלע אויך אַרײַנציען אין דעם דיספּוט.

אויסגעהערט אַ געשיכטע פונם לעבן און פאַלן, וואָס איינער אַ פאַנטאַסטיש־געקליידטער סוביעקט מיט אַ פיזיאָנאָמיע פון אַ מענטשן, וועלכן מען דאַרף קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן, האָט דערציילט, — אויסגעהערט אַזאַ געשיכטע, וואָס טראָגט שטענדיק דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרטיידיקונגס־רעלאַציע, האָט קאָנאָוואַלאָוו פאַרקלערט אַ שמייכל געטאָן און האָט נעגאַטיוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס האָט מען באַמערקט, ווײַל ער האָט דאָס געטאָן אָפן.

— דו גלויבסט ניט, לאָסיאַ? — האָט דער דערציילער אויסגעשריען.

— ניין, איך גלויב... ווי אַזוי גלויבט מען ניט אַ מענטשן! אַפילו ווען דו זעסט בפירוש, אַז ער לייגט, דאַרפסטו אים אויך גלויבן, דאָס הייסט, דו דאַרפסט הערן און זיך פלייסן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער לייגט? אַ ליגן מאַכט אַמאָל אַ מענטשן דערקלערבאַרער, איידער אַן אמת... און וואָס פאַר אַן אמת קענען מיר אַלע וועגן זיך בכלל זאָגן? דעם סאַמע נידעריקסטן... אָבער לייגן קען מען פיין... ריכטיק?

— ריכטיק... — איז מסכּים דער דערציילער. — אָבער צו וואָס האָסטו, פונדעסטוועגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ?

— צו וואָס? אָט טאַקע דערפאַר, וואָס דו רעדסט ניט ריכטיק... דערציילן דערציילסטו אַזוי, אַז מע קען מיינען, אַז ניט דו אַליין האָסט געשאַפן דיין לעבן, נאָר עפּעס זייטיקע מענטשן און פאַרשיידענע דורכגייער. און וואו ביסטו געווען אין דער דאָזיקער צייט? און פאַרוואָס האָסטו קיין שום קראַפט ניט אַרויסגעשטעלט קעגן דיין גורל? און ווי אַזוי קומט דאָס עפּעס אויס, וואָס מיר אַלע קלאָגן זיך אויף מענטשן, און אַליין זיינען מיר דאָך אויך מענטשן,

איז, הייסט עס, קען מען זיך אויף אונז אויך קלאָגן? מע שטערט אונדז צו לעבן, — הייסט עס, אַז 'מיר האָבן אויך עמעצן געשטערט, אמת? נו, איז מיט וואָס דערקלערט מען דאָס?...

— מע דאַרף בויען אַזאַ מין לעבן, אַז פאַר אַלעמען זאָל זיין אין אים גענוג פּלאַץ און קיינער זאָל קיינעם ניט שטערן — שטעלט מען קאָנאָוואַלאָון סענטענציעז אַוועק אַ טעזיס.

— און ווער דאַרף בויען דאָס לעבן? — פרעגט ער מעשה־זיגער. און מורא האָבנדיק, מע זאָל ביי אים ניט אויסכאַפּן דעם ענטפער אויף זיין פראַגע, ענטפערט ער תיכּף־ומיד אַליין: — מיר! טאַקע מיר אַליין. אָבער ווי אַזוי זאָלן מיר בויען דאָס לעבן, אויב מיר קענען דאָס ניט און אונזער לעבן האָט זיך ניט איינגעגעבן? קומט טאַקע אויס, ברידער, אַז דער גאַנצער אָנהאַלט — זיינען מיר! נו, און דאָס ווייסט מען דאָך, וואָס דאָס הייסט מיר...

מע האָט אים דערווידערט און זיך פאַרטיידיקט, אָבער ער האָט אַלץ געזאָגט זיינס: קיינער איז קיין זאַך ניט שולדיק פאַר זיי, נאָר יעדערער פון אונדז איז אין אַלץ שולדיק פאַר זיך אַליין...

ס'איז זייער שווער געווען אָראָפּצושלאָגן אים פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, און ס'איז זייער שווער געווען איבערצונעמען 'זיין קוק אויף מענטשן. פון איין זייט, זיינען זיי אין זיין פאָרשטעלונג געווען פולקום פעיִק איינצואָרדענען אַ פריי לעבן, פון דער צווייטער זייט — זיינען זיי געווען עפּעס אַזעלכע שוואַכע, צעקראָכענע און אַבסאָלוט אויף קיין זאַך ניט פעיִק, אויסער צו קלאָגן זיך איינע אויף די אַנדערע.

זייער אָפט פלעגן זיך אַזעלכע דיספּוטן, וואָס פלעגן זיך אָנהייבן אין האַלבן טאָג, ענדיקן אַרום האַלבע נאַכט, און איך מיט קאָנאָוואַלאָוון פלעגן זיך אומקערן פון די „גלעזערנע מענטשן" אין דער פינסטער און ביז די קני אין בלאָטע.

איינמאָל האָבן מיר זיך שיר ניט דערטרונקען אין אַ זומפּ, אַ צווייט מאָל זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ רעווידיע און האָבן איבערגענעכטיקט אין פּאָליציי־צירקל צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק פאַרשיידענע פריינט פון דער „גלאָז־פאַבריק", וואָס האָבן זיך לויט דער מיינונג פון דער פּאָליציי אַרויסגעוויזן אַלס פאַרדעכטיקע

סוביעקטן. טיילמאָל פּלעגט זיך אונז ניט װעלן פילאָסאָפירן און מיר פּלעגן אַװעקגיין װייט אין די לאָנקעס, איבערן טייך, װאו עס זיינען געװען קליינע אָזערעס מיט אַ סך דראָבנע פישלעך, װאָס פּלעגן אַריינקומען אַהין בעת דעם פרילינגס־געװיסער. אויפן ברעג פון איינער פון אַזעלכע אָזערעס פּלעגן מיר אין די קוסטעס פונאַנדערלייגן אַ פייער, װעלכן מיר האָבן גענויטיקט בלויז אויף צו פּאַרשענערן די אומגעבונג, און פּלעגן לייענען ביכער אָדער שמועסן װעגן לעבן. און טיילמאָל פּלעגט קאָנאָװאַלאָװ פּאַרטראַכטערהייט פאָרלייגן:

— מאַקסים, קום לאָמיר קוקן אין הימל!

פּלעגן מיר זיך לייגן אויפן רוקן און קוקן אין דעם תכלת־בלויען, טיפן אָפּגרונט איבער אונז. תחילת פּלעגן מיר הערן דעם רויש פון די בלעטער אַרום אונז און דאָס פּלעסקען פון דעם װאַסער אין דער אָזערע, פּלעגן שפּירן אונטער זיך די ערד און אַרום אונז — אַלץ, װאָס איז דאַמאָלסט דאָ געװען... דערנאָך פּלעגט ביסלעכװייז דער תכלת־בלויער הימל, גלייך ער װאָלט אונז צוגעצויגן צו זיך, איינהילן אונזער באַװאוסטזיין אין אַ נעפּל, מיר פּלעגן פּאַרלירן דאָס געפיל פון זיין. און גלייך װי אָפּגעריסן פון דער ערד, פּלעגן מיר אַזוי װי שװימען אין דעם הימלשן מידבר און פּלעגן זיך געפינען אין אַ האַלב־דרעמלענדיקן הסתכלותדיקן צושטאַנד און זיך פלייסן ניט צו צעשטערן אים ניט מיט קיין װאָרט, ניט מיט קיין באַװעגונג.

אַזוי פּלעגן מיר אָפּליגן עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד און פּלעגן זיך אומקערן אַהיים צו דער אַרבעט, גייסטיק און קערפּערלעך באַנייט און דערפרישט דורך דער דאָזיקער באַהעפטונג מיט דער נאַטור.

קאָנאָװאַלאָװ האָט געליבט די נאַטור מיט אַ טיפער ליבע אָן װערטער, װאָס האָט זיך בלויז אויסגעדריקט אין דעם װייכן גלאַנץ פון זיינע אויגן, און שטענדיק, װען אים פּלעגט אויסקומען צו זיין אין פעלד אָדער אויפן טייך, פּלעגט ער זיך דורכדרינגען מיט עפּעס אַ פרידלעך־ליבלעכער שטימונג, װאָס פּלעגט

אים נאָך מער ענלעך מאַכן צו אַ קינד. טיילמאָל פלעגט ער זאָגן מיט אַ טיפן זיפץ און קוקן בשעת־מעשה אין הימל אַריין:

— עך!... ווי וואויל!

און אין דעם דאָזיקן אויפרוף פלעגט שטענדיק זיין מער געדאַנק און געפיל, איידער אין די רעטאָרישע פיגורן פון אַ סך פּאָעטן, וואָס מיט זייער התפעלות זיינען זיי מער אויסן אונטערצוהאַלטן זייער רעפּוטאַציע אַלס געשמאַקפולע מענטשן, איידער דאָס ווירקלעכע פאַרגעטערן די אומאויסדריקבאַרע, צערטלעכע שיינקייט פון דער נאַטור....

פונקט אַזוי ווי אַלץ, אַזוי פאַרלירט אויך פּאָעזיע איר הייליקע פּשטות און אוממיטלבאַרקייט, ווען מע מאַכט פון איר אַ פּראָפעסיע.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי חדשים, און פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך אַ סך איבערגעשמועסט און איבערגעלייענט מיט קאָנאָוואַלאָוון. „סטענקעס אויפשטאַנד“ פלעג איך אים לייענען אַזוי אָפט, אַז ער פלעגט אים שוין פריי קענען איבערדערציילן מיט אייגענע ווערטער, זייט נאָך זייט, פון אָנהייב ביזן סוף.

דאָס דאָזיקע בוך איז פאַר אים געווען דאָס זעלבע, וואָס אַ צויבער־מעשהלע איז פאַר אַ שפּירעוודיק קינד. ער פלעגט אָנרופן די געגנשטאַנדן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן, די נעמען פון זיינע העלדן, און איינמאָל, ווען דאָס ברויט־שיסל איז אַראָפּגעפאַלן פון פּאָליצע און זיך צעבראָכן, האָט ער מיט פאַרדראָס און בייז אויסגעשריען:

— אַך דו, וואָיעוואָדע פּראָזאָראָווסקי.

דעם ניט געראָטענעם ברויט פלעגט ער רופן פּראָלקע, די הייוון פלעגט ער רופן „סטענקעס מחשבות“, סטענקע גופא איז געווען אַ סינאָנים פון אַלץ, וואָס איז געווען אויסערגעוויינלעך, גרויס, אומגליקלעך, ניט געראָטן.

וועגן קאַפּיטאַלינען, וואָס איך האָב געלייענט איר בריוו און פאַרפאַסט אויף אים אַן ענטפער אין דעם ערשטן טאָג פון מיין

באַקענען זיך מיט קאָנאָוואַלאָוון, האָט מען די גאַנצע צייט כמעט ווי ניט דערמאָנט.

איך האָב געוואוסט, אַז קאָנאָוואַלאָוו האָט איר געשיקט געלט אויפן נאָמען פון איינעם אַ פּיליפּ, מיט דער בקשה, ער זאָל ערב זיין אין דער פּאָליציי פאַר דער מיידל, אָבער ניט פון פּיליפן, ניט פון דער מיידל האָט ער ניט באַקומען קיין שום ענטפער.

און איינמאָל אינאָוונט, ווען איך מיט קאָנאָוואַלאָוון האָבן זיך געגרייט אַריינצוזעצן דעם ברויט, האָט זיך געעפנט די טיר פון דער בעקעריי און פון דער פינסטערניש פון דעם פייכטן פירהויז האָט אַ נידעריקע, און אין דער זעלבער צייט ציטעריקע און אַרויסרופנדיקע שטימע, אַרויסגערעדט:

— אַנטשולדיקט...

— וועמען דאַרפט איר? — האָב איך זי געפרעגט, ווען קאָנאָוואַלאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט די לאָפּעטע צו די פיס און האָט זיך אין פאַרלעגנהייט געצופּט די באָרד.

— דאָ אַרבעט דער בעקער קאָנאָוואַלאָוו?

איצט איז זי געשטאַנען אויפן שוועל, און דאָס ליכט פון דעם הענג־לאָמפּ איז איר געפאַלן גלייך אויפן קאָפּ — אין דעם ווייסן, וואָלענעם טיכל. פון אונטערן טיכל האָט אַרויסגעקוקט אַ קיילעכדיק, ליב געזיכט מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז, מיט פּוכלע באַקן און אויף זיי חן־גריבעלעך פון דעם שמייכל פון די פּוכלע, רויטע ליפּן.

— דאָ! — האָב איך איר געענטפערט.

— דאָ, דאָ! — האָט זיך קאָנאָוואַלאָוו פּלוצלונג און עפּעס זייער רוישיק דערפרייט, האָט אַ וואָרף געטאָן די לאָפּעטע און האָט זיך מיט דרייסטע טריט געלאָזט צום גאַסט.

— סאַשענקאַ! — האָט זי אָפּגעזיפצט און איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, וואָס צוליב דעם האָט זיך קאָנאָוואַלאָוו נידעריק אָנגעבויגן צו איר.

— נו, וואָס? ווי אַזוי? שוין לאַנג? האַ? אָט ביסטו אַ מענטש! ביסט פריי? וואויל! אָט זעסטו! כ'האָב געזאָגט... איצט האָסטו ווידער אַ וועג! גיי זיך, דיר דרייסט! — האָט קאָנאָוואַלאָוו זיך אײַליק אַראָפּגערעדט פאַר איר דאָס האַרץ, איז אַלץ געשטאַנען לעבן שוועל און ניט פונאַנדערגענומען זיינע הענט, וואָס האָבן אַרומגענומען איר האַלז און איר טאַליע.

— מאַקסים... די ראַנדעווע שוין היינט אַליין, ברודער, און איך וועל זיך פאַרנעמען מיט דער דאַמע... וואו ביסטו פאַרפאָרן, קאַפּאַ?

— איך בין גלייך אַוועק אַהער, צו דיר...

— אַ־הער? אַהער קען מען ניט.... דאָ באַקט מען דאָך ברויט און... מע קען דאָ בשום אופן ניט! אונזער באַלעבאָס איז זייער אַ שטרענגער מענטש. מע וועט זיך דאַרפן איינאָרדענען די נאַכט ערגעץ אַנדערש... אין אַ האָטעל, אַ שטייגער... האַ־אידאַ!

און זיי זיינען אַוועק. איך בין זיך געבליבן עסקן מיט דעם ברויט און האָב פריער פאַר אינדערפרי גאָר ניט אָנגעדויבן צו ריכטן זיך אויף קאָנאָוואַלאָוון, אָבער צו מיין גרויס איבעראַשונג, איז ער געקומען אין דריי שעה אַרום. מיין חידוש איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען איך האָב געגעבן אַ קוק אויף אים און גע־מיינט, אַז איך וועל דערזען אַ געזיכט, וואָס שיינט פון פרייד, און האָב גאָר דערזען אַ זויער געזיכט, אַן אומעטיקס און אַ מידס?

— וואָס איז מיט דיר? האָב איך אים געפרעגט און בין געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער שטימונג זיי־נער, וואָס האָט זיך גאָרנישט געפּאַסט צו דער געשעעניש.

— גאָרנישט!... — האָט ער אומעטיק געענטפערט און, גע־שוויגן אַ ווײַלע, האָט ער מיט גרויס כּעס אויסגעשפּיט.

— דאָך, פאָרט?... — בין איך צוגעשטאַנען צו אים...

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט ער זיך מיד אָפּגערופן און האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויפן קאַסטן. דאָך... דאָך — אַ פרויענצימער! אָט איז גאָר!

מיר האָט געקאָסט אַ סך מי, ביז איך האָב אַרויסבאַקומען

פון איב אַ דערקלערונג און, ענדלעך, האָט ער מיר זי געגעבן מיט אַזעלכע ווערטער אַן ערך:

— איך זאָג — אַ פרויענצימער! און ווען זי זאָל ניט געווען קיין נאַר, וואָלט גאָרנישט ניט געווען. פאַרשטאַנען? נו... אָט זאָגסטו: אַ פרויענצימער איז אויך אַ מענטש! אַוודאי, גיין גייט זי בלויז אויף די הינטערשטע לאַפּעס, קיין גראָז עסט זי ניט, זי רעדט, זי לאַכט... הייסט עס, אַז זי איז ניט קיין בהמה... און דאָך איז זי מיט אונזערן אַ ברודער ניט קיין פּאָר... נ=יאָ! פאַרוואָס? ווייס איך... טאַקע ניט! איך שפּיר, אַז זי פּאַסט זיך ניט, אָבער פאַרוואָס — קען איך ניט פאַרשטיין... אָט וואוהין זי צילט, קאַפּיטאָלינע — כ׳וויל, זאָגט זי, מיט דיר, דאָס הייסט — מיט מיר, לעבן אַזוי ווי אַ ווייב... איך וויל, זאָגט זי, זיין דיין געטרייער הונט... גאָר אָן שכל! נו, טייערינקע, זאָג איך צו איר, דו ביסט נאָך גאָר אַ קינד, ביסט נאָך אַ נאַרעלע; נו, באַטראַכט זיך, ווי וועסטו מיט מיר לעבן? ערשטנס — ציט מיך צו בראָנפן, צווייטנס, האָב איך ניט קיין שום היים, דריטנס, בין איך אַ וואַגאַבונד און קען אויף איין אָרט ניט אַיינזיין... און נאָך און נאָך, זייער פיל זאַכן... זאָג איך איר. און זי — אַ שיכּור איז נאַרישקייט! אַלע בעלי=מלאכות מאַנסביל, זאָגט זי, זיינען געפערלעכע שיכּורים, פונדעסטוועגן האָבן זיי ווייבער; אַ היים, — זאָגט זי, וועט אויך זיין, אויב ס׳וועט זיין אַ ווייב, און דו וועסט, זאָגט זי, דעמאָלט אין ערגעץ ניט לויפן... זאָג איך איר: קאַפּאַ, כ׳וועל קיינמאָל ניט אַיינגיין אויף דעם, ווייל איך ווייס — פירן אַזאַ לעבן קען איך ניט און וועל זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען. און זי — וועל איך, זאָגט זי, אַריינשפּרינגען אין טייך! זאָג איך איר: טיפּ=פּש! האָט זי זיך גענומען זידלען, אַלץ הייסט זידלען! אַך דו, זאָגט זי, העצע=מאַכער, אומפאַרשעמטער פּרצוף, וואָס דו ביסט, שווינדלער, לאַנגער טייוול!... און ס׳איז אַוועק אַ פּיזמון!... האָט זיך פּשוט אַזוי אַרויפגעוואָרפן אויף מיר, אַז איך בין שיר ניט אַנטלאָפן געוואָרן. דערנאָך האָט זי גענומען וויינען. וויינט און טאַדלט מיך: צו וואָס, זאָגט זי, האָסטו מיך אַרויסגענומען פון יענעם אָרט, אויב דו נייטיקסט זיך ניט אין מיר? צו וואָס, זאָגט זי, האָסטו

מיך פון דאָרטן אַרויסגעגאַרט, און וואו, זאָגט זי, זאָל איך זיך איצטער אַהינטאָן? ביסט, זאָגט זי, אַ געלער גולם... פּ־פו! נו, וואָס זאָל איך איצטער מיט איר טאָן?

— טאַקע באמת, צו וואָס האָסטו זי פון דאָרטן אַרויסגע־שלעפּט? — האָב איך אים געפרעגט.

— צו וואָס? אָט אַ מאָדנער מענטש! ס'איז דאָך אַ רחמנות! אַ מענטש זינקט אין בלאָטע... און יעדערער, ווער עס גייט פאַר־ביי, האָט אויף אים רחמנות. אָבער אַיינאָרדענען זיך... און נאָך אַזעלכע זאַכן, ג'יין־ניין! אויף דעם קען איך ניט אַיינגיין. וואָס פאַר אַ פאַמיליע־מענטש בין איך? ווען איך וואָלט זיך געקענט האַלטן אויף דעם דאָזיקן פונקט, וואָלט איך זיך שוין לאַנג אַנט־שלאָפן. ס'זיינען געווען אַזעלכע פּאַסיקע געלעגנהייטן! כ'האָב גע־קענט מיט נדן און... אַלץ... אָבער וויבאַלד, אַז איך קען דאָס ניט באַהויבן, ווי אַזוי קען איך בויען אַזאַ בנין? ווייסט זי... פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז דאָס... אַז ס'איז ניט גוט... אָבער ווי אַזוי קען מען אַנדערש? איך קען ניט!

ער האָט אַפילו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס באַשטעטיקונג פון זיין טרויעריקן „איך קען ניט“, איז אויפגעשטאַנען פון קאַסטן און, צעקאָשמעט מיט ביידע הענט די האָר פון באָרד און פון קאָפּ, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט אויסגעשפּייט און געשפּרייזט בשעת־מעשה איבער דער בעקערײַ.

— מאַקסים! — האָט ער פרעגנדיק אין פאַרשעמט גענומען ריידן, — וואָלסט אפשר אַוועק צו איר און וואָלסט איר ווי עס־איז איבערגעגעבן פאַרוואָס און צוליב־וואָס... האַ? גיי, ברודער!

— וואָס־זשע זאָל איך איר זאָגן?

— דעם גאַנצן אמת זאָג!... ער קען ניט. ס'איז ניט פאַר אים... אָדער זאָג גאָר דאָס... ער ליידט אויף אַ מיאוסער קרענק!

— דאָס איז דאָך אָבער ניט אמת? — האָב איך זיך צע־לאַכט.

— נ־יאָ... ניט אמת... אָבער די סיבה איז אַ גו־טע. האַ? אָך דו, דער טייוול זאָל דאָס נעמען! אָט איז דאָס אַ פאַרדריי־

עניש — אַ ווייב! האַ? און וועגן דעם האָב איך דאָך אַפילו קיין איינמאָל ניט געטראַכט! נו, ווי קום איך צו אַ ווייב?

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער מיט אַזויפיל פאַרוואונדערונג און שרעק צעפירט מיט די הענט, אַז ס'איז געווען קלאָר — אַז ער האָט לחלוטין ניט וואו אַהינצוטאָן אַ ווייב. און, ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן קאָמיזם, וואָס איז געלעגן אין זיין אַרט דערציילן די געשיכטע, האָט איר דראַמאַטישע זייט מיך געצוואונגען שטאַרק צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער לאַגע פון דעם חבר און דער דאָזיקער מיידל. און ער איז אַלץ אַרומגעגאַנגען איבער דער בעקעריי און האָט אַזוי ווי גערעדט צו זיך אַליין:

— נו, איצטער געפעלט זי מיר גאָרניט, אָבער לגמרי ניט! זי זויגט מיך אַזוי איין, זי ציט מיך אַזוי ערגעץ אַריין, גלייך אַ טיפער זומפּ. געזען, אויסגעקליבן זיך אַ מאַן! זי איז ניט איבעריקס קלוג, זי איז אָבער אַ שעלמע פון אַ מיידל.

דער אינסטינקט פון דעם וואַגאַבונד הייבט אין אים שוין אָן צו ריידן, דאָס אויפגעוואַכטע געפיל פון דער אייביקער שטרעבונג צו פרייהייט, אויף וועלכער מע האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט.

— ניין, מיך וועסטו אויף אַזאַ ווערעמל ניט פאַנגען, איך בין אַ גרויסע פיש! — האָט ער באַרימעריש אויסגעשריען. איך קען גאָר נעמען און... וואָס מיינסטו אינדערעמתן? — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן מיטן פון דער בעקעריי, האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרטראַכט. איך האָב נאָכגעשפירט די גרימאַסן פון זיין אויפגערעגטער פיזיאָנאָמיע און האָב זיך געמיט צו טרעפן, וואָס ער האָט באַשלאָסן.

— מאַקסים! האַידאַ, אויף קובאַן!?

דאָס האָב איך ניט דערוואַרט. כ'האָב וועגן אים געהאַט געוויסע ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישע פּלענער: — כ'האָב געהאָפט אויס־לערנען אים לייענען און שרייבן און איבערגעבן אים דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אַליין געקענט אין יענער צייט. ס'וואָלט געווען טשיקאַווע צו זען, וואָס דערפון וואָלט אַרויסגעקומען... ער האָט מיר געגעבן אַ וואָרט. דעם גאַנצן זומער ניט צו רירן זיך פון אָרט; דאָס האָט מיר פאַרלייכטערט מיין אויפגאַבע, און פּלוצלונג...

— נו, דאָס באַלעבעטשעסטוו שוין! — האָב איך אים געענט־פערט מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט.

— טאָ וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — האָט ער אויסגעשריען.

איך האָב אים גענומען דערקלערן, אַז קאַפּיטאַלינעס אַטענ־טאַט אויף אים איז גאָרניט אַזוי קאַטעגאָריש־ערנסט, ווי ער שטעלט זיך פאָר, און אַז מע דאַרף זיך מיישב זיין און אָפּ־וואַרטן דערווײַלע.

און ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, האָט מען גאָר קיין סך ניט באַדאַרפט וואַרטן.

מיר זיינען געזעסן אויפן דיל לעבן אויוון מיט די רוקנס צו די פענסטער און האָבן געשמועסט. ס'איז געווען אַרום האַלבער נאַכט, און פון זינט קאָנאָוואַלאָוו איז געקומען איז אַוועק אַ שעה אָנדערטהאַלבן־צוויי. פּלוצלונג האָט זיך הינטער אונז דערהערט אַ פּלאַצעריי פון שויבן, אַ היבשער שטיין האָט זיך אַ זעץ גע־געבן אָן דיל. מיר זיינען ביידע אויפגעשפּרונגען פון שרעק און זיך אַ לאָז געטאָן צום פענסטער.

— ניט געטראָפן — האָט מען מיט אַ קוויטשעריי אין אים גע־שריען. — שלעכט געצילט! — כ'וואָלט שוין...

— ל'מיר גיי־יין! — האָט געריטשעט אַ חיהשער באַס. ל'מיר גיי־יין, און איך וועל אים שפּעטער... מכבד זיין...

אַ פאַרצווייפלטער, היסטערישער און שיכורער געלעכטער, וואָס האָט געקוויטשעט און געריסן די נערוון, איז געפלויגן פון גאַס אין דעם צעבראָכענעם פענסטער אַריין.

— דאָס איז זי! — האָט טרויעריק געזאָגט קאָנאָוואַלאָוו.

איך האָב דערווײַלע געזען בלויז צוויי פיס, וואָס זיינען געווען אַראָפּגעהאַנגען פון טראָטואַר אין דער פאַרטיפונג, וואָס פאַרן פענס־טער. זיי זיינען געהאַנגען און האָבן זיך מאָדנע געבאָמבלט, און האָבן מיט די פּיאַטעס געקלאַפּט אין דעם געמויערטן וועגטל פון דער גרוב, גלייך זיי וואָלטן געזוכט פאַר זיך אַן אָנשפּאַר.

— אָבער ל'מיר גיי־יין! — האָט געפּלאַפּלט דער חיהשער באַס.

— לאָז! שלעפּ מיך ניט, לאָז אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַדיע, סאַשקע! אַדיע... — האָט זיך דערהערט זייער אַ מיאוס זידל־וואָרט.

צוגעגאַנגען נענטער צום פענסטער, האָב איך דערזען קאַפּיטאָלינען. זי האָט זיך אָנגעבויגן, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מיט די הענט אין דעם טראָטואַר און האָט זיך געפּלייסט אַרײַנצוקוקן אינעווייניק אין דער בעקערײַ, און אירע צעשויבערטע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער דער פּלייצע און דער ברוסט. דאָס ווײַסע טיכל האָט זיך אַראָפּגערוקט אויף אַ זייט, די פאָדערשטע זייט פון דעם ליף איז געווען צעריסן. קאַפּיטאָלינע איז געווען שרעקלעך שיכּור און האָט זיך געוויגט אין אַלע זײַטן, האָט געשלוקערצט, האָט זיך געזידלט, האָט היסטעריש געקוויטשעט, האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט, איז געווען אינגאַנצן צעשויבערט, מיט אַ רויט, שיכּור־געזיכט, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט טרערן...

איבער איר האָט זיך איבערגעבויגן אַ הויכע פיגור פון אַ מאַנספּאַרשוין, און אײַנגעשפּאַרט זיך מיט איין האַנט אין איר פּלייצע און מיט דער צווייטער אין דער וואַנט פון הויז, האָט ער אַליין געברומט:

— ל'מיר גיי־יין!...

— סאַשקע! דו האָסט מיך געקוילעט... גערענק.... פאַרפלוכט זאָלסטו ווערן, דו געלער טייוול! די ליכטיקע שיין זאָלסטו ניט אָנזען. כ'האָב געהאָפּט.... ס'וועט זיך פאַרבעסערן... האָסט זיך לוסטיק געמאַכט איבער מיר, דו רוצח איינער... גוט! מיר וועלן זיך נאָך אויסקווויטירן! אַ... האָסט זיך באַהאַלטן? שעמסט זיך... דו מיאוסער פּרצוף... סאַשע... ליבינקער.

— איך האָב זיך ניט באַהאַלטן... — האָט קאָנאָוואַלאָוו געזאָגט טעמפּ און געדיכט. — איך באַהאַלט זיך ניט... און אומזיסט האָסטו... איך האָב דאָך געוואָלט דײַן טובה; כ'האָב געמיינט — ס'וועט זײַן גוט, און דו האָסט מיר אויפגעוואָרפן גאָר נאַרישע זאַכן...

— סאַשקע! קאָנסט מיך דערהרגענען?

— צו וואָס האָסטו זיך אָנגעשיכורט? צי דען ווייסטו, וואָס ס'וואָלט געווען... מאָרגן....

— סאָשקע! סאָשע! דערטרינק מיך!

— זאָל זיין גענו־וג! ל'מיר גיי־יין!

— געמיינער יונג! פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גוטן מענטשן?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טומל, אַ? ווער איז דאָס דאָרטן?

דאָס פייפל פון דעם נאַכט־וועכטער האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם דאָזיקן דיאַלאָג, האָט אים פאַרהילכט און איז אָפּגעשטאָרבן.

— צו וואָס האָב איך דיר, טייוול איינער, געדאַרפט גלויבן...— האָט דאָס מיידל געקלאָגט אונטערן פענסטער.

דערנאָך האָבן זיך אירע פיס פלוצלונג אַ צאַפּל געטאָן, האָבן שנעל אַ שווינדל געטאָן אינדערהויך און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש. ס'האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט ריידן, אַ באָרבלעניש...

— כ'וויל ניט אין פּאָליציי! סאַ־אָשע! — האָט דאָס מיידל טרויעריק געיאָמערט.

איבער דעם ברוק האָבן שווער גענומען טאָפּען פיס.

פייפערייען, אַ טויב ברומען, אַ יאָמערן...

— סאַ־אָשע! לי־בער!

ס'האָט זיך געדוכט, אַז מע פייניקט עמעצן אָן רחמנות... דאָס אַלץ האָט זיך דערווייטערט פון אונז, איז געוואָרן פאַרשטיקטער, שטילער און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, אַזוי ווי אַ קאָשמאַר.

באַטויבטע, דערדריקטע פון דער דאָזיקער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט איבעררואַשנדיק שנעל, האָבן מיר ביידע געקוקט אויפן גאַס אין דער פינסטערניש אַריין און ניט געקענט צו זיך קומען פון דעם דאָזיקן געוויין, פון דעם רעווען, פון די זידלערייען, פון די באַפעלערישע אויסגעשרייען, און פון די וויטאָגלעכע קרעכצן. איך האָב זיך דערמאָנט איינצלנע קלאַנגען און האָב קוים געקאָנט גלויבן, אַז דאָס אַלץ איז ניט קיין חלום.

שרעקלעך שווער האָט זיך געענדיקט די דאָזיקע קליינע, שווערע דראַמע.

— אַ סוף... — האָט קאָנאָוואַלאָוו געזאָגט עפּעס באַזונדער קורץ און פּשוט און האָט זיך נאָך אַמאָל צוגעהערט צו דער שטילקייט פון דער פינסטערער נאַכט, וואָס האָט שטום און שטרענג געקוקט אויף אים אין פענסטער.

— וויִ זי האָט עס מיך!... — האָט ער אין עטלעכע סעקונדעס אַרום ווייטער געזאָגט מיט גרויס חידוש און איז פאַרבליבן אין דער פריערדיקער פּאָזע, אויפן קאַסטן, שטייענדיק אויף די קני און איינשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין דער משופּעדיקער פענסטער־ברעט. — אין פּאָליציי אַריינגעפאַלן... אַ שיכּורע... מיט עפּעס אַ טייוול. ווי גיך זי האָט עס געמאַכט! — ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, איז אַראָפּגעקראָכן פון קאַסטן, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַק, האָט אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט די הענט, האָט זיך צעוויגט און האָט מיך שטיל געפרעגט:

— דערצייל־זשע מיר, מאַקסים, וואָס איז דאָ אַזוינס פאָרגעקומען?... דאָס הייסט, וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך צו דעם גאַנצן ענין?

איך האָב אים דערציילט. ערשטנס, דאַרפסטו וויסן, וואָס דו ווילסט טאָן. אַז דו הייבסט עפּעס אָן טאָן, דאַרפסטו זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס וועט זיך די זאַך ענדיקן. ער האָט דאָס אַליין ניט פאַרשטאַנען, האָט ניט געוואוסט און איז דורכאויס געווען אין אַליין שולדיק. ער האָט מיך געמאַכט בייז — קאַפּיטאָלינעס קרעכצן און געשרייען, דאָס שיכּורע „לימיר גיי־יין!“.... — דאָס אַליין האָט נאָך געקלונגען אין מיינע אויערן, און איך האָב דעם חבר ניט געשאַנעוועט.

ער האָט מיך געהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער אים אויפגעהויבן, און אויף זיין געזיכט האָב איך איבערגעלייענט שרעק און שטוינונג.

— אָט האָסטו דיר אַ חתונה! — האָט ער אויסגעשריען. — געשייט! נו, איז... וואָס־זשע וועט זיין איצטער? אַ? ווי אַזוי? וואָס זאָל איך מיט איר טאָן?

אין דעם טאָן פֿון זיינע ווערטער, ווי אַזוי ער האָט אָנערקענט זיין שולד פֿאַר דער דאָזיקער מיידל, איז געווען אַזוי פֿיל ריין־קינדישע אויפֿריכטיקייט און אַזויפֿיל אומאַנטשלאָסנקייט, אַז תּיכּף איז ער מיר געוואָרן באַנג, און איך האָב ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז איך האָב, קענטיק, שוין צו שאַרף און האַרט גערעדט מיט אים.

— צו וואָס האָב איך זי באַדאַרפֿט רירן פֿון יענעם אָרט!— האָט קאָנאָוואַלאָוו זיך ניט געקענט מוחל זיין. — ווי וועט זי דאָס איצטער אויף מיר קוקן... אָט וואָס איך וועל טאָן... כ׳וועל אַוועק אַהין, אין פּאָליציי, און וועל בעטן... כ׳וועל זיך מיט איר זען... און אַזוי ווייטער. כ׳וועל איר זאָגן... וואָס־עס־איז. זאָל איך גיין?

איך האָב אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז פֿון זיין זען זיך מיט איר וועט קיים עפּעס אַרויסקומען. וואָס וועט ער איר זאָגן? דערצו איז זי שיכּור און שלאָפֿט שוין געוויס.

נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט.

— אָט איך וועל גיין. פֿונדעסטוועגן בין איך דאָך איר קיין שונא ניט... זאָג וואָס דו ווילסט. און דאַרטן ווער׳מען האָט זי? כ׳וועל גיין. דו גיב דאָ אַכטונג... כ׳וועל באַלד קומען...

און אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ דאָס היטל, איז ער שנעל אַרויס פֿון דער בעקעריי, אַפֿילו אָן די פּאַנטאָפֿל, אין וועלכע ער פֿלעגט געוויינטלעך פּראַנטעווען.

איך האָב געענדיקט די אַרבעט און זיך געלייגט שלאָפֿן, און אינדערפֿרי, ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און האָב, לויט דער געוויינהייט, אַ קוק געטאָן אויפֿן אָרט, וואו קאָנאָוואַלאָוו איז געשלאָפֿן, איז ער נאָך ניט געווען.

ער איז געקומען ערשט פֿאַרנאַכט — אַן אָנגעכמורעטער, אַ צעפּאַטלטער, מיט שאַרפֿע קנייטשן אויפֿן שטערן און מיט אַ נעפּל אין די בלויע אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו די קאַסטנס, ניט אַ קוק געטאָן אויף מיר, האָט געזען וואָס איך האָב אָפּגעטאָן און האָט זיך שווייגנדיקערהייט געלייגט אויפֿן דיל.

— נו וואָס, דו האָסט זי געזען? — האָב איך געפֿרעגט.

— כ'בין דאָך צוליב דעם געגאַנגען.

— נו איז וואָס הערט זיך?

— גאָרנישט.

ס'איז געווען קלאָר, אַז ער האָט ניט געוואָלט ריידן. רעכענדיק, אַז אַזאַ שטימונג וועט זיך לאַנג ניט ציען, האָב איך אים ניט געוואָלט דערעסן מיט פראַגן. און דעם גאַנצן טאָג האָט ער געשוויגן, האָט מיר בלויז צוגעוואָרפן עטלעכע קורצע פראַזן, וואָס זיינען געווען נוגע דער אַרבעט, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער בעקעריי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַלץ מיט די זעלבע פאַרנעפּלטע אויגן, מיט וועלכע ער איז געקומען. אין אים האָט זיך עפּעס אויסגעלאָשן; ער האָט געאַרבעט לאַנגזאַם און אָן חשק, גלייך זיינע געדאַנקען וואָלטן אים געבונדן.

ביינאַכט, ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַריינגעזעצט אין אויוון דעם לעצטן געבעק ברויט און האָבן זיך — אויס מורא, דאָס ברויט זאָל ניט איבערגעזעסן ווערן אין אויוון — ניט געלייגט שלאָפן, האָט ער מיך געפרעגט:

— אַנו, גיב עפּעס אַ לייען וועגן סטענקען.

אַזוי ווי די באַשרייבונג פון די עינויים און פון דער טויטשטראָף פלעגט אים אַממערסטן אויפרעגן — האָב איך פאַר אים גענומען לייענען טאַקע אָט די שטעל. ער האָט געהערט, ליגנדיק אומבאַוועגלעך אויפן דיל מיט דער ברוסט אַרויף, און האָט געקוקט אויף דער פאַרדריכערטער געוועלבטער סטעליע און האָט קיין פינטל ניט געטאָן מיט אַן אויג.

— געשטאָרבן סטענקאַ. אָט האָט מען געמאַכט אַ סוף מיט אַ מענטשן, — האָט קאָנאָוואַלאָוו לאַנגזאַם גענומען ריידן. — דאָך האָט מען אין יענער צייט געקענט לעבן. פ״יי. ס'איז געווען, וואו אַוועקצולאָזן זיך. מע האָט געקענט קילן דאָס האַרץ. איצט אָבער איז שטיל און רויק... אָרדענונג... ווען מע זאָל זיך אַזוי צוקוקן פון דער זייט, איז איצט געוואָרן אַן אמת רויק לעבן. ביכלעך, בילדונג... און דאָך לעבט דער מענטש אָן שוץ און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום. זינדיקן איז פאַרווערט, אָבער ניט זינדיקן קען מען ניט... ווייל אויף די גאַסן איז טאַקע

אָרדענונג, אָבער אין דער נשמה — איז אַ פּלאָנטער. און קיינער קען קיינעם ניט פאַרשטיין.

— סאַשע! נו, איז ווי איז בײַ דיר געבליבן מיט קאַפּיטאַלינען? — האָב איך געפרעגט.

— אַ? האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ. — מיט קאַפּקען? — אוים!... — ער האָט אַנטשלאָסן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— געענדיקט, הייסט עס?

— איך? ניין... זי האָט אַליין געענדיקט...

— ווי אַזוי?

— גאָר פּשוט. זי האָט זיך אײַנגעעקשנט און ניט פון אָרט... אַלץ ווי ס'איז געווען... מער ניט פריער האָט זי ניט געטרונקען, און איצט האָט זי גענומען טרינקען... נעם אַרויס דעם ברויט, און איך וועל זיך לייגן שלאָפן.

אין דער בעקערײַ איז געוואָרן שטיל. דער לאָמפּ האָט גערויכערט, פון צײַט צו צײַט פלעגט אונטערקנאַקן די זאַסלינקע און די אייבערשטע האַרטע פון דעם אויסגעבאַקענעם ברויט אויף די פּאָליצעס האָבן אויך געקנאַקט און זיך געטריקנט. אויפן גאַס, אַנטקעגן אונזער פענסטער, האָבן די נאַכט־וועכטער געשמועסט. און צו אונזער אויער פלעגט צײַטנווײַז דערגיין נאָך אַ מאָדנער קלאַנג, צי אַ שילד האָט ערגעץ געסקריפּעט, צי עמעצר האָט געקרעכצט.

איך האָב אַרויסגענומען דעם ברויט און זיך געלייגט, אָבער מיר האָט זיך ניט געשלאָפן, און איך בין געלעגן און זיך צוגעהערט צו אַלע קלאַנגען פון דער נאַכט, בין געלעגן מיט האַלבאָפענע אויגן. פּלוצלונג זע איך, ווי קאָנאָוואַלאָוו הייבט זיך שטילערהייט אויף פון דיל, גייט־צו צו דער פּאָליצע, נעמט פון איר אַראָפּ קאָסטאָמאַראָווס בוך, עפנט אים אויף און טראָגט אים צו צו די אויגן. איך זע קלאָר זײַן פאַרטראַכט געזיכט, איך שפּיר אים נאָך, ווי ער פירט מיטן פינגער איבער די שורות, ווי ער שאָקלט מיטן קאָפּ, קערט איבער אַ זײַטל, קוקט זיך ווידער אין אים שאַרף אײַן, און ווענדט דערנאָך אָפּ די אויגן אויף מיר. עפּעס אויסטערלישס, אָנגעשטרענגטס און פרעגנדיקס שפּיגלט אָפּ זײַן פאַר־

טראַכט, מאָגער געזיכט, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווענדט צו מיר, און איז ניי פאַר מיר.

איך האָב ניט געקענט אײַנהאַלטן מיין נייגעריקייט און האָב אים געפרעגט, וואָס ער טוט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט... — האָט ער זיך צעטומלט; דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, האָט דאָס בוך גע־האַלטן אין האַנט, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און האָט, שטאַמלענדיק, גענומען ריידן: — איך וויל, פאַרשטייסטו מיך, אָט־וואָס דיך בעטן... צי איז ניטאָ אַמאָל עפּעס אַ בוך מכּוח די אָרדענונגען פון לעבן? איך מיין, אַ מוסטער, ווי אַזוי צו לעבן? כ׳וואָלט זיך געוואָלט קלאָר מאַכן די מעשׂים, וועלכע פון זיי זיינען שעדלעך, און וועלכע זיינען זיך נישקשה... פאַרשטייסטו מיך, איך צעטומל זיך מיט מיינע מעשׂים... דאָס, וואָס ווייזט מיר תּחילת אויס גוט, לאָזט זיך צום סוף אויס שלעכט. אָט אַפילו וועגן קאַפּקען. — ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווייטער גערעדט מיט קראַפט און בעטנדיק: — איז אָט, גיב אָקאָרשט אַ זוך, צי ס׳איז ניטאָ קיין בוך מכּוח די מעשׂים? און לייען מיר פאָר.

— אַ שטיל־שווייגן פון עטלעכע מינוט...

— מאַקסים!...

— אַ?

— אָט האָט עס מיך קאַפּיטאָלינע אויסגעפּוצט!

— אָבער גוט... גענוג דיר שוין...

— פאַרשטייט זיך, איצט איז שוין ניט כּדאַי... אָבער זאָג מיר: ווי מיינסטו, זי איז גערעכט?...

ס׳איז געווען אַ גליטשיקע פראַגע, אָבער אַ טראַכט געטאָן אַ ווײַלע, האָב איך אויף דעם געענטפערט פּאָזיטיוו.

— אָט איך מיין אויך טאַקע אַזוי... זי איז גערעכט... יאָ...— האָט קאָנאָוואַלאָוו טרויעריק אויסגעצויגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט זיך לאַנג געבאָרבלט אויף זיין ראָגאָזשע, וואָס איז געווען אויסגעבעט גלייך אויפן דיל, איז עטלעכע מאָל אויפגע־

שטאַנען, האָט פאַררויכערט, האָט זיך געזעצט אונטערן פענסטער און האָט זיך ווידער געלייגט.

דערנאָך בין איך איינגעשלאָפן, און ווען איך בין אויפגעשטאַנען, איז ער שוין ניט געווען אין דער בעקעריי און איז ערשט געקומען אַנטקעגן נאַכט. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט עפּעס אַ שטויב, און אין זיינע פאַרנעפּלטע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן עפּעס אומבאַוועגלעכס. אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אויף דער פּאָליצע, האָט ער אָפּגעזיפצט און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבנאַנאַנד מיט מיר.

— וואו ביסטו געווען?

— בין געגאַנגען זען קאַפּקען.

— נו, וואָס?

— אַ סוף, ברודער! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט...

— מיט דער דאָזיקער אומה קען מען, משמעות, גאָרנישט ניט מאַכן... — האָב איך געפּרוווט צעשטרייען זיין שטימונג און האָב גענומען ריידן מכּוח דעם מעכטיקן כּוח פון רגילות וכּדומה זאַכן, וואָס האָבן זיך געפּאַסט אין דעם פאַל. קאָנאָוואַלאָוו האָט עקשנותדיק געשוויגן און האָט געקוקט אויפן דיל.

— ניין, וואָס הייסט! ניט אין דעם באַשטייט די זאַך! נאָר גאָר פּשוט, איך בין אַ שעדלעכער מענטש... דער שלימזל גייט מיר נאָך אין לעבן... פון מיר שטראָמט אַרויס עפּעס אַ גיפטיקער גייסט. און ווי נאָר איך גיי צו נאָענט צו אַ מענטשן, אַזוי שטעקט ער זיך פון מיר אָן. און פאַר יעדערן ברענג איך מיט זיך בלויז אומגליק... ווארעם, אַז מע זאָל גוט באַקלערן — איז וועמען האָב איך מיט מיין גאַנץ לעבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן? קיינעם ניט! און מיט אַ סך מענטשן האָב איך דאָך געהאַט צו טאָן... כ'בין אַ צעפוילטער מענטש...

— דאָס איז געפּלאַפּלט!...

— ניין, ס'איז ריכטיק!... — האָט ער מיט איבערצייגונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

איך האָב אים אויפגעוויזן פאַרקערט, אָבער אין מיינע רייד האָט ער געשעפּט נאָך מער זיכערקייט, אַז ער טויג ניט צום לעבן.

ער האָט זיך בכלל גענומען שנעל און שאַרף ביטן פון זינט דער געשיכטע מיט קאַפּקען. ער איז געוואָרן פאַרטראַכט, האָט אָנגעוואָרן דעם אינטערעס צום בוך, האָט שוין געאַרבעט ניט מיט דעם פריערדיקן ברען, איז געוואָרן שווייגנדיק און האָט אויפגעהערט זוכן געזעלשאַפט.

אין דער צייט, וואָס ער איז געווען פריי פון אַרבעט, פלעגט ער זיך לייגן אויפן דיל און פלעגט עקשנותדיק קוקן אויפן געוועלבטן סופיט. זיין געזיכט איז איינגעפאַלן, די אויגן האָבן פאַרלאָרן זייער העלן קינדערשן גלאַנץ.

— סאַשע, וואָס איז מיט דיר? — האָב איך אים געפרעגט.

— דער טרינקזוכט הייבט זיך ביי מיר אָן צו צעשפּילן. — האָט ער מיר פשוט דערקלערט. — באַלד וועל איך זיך צעלאָזן... דאָס הייסט, איך וועל באַלד נעמען כמאַליען דעם בראָנפן... עס ברענט שוין ביי מיר אינעווייניק... דו ווייסט, עפּעס אַזאַ מין ברעניש... ס'איז געקומען די צייט... ווען ניט די געשיכטע, וואָלט איך, מן הסתם, נאָך געצויגן וויפל עס איז. נאָר די דאָזיקע מעשה לאָזט מיך ניט רוען... וואָס הייסט? איך וויל טאָן אַ מענטשן גוטס— און מיט אַמאָל... מיין שכל באַנעמט עס ניט! יאָ, ברודער, מע דאַרף זייער נייטיק האָבן אַן אָרדענונג פון די מעשים אינם לעבן... און ניט-שוין-זשע קען מען דאָס ניט אויסטראַכטן אַזאַ געזעץ, אַז אַלע מענטשן זאָלן האַנדלען גלייך, און אַלע וואָלטן איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען? מע דאַרף דאָך גאָרניט לעבן אַזוי דערווייטערט איינע פון די אַנדערע! ניט-שוין-זשע פאַרשטייען דאָס ניט קלוגע מענטשן, אַז מע דאַרף מאַכן אָרדענונג אויף דער ערד און ברענגען די מענטשן צו קלאָרקייט?... ע-עכמאַ!

פאַרטיפט אין מחשבות, אַז אין לעבן באַדאַרף זיין אָרדענונג, האָט ער ניט געהערט מיינע ווערטער. איך האָב אַפילו באַמערקט, אַז ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי גענומען האַלטן פון מיר פון ווייטן. איינמאָל, ווען ער האָט אויסגעהערט צום הונדערט און ערשטן מאָל מיין פּראָיעקט וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון לעבן, האָט ער זיך אַזוי ווי צעבייזערט אויף מיר:

— גענוג שוין דערמיט... כ'האָב שוין געהערט... ניט אין דעם לעבן גייט דאָ, נאָר אין דעם מענטשן. די ערשטע זאַך — איז דער מענטש... פֿאַרשטאַנען? נו, און מער דאַרף מען ניט... אָבער נאָך, דיר קומט דאָך אויס, אַז ביז וואַנען דאָס אַלץ וועט זיך דאָרטן איבערמאַכן, דאַרף דער מענטש אַלץ בלייבן ווי איצט. אויך געשטריטן... ניין, דו מאַך אים תּחילת איבער, באַווייז אים די וועגן... אַז אים זאָל ווערן ליכטיק און געראַם אויף דער ערד, אָט וואָס דו דאַרפֿסט דערגרייכן פֿאַרן מענטשן. לערן אים אויס, ווי ער זאָל געפֿינען זיין וועג...

אַז איך פֿלעג אים דערווידערן, פֿלעגט ער זיך היצן, אָדער ער פֿלעגט ווערן בייז און פֿלעגט לאַנגווייליק אויסשרייען:

— ע, לאָז צורו!

עפּעס איינמאָל אינאָוונט איז ער אַוועק, און ניט געקומען צו דער אַרבעט ניט ביינאַכט, ניט אויפֿן צווייטן טאָג. אַנשטאָט אים איז געקומען דער באַלעבאָס מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים און האָט געמאָלדן:

— אונזער ליאָקסאַכע האָט זיך שוין צעהוליעט. ער זיצט אין „סטענקע“. מע דאַרף זוכן אַ נייעם בעקער.

— אפֿשר וועט ער זיך באַטראַכטן?

— נו, אַוודאי, וואַרט אויף אים... איך קען אים שוין גוט...

איך בין אַוועק אין „סטענקע“ — אַ שענקל, וואָס איז געווען קונציק אויסגעבויט אין אַ געמויערטן פֿאַרקאַן. דאָס שענקל האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אין אים זיינען ניט געווען קיין פֿענסטער און דאָס ליכט איז אַריינגעדרונגען אין אים דורך די לעכער אין סטעליע. אין תּוך איז עס געווען אַ פּירקאַנטיקע גרוב, אויסגעגראָבן אין דער ערד און פֿאַרדעקט פֿון אויבן מיט געהובלטע ברעטער. אינעווייניק האָט שטענדיק געשמעקט מיט ערד, מיט מאַכאָרקע און מיט איבערגעברענטן בראָנפֿן — אַ סימפֿאָניע פֿון ריחות, וואָס פֿאַרברענגענדיק צווישן זיי אַ האַלבע שעה צייט, האָט שרעקלעך וויי געטאָן דער קאָפּ. נאָר די שטענדיקע באַזוכער פֿון דער דאָזיקער פֿינסטערער לאָך — טונקעלע פֿאַרשוינען אָן אַ באַשטימטער פּראָפֿעסיע — זיינען צו זיי צוגעוווינט געוואָרן, ווי זיי זיינען צוגעוווינט

געוואָרן צו אַ סך זאַכן, וואָס אַ מענטש קען דאָס ניט אַריבער־טראָגן. און גאַנצע טעג פלעגן זיי זיך דאָ וואַלגערן און וואַרטן אויף אַ פאַרהוליעטן אַרבעטער, צו קענען פאַרטרינקען זיין לעצטע העמד.

קאָנאָוואַלאָוו איז געזעסן לעבן אַ גרויסן טיש אין מיטן דעם שענקל, אין אַ מסיבה פון זעקס הערן, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אין פאַנטאַסטיש־צעטראַנטעוועטע קליידער, מיט פנימער, ענלעך צו די העלדן פון האָפמאַנס נאָוועלן, און זיי האָבן אים געהערט מיט דרך־ארץ און מיט חניפה.

מע האָט געטרונקען ביר געמישט מיט בראָנפן און מע האָט פאַרביסן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלעך אויף טרוקענע שטיקער ליים...

— טרינקט, ברידער, טרינקט, וויפל יעדערער קען. איך האָב אי געלט, אי זאַכן... אויף אַ טעג דריי וועט ביי מיר קלעקן פון אַלץ. כ׳וועל אַלץ פאַרטרינקען און... אַן עק! מער וויל איך ניט אַרבעטן און וויל דאָ אויך ניט וואוינען.

— די שטאָט איז אַ סאַמע עקלהאַפטע, — האָט עמעצער, וואָס איז געווען ענלעך צו דזשאָן פאַלסטאַפן, געזאָגט.

— אַרבעטן? — האָט אַ צווייטער פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויף דער סטעליע און האָט פאַרחידושט געפרעגט: דער מענטש איז דען אויף דעם באַשאַפן געוואָרן?

און אַלע מיט אַמאָל האָבן זיי גענומען שאַקאָטשען און האָבן דערוויזן קאָנאָוואַלאָוון, אַז ער האָט רעכט אַלץ צו פאַרטרינקען און האָבן דערהויבן דאָס דאָזיקע רעכט צו דער מדרגה פון אַן אומ־באַדינגטן חוב — טאַקע מיט זיי אין קאָמפּאַניע צו פאַרטרינקען.

— אַ, מאַקסים... און די טאָרבע מיט אים! — האָט קאָנאָ־וואַלאָוו, דערזעענדיק מיך, זיך געוויצלט. אַנו, ביכער־קוועטשער און וואוילגעלערנטער, כמאַליע אַריין! איך, ברודער, בין שוין אינ־גאַנצן אַראָפּ פון די רעלסן. אויס! כ׳וועל פאַרטרינקען אַלץ, וואָס איך האָב, ביז די האָר פון קאָפּ. ווען אויף מיין לייב וועט שוין קיין זאַך ניט בלייבן אויסער די האָר — וועל איך דעמאָלט אויפ־הערן. קום אויך אין קאָמפּאַניע, וואָס?

ער איז נאָך ניט געווען שיכּור, בלויז זיינע בלויע אויגן האָבּן געלויכטן מיט פאַרצווייפלטער איפּרעגונג און טרויער און זיין פרעכטיקע באָרד, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין ברוסט, אַזוי ווי אַ זיידענער פאָכער, האָט זיך נאָכאַנאַנד באַוועגט, ווייל זיין אונטערשטע קינבאַק האָט נערוועז געציטערט. דער קראַגן פון דער העמד איז געווען פונאַנדערגעשפּילעט, אויף דעם ווייסן שטערן האָבּן געפינקלט קליינע טראָפּעלעך שווייס און די האַנט, וואָס איז געווען אויסגעשטרעקט צו מיר מיט אַ גלאָז ביר, האָט זיך געטרייסלט.

— וואַרף דאָס אַוועק, סאַשע, לאָמיר גיין פון דאַנען... — האָב איך אים געזאָגט און אַוועקגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— אַוועקוואַרפן?... — האָט ער זיך צעלאַכט. — ווען די וואָלסט געקומען צו מיר מיט אַ יאָר צען צוריק און דאָס געזאָגט... וואָלט איך אפשר אַוועקגעוואָרפן. אָבער איצטער וועל איך שוין ניט אַוועקוואַרפן... וואָס קען איך דען טאָן איסער דעם? וואָס? איך שפּיר דאָך, אַלץ שפּיר איך, יעדע באַוועגונג פון לעבן... אָבער פאַרשטיין פאַרשטיי איך קיין זאַך ניט און מיין וועג ווייס איך ניט... איך שפּיר... און איך טרינק, ווייל מער האָב איך ניט וואָס צו טאָן... טרינק אויס!

זיין קאָמפּאַניע האָט געקוקט אויף מיר מיט אָפענער אומצופרידנקייט, און אַלע צוועלף אויגן האָבּן אָפּגעמאָסטן מיין פיגור גאָר ניט פריינטשאַפטלעך.

זיי האָבּן נעבעך מורא געהאַט, די אָרעמע, איך זאָל, חס־ושלום, ניט אַוועקנעמען פון זיי קאָנאָוואַלאָון, וואָס אויף זיין כּיבוד האָבּן זיי געוואַרט אַ גאַנצע וואָך.

— ברידער! דאָס איז מיין חבר... אַ געלערנטער, דער טייוול זאָל אים נעמען! מאַקסים, קענסט דאָ איבערלייענען וועגן סטענקען?... אַך, ברידער, וואָס פאַר אַ ביכער ס'זיינען פאַראַן אויף דער וועלט! וועגן פילען?... — מאַקסים, אַ?... ברידער, ניט קיין בוך איז דאָס, נאָר בלוט און טרערן. און... פילאַ — בין איך דאָך דאָס? מאַקסים!... און אויך סיסאָיקע בין איך... בנאמנות! אָט האָט זיך דאָס אויפגעקלערט!

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ברייט-געעפנטע צעשראָקענע אויגן, — און זיין אונטערשטע ליפּ האָט מאָדנע געציטערט. די קאָמפּאַניע האָט מיר ניט זייער גערן געמאַכט אַן אָרט לעבן טיש. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן קאָנאָוואַלאָוון, אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גלאָז ביר און דער העלפט געמישט מיט בראָנפן.

ער האָט, קענטיק, געוואָלט וואָס גיכער שיכּור ווערן מיט דעם דאָזיקן געמיש. אויסגעטרונקען, האָט ער גענומען פון טע-לער אַ שטיק פון יענץ, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ליים און איז אינדערעמתן געווען געקאָכט פלייש, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם און האָט עס אַ שליידער געטאָן איבערן פלייצע אין וואַנט פון שענקל.

די קאָמפּאַניע האָט שטיל געוואָרטשעט, אַזוי ווי אַ טשאַטע הונגעריקע הינט איבער אַ ביין.

— אַ פאַרפאַלענער מענטש בין איך... צו וואָס האָבן מיך טאַטע-מאַמע געבראַכט אויף דער וועלט? קיין זאַך ווייס מען ניט... אַ פינסטערניש... אַן ענגשאַפט!... אַדיע, מאַקסים, אויב דו ווילסט ניט טרינקען מיט מיר. אין דער בעקעריי וועל איך צוריק ניט גיין. געלט ביים באַלעבאָס האָב איך — נעם זיי אָפּ און גיב מיר, וועל איך זיי פאַרטרינקען... ניין! נעם זיך דיר אויף ביכער... וועסט נעמען? ווילסט ניט? דאַרף מען ניט... אָדער טאַקע נעם? אויב אַזוי, ביסטו אַ חזיר... גיי אַוועק פון מיר! גיי-אַוועע-עק!

ער איז געוואָרן שיכּור, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט, אַזוי ווי ביי אַ חיה.

די חבריא איז שוין געווען גרייט אָנצונעמען מיך פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפן פון איר סביבה, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט אויף דעם וואַרטן און בין אַליין אַוועק.

אין אַ שעה דריי אַרום בין איך ווידער געווען אין „סטענקע״. קאָנאָוואַלאָווס קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרגרעסערט נאָך מיט צוויי מענטשן. אַלע זיינען זיי געווען שיכּור; ער — ווייניקער פון אַלע-מען. ער האָט געזונגען, אָנשפּאַרנדיק זיך בשעת-מעשה אויפן טיש און געקוקט אין הימל אַריין דורך דער לאָך אין סטעליע. די

שיכּורים האָבּן אים געהערט אין פאַרשיידענע פּאָזעס און איניקע האָבּן געשלוקערצט.

קאָנאָוואַלאָוו האָט געזונגען מיט אַ באַריטאָן, וואָס איז אויף די אייבּערשטע נאָטעס אַריבּערגעגאַנגען אין אַ פאַלצעט, ווי בּיי אַלע בּעלי-מלאכות זינגער. אונטערגעשפּאַרט די בּאַק מיט דער האַנט, האָט ער אויסגעדרייט מיט געפיל טרויעריקע טרעלן, און זיין געזיכט איז געווען בּלאַס פון איפּרעגונג, די אויגן האַלבּ-פאַרמאַכט, די האַלז אויסגעצויגן פאָראויס. אַכט פאַרשיכּורטע, ווילדע און רויטע צורות האָבּן אויף אים געקוקט, בּלויז צייטנווייז האָט זיך געהערט אַ מורמלען און אַ שלוקערצן. קאָנאָוואַלאָווס שטימע האָט וויבּרירט און האָט געוויינט, און האָט געקרעכצט, און ס'האָט גערירט בּיז טרערן, קוקנדיק, ווי דער דאָזיקער וואוילער יונג האָט געזונגען זיין טרויעריק ליד.

דער שווערער ריח, די פאַרשוויצטע, שיכּורע צורות, די צוויי רויכערנדיקע קעראָסין-לאָמפּן און די פון בּלאָטע און סאַזשע שוואַרץ געוואָרענע בּרעטער פון דער וואַנט פון שענק, זיין ערדענע דיל און די טונקלקייט, וואָס האָט אָנגעפילט די דאָזיקע גרוב — דאָס אַלץ האָט אויסגעזען מרה-שחורהדיק און פאַנטאַסטיש-קרענקלעך. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס הוליען לעבּעדיק-בּאַגראָבּענע מענטשן אין אַ הייל און איינער פון זיי זינגט צום לעצטן מאָל פאַרן טויט און זעגנט זיך מיטן הימל. אַ האָפענונגסלאָזער טרויער, אַ רויִקער יאוש, אַן אויסגאַנגסלאָזער אומעט האָט געקלונגען אין דעם ליד פון מיין חבר.

— מאַקסים איז דאָ? ווילסט גיין צו מיר פאַר אַ עסאַיל? קום, פריינד! — האָט ער איבּערגעריסן זיין עלעגיע, האָט גענומען ריידן און דערלאַנגט מיר די האַנט. — איך בּין, בּרודער, פולקום גרייט... כ'האָבּ צונויפגענומען אַ בּאַנדע... אָט איז זי... שפּעטער וועלן צוקומען נאָך מענטשן... מירן געפינען! דאָס איז גאָ-אָרנישט: מיר וועלן רופן פּילען מיט סיסאָיקען... און גאַנצענע טעג וועלן מיר זיי שפּייזן מיט קאַשע און פלייש... גוט? גייסטו? נעם-מיט מיט זיך די בּיכער... וועסט לייענען וועגן סטענקען און וועגן אַנדערע... פריינט! אַך, עס איבּלט מיר... עס איבּל-לט!...

ער האָט אַ זעץ געטאָן מיטן גאַנצן כּוח מיט דער פויסט אָן טיש. ס'האָבן זיך צעקלונגען די גלעזער און די פלעשער, און די קאָמפּאַניע האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט תיכּף אָנגעפילט דעם שענק מיט אַ שרעקלעכן טומל.

— טרינקט, חברה! — האָט קאָנאָוואַלאָוו געשריען. — טרינקט! קילט זיך דאָס האַרץ... רייבט, וויפל ס'וועט אַריין!

איך בין אַוועק פון זיי, בין געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן טיר אויפן גאַס, האָב געהערט, ווי קאָנאָוואַלאָוו האָט גערעדט פאַר זיי מיט אַ פאַרפלאָנטערטן צונג, און ווען ער האָט ווידער גענומען זינגען, בין איך אַוועק אין דער בעקעריי, און נאָך מיר האָט לאַנג גע־קרעכצט און געוויינט אין דער נאַכט־פינסטערניש דאָס אומגעלומ־פּערטע שיכּורע ליד.

אין צוויי טעג אַרום איז קאָנאָוואַלאָוו פאַרשוואונדן געוואָרן. מיר איז אויסגעקומען נאָכאַמאָל צו טרעפן זיך מיט אים...

מע דאַרף געבאָרן ווערן אין אַ קולטורעלער געזעלשאַפט, כּדי צו געפינען אין זיך אַזויפיל געדולד, אַז מע זאָל קענען אָפּלעבן אין איר דאָס גאַנצע לעבן און קיינמאָל ניט וועלן אַוועקגיין פון דער ספערע פון די אַלע שווערע קאָנווענציאָנעלקייטן, וואָס זיינען פאַר־געזעצלעכט געוואָרן דורך די קליינע, גיפטיקע ליגנס, ניט וועלן אַוועק־גיין פון דער ספערע פון די קרענקלעכע איינגליבעס, פון דער אידעיִשער סעקטאַנטישקייט, פון יעדער אומאויפריכטיקייט, — מיט איין וואָרט, פון דעם גאַנצן הבל־הבלים, וואָס קילט אָפּ די געפילן און פאַר־קריפּלט דעם שכל. איך בין געבאָרן געוואָרן און זיך דערצויגן אויסער דער דאָזיקער געזעלשאַפט און צוליב דעם דאָזיקן פאַר מיר אָנגענעמען טעם קען איך ניט געברויכן איר קולטור אין גרויסע דאָזעס, כּדי ביי מיר זאָל אין אַ קורצער צייט אַרום ניט אויפקומען קיין שטאַרקע באַדערפעניש אַרויסצוגיין פון אירע ראַמען און אָפּ־פרישן זיך אַ ביסל פון דער צו־גרויסער קאָמפּליצירטקייט און קרענק־לעכער ראַפינירטקייט פון דעם דאָזיקן לעבנסשטייגער.

אין דאָרף איז פּונקט אַזוי אומדערטרעגלעך־איבלדיק און אומע־טיק, ווי צווישן דער אינטעליגענץ. בעסער ווי אַלץ איז — אַוועק־

צוגיין אין די פינסטערע לעכער פון די שטעט, וואו הגם אַלץ איז דאָרטן שמוציק, אָבער ס'איז פּשוט און אויפריכטיק, אָדער אַוועקלאָזן זיך איבער די פעלדער און וועגן פון דעם געבוירנלאַנד, וואָס ס'איז זייער מטשיקאַווע, ס'פרישט אָפּ און ס'פאָדערט ניט קיין שום מיטלען, אויסער גוטע, שטאַרקע פיס.

מיט אַ יאָר פינף צוריק האָב איך טאַקע אונטערגענומען אַזאַ מין שפּאַציר און, שפּרייזנדיק איבער דעם הייליקן רוסלאַנד אָן אַ באַשטימטן מאַרשרוט, בין איך אָנגעקומען קיין טעאָדאָסיע. דאַמאָלסט האָט מען דאָרט געהאַט געבויט אַ האַפן און מיט דער האָפענונג צו פאַרדינען אַ ביסל געלט אויפן וועג, בין איך אַוועק אויפן בויפּלאַץ.

אַזוי ווי איך האָב תחילת געוואָלט באַקוקן די אַרבעט, אַזוי ווי מען באַטראַכט אַ בילד, בין איך אַרויף אויפן באַרג, זיך אַוועקגעזעצט דאָרט און געקוקט אַראָפּ, אויף דעם ברעגלאָזן, מעכטיקן ים און פּיטשינקע מענטשעלעך, וואָס האָבן געבויט פאַר אים קייטן.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך אָפּגעדעקט אַ ברייט בילד פון מענטשלעכע פּראַצע: — דער גאַנצער שטיינערנער ברעג פאַר דער בוכטע איז געווען צעגראָבן. אומעטום זיינען געווען גריבער און הורבעס שטיינער און העלצער, טאַטשקעס, קלעצער, טאָוולען אייזן, „באַבעס" אויף צו שלאָגן פּאַליעס און נאָך אַזעלכע אינסטרומענטן פון קלעצער, און צווישן דעם אַלעמען האָבן אין אַלע זייטן אַרומגעשמייעט מענטשן. אויפגעריסן אַ באַרג מיט דינאַמיט, האָבן זיי אים געבּרעקלט מיט ברעכאַייזנס און אָפּגערייניקט אַ פּלאַץ פאַר אַ באַן-ליניע, אין ריזיקע מיש-גריבער האָבן זיי געמישט צעמענט, און, מאַכנדיק פון אים קלאַפּטערדיקע קובישע שטיינער, פלעגן זיי זיי אַריינלאָזן אין ים אַריין און געבויט אין אים אַ שוץ קעגן דער טיטאַנישער קראַפט פון זיינע אומגעצאַמטע כוואַליעס. זיי האָבן אויסגעזען אַזוי ווי ווערים אויף דעם פּאָן פון דעם טונקל-ברוינעם באָדן, וואָס איז געווען צעקריפּלט דורך זייערע הענט, האָבן פאַרהאַוועט אַרומגעפויזעט, אַזוי ווי ווערים, אין די בערג שטיינזאַמד און שטיקלעך האָלץ, אין די שטיקלעך שטויב און אין דער דרייסיק-גראַדיקער היץ פון דעם דרומדיקן טאָג. דער כאַאָס אַרום

זיי, דער צעגליטער הימל איבער זיי האָט צוגעגעבן זייער שמייען אַזאַ אויסזען, גלייך זיי וואָלטן זיך געוואָלט איינגראָבן אין דעם באַרג און געשטרעבט אַוועקצוגיין אין זיינע טיפענישן וואָס ווייטער פון דער ברענענדיקער זון און דעם טרויעריקן בילד פון צעשטערונג, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט.

אין דער פאַרשטיקטער לופט איז געשטאַנען אַ שטאַרק קרעכצנדיק רוישן און הודיען, ס'האָבן זיך דערהערט די קלעפּ פון די ברעכאייזנס אָן שטיין, טרויעריק האָבן געזונגען די רעדער פון די טאַטשקעס, דער טשוהונענער שלאָגער איז טעמפּ געפאַלן אויף דעם האַלץ פון די פאַליעס, ס'האָט געווײנט די „דובינושקאַ", ס'האָבן געקלאַפּט די העק, טעסענדיק די קלעצער, און טונקעלע, און גרויע פאַרזאָרגטע פיגורלעך האָבן געשריען מיט אַלע קולות...

אין איין אָרט האָט אַ הייפל מענטשן הויך געסאָפּעט און זיך געעסקט אַרום אַ גרויסן אָפּגעשפּאָלטענעם שטיק באַרג און זיך געפלייסט אָפּרוקן אים פון אָרט, אין אַ צווייטן אָרט האָבן זיי אויפגעהויבן אַ שווערע קלאָץ און האָבן געשריען מיט די לעצטע כוחות:

— נע־מ־מ־ם! — און דער באַרג, וואָס איז געווען פול מיט שפּאַלטן, האָט טויב אָפּגעענטפערט: ע־מ־ם!

איבער אַ געבראָכנער ליניע פון ברעטער, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרטן, האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אַ ריי מענטשן, איינגעבויגן איבער די טאַטשקעס, וואָס זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט שטיינער, און אַנטקעגן זיי איז געגאַנגען אַ צווייטע ריי מיט ליידיקע טאַטשקעס, איז געגאַנגען לאַנגזאַם, און האָט פונאַנדערגעצויגן איין מינוט אָפּרו אויף צוויי... לעבן איין שלאַג־אינסטרומענט איז געשטאַנען אַ געדיכטער, בונטער המון מענטשן, און איינער אין אים האָט עמעצער אויסגעצויגן מיט אַ טרויעריקן קול:

„אַי־עכ־מאַ, ברידער, ס'זייער הייס!
אי־עך! קיינעם טוט אויף אונז ניט באַנג!
אָ־אָי דאַ דו־בינושקאַ
לאָמיר זיך אַ נעם־טאָן, אַלע!

דער המון האָט מעכטיק געברומט, אָנציענדיק די שטריק, און דאָס שטיקל משוגון, וואָס פלעגט אַרויספליען אין דער הויך איבער דעם פייפל פון דעם שלאָג-אינסטרומענט, פלעגט אַ־אָפּפאַלן פון דאָרטן; ס'האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער זיפצנדיקער קלאַנג און דער גאַנצער שלאָג-אינסטרומענט פלעגט נעמען ציטערן.

אויף אַלע פונקטן פון דעם פלאַץ צווישן דעם באַרג און דעם ים האָבן אַרומגענישטערט קלייניקע גרויניקע מענטשעלעך און האָבן אָנגעזאַפּט די לופט מיט זייער געשריי, מיט שטויב און דעם שאַרפן ריח פון מענטש. צווישן זיי זיינען אַרומגעגאַנגען די אָנפירער אין ווייסע קיטלען מיט מעטאַלענע קנעפּ, וואָס האָבן געבלאַנקט אויף דער זון, אַזוי ווי עמעצנס קאַלטע אויגן. איבער זיי — דער לויטערער, גרויזאַם הייסער הימל, וואָלקנס שטויב און כוואַליעס קלאַנגען — אַ סימפאָניע פון אַרבעט, די איינציקע מוזיק, וואָס פאַרשאַפט ניט קיין נחת-רוח.

דער ים האָט זיך רויִק אויסגעשפּרייט ביז דעם נעפּלדיקן האָריזאָנט און האָט שטיל געפּלעסקעט מיט זיינע דורכזיכטיקע כוואַליעס אויפן ברעג, וואָס איז געווען פול מיט באַוועגונג און רויש. ער האָט אינגאַנצן געשיינט אין דעם זונען-גלאַנץ און האָט אַזוי ווי געשמייכלט מיט דעם גוטמוטיקן שמייכל פון הולייווערן, וואָס ווייס, אַז זאָל ער נאָר ווען, איז גענוג איין ריר — און פון די גאַנצע אַרבעט פון די קאַרליקעס ווערט אַ תל.

דער ים איז געלעגן און האָט געבלענדט די אויגן מיט זיין גלאַנץ — אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, אַ גוטער, און זיין מעכטיקער אָטעם האָט געווייט אויפן ברעג און האָט אָפּגעפרישט די פאַרמאַטערטע מענטשן, וואָס האָבן געהאָרעוועט אויף צו באַגרענעצן די פרייהייט פון זיינע כוואַליעס, וועלכע צערטלען איצט אַזוי מילד און קלינגעוודיק דעם צעקאַליעטשן ברעג. דער ים האָט זיי אַזוי ווי באַדויערט: — די יאָרהונדערטן פון זיין עקסיסטענץ האָבן אים אויסגעלערנט צו פאַרשטיין, אַז ניט די, וואָס בויען, ווילן אים ביין טאָן; ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז דאָס זיינען בלויז קנעכט, זייער אויפגאַבע איז צו ראַנגלען זיך פנים אל פנים מיט די סטיכיעס, און אין דעם דאָזיקן געראַנגל איז שוין גרייט פאַר זיי די נקמה

פון די סטיכיעס. רק זיי בויען, שטענדיק האָרעווען זיי, זייער שווייס און בלוט — איז דער צעמענט פון אַלע בנינים אויף דער ערד; אָבער זיי באַקומען דערפאַר גאָרנישט, און זיי גיבן אַוועק אַלע זייערע כוחות דעם אייביקן שטרעבן צו בויען — דעם שטרעבן, וואָס באַשאַפט וואונדער אויף דער ערד, גיט אָבער ניט מענטשן קיין דאַך איבערן קאָפּ און גיט זיי זייער ווייניק ברויט. זיי זיינען אַליין אויך — אַ סטיכיע, אָט פאַרוואָס דער ים איז אויף זיי ניט בייז, נאָר קוקט מיט צערטלעכקייט אויף זייער אַרבעט, פון וועלכער זיי האָבן ניט קיין שום נוצן. די דאָזיקע קליינינקע ווערעם, וואָס האָבן אַזוי דורכגעפרעסן דעם באַרג — זיינען אַליץ איינס, ווי די טראָפּנס פון ים, וואָס גייען די ערשטע אויף די אומצוטריטלעכע און קאַלטע ברעג־פעלזן, אין דעם אייביקן שטרעבן פון דעם ים אויסצובריייטערן זיינע גרענעצן, און צעקלאַפּנדיק זיך אָן זיי, קומען זיי די ערשטע אום. צונויפגענומען אין אַ מאַסע, זיינען די טראָפּנס אויך ענלעך צו אים, דעמאָלט זיינען זיי פונקט אַזוי מעכטיק, ווי דער ים, און פונקט אַזוי גענייגט צו צעשטערן, ווי נאָר אַ שטורעם־ווינט גייט איבער זיי אַריבער. דעם ים זיינען פון אַלטע צייטן באַקאַנט אי די קנעכט, וואָס האָבן געבויט די פּיראַמידן אין דעם מדבר, אי די קנעכט פון קסערקסן, דעם קאָמישן מענטשן, וואָס האָט געוואָלט באַשטראָפן דעם ים מיט דריי הונדערט שמיץ דערפאַר, וואָס ער האָט צעבראָכן זיינע שפּילצייגענע בריקן. די קנעכט זיינען שטענדיק געווען די זעלבע, זיי זיינען אַלע מאָל געווען געהאָרכזאַם, זיי האָט מען שטענדיק שלעכט געשפּייזט, און זיי האָבן אייביק געטאָן די גרויסע און וואונדערבאַרע אַרבעט, און פלעגן טיילמאָל פאַרגעטערן די־יעניקע, וואָס פלעגן זיי צווינגען צו אַרבעטן, אָפטער פלעגן זיי זיי שילטן און זעלטן־ווען זיי פלעגן ווערן אויפגעבראַכט קעגן זייערע הערשער...

און שמייכלענדיק מיט אַ רויִקן שמייכל פון אַ טיטאַן, וואָס שפּירט זיין גבורה, האָט דער ים איינגעהילט מיט זיין אָפּפרישנדיקן אָטעם דעם־יעניקן טיטאַן, וואָס איז נאָך געווען גייסטיק בלינד, וואָס איז נאָך געווען פאַרשקלאַפט און האָט נעבעכדיק געעקבערט די ערד, אָנשטאָט צו שטרעבן צו דערנענטערן זיך צום הימל. שטיל

לויפן אַרויף די כוואַליעס אויפן ברעג, וואָס איז באַזייט מיט אַ המון מענטשן, וועלכע שאַפן אַ שטיינערנעם צאַם פאַר זייער אייביקער באַהעגונג, זיי לויפן אַרויף און זינגען זייער קלינגענדיק, צערטלדיק ליד וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן אין דעם משך פון יאָרהונדערטן געזען אויף די ברעגעס פון דער ערד...

...צווישן די אַרבעטער זיינען געווען עפּעס אויסטערלישע, טרוקענע, בראָנזענע פיגורן אין רויטע טשאַלמעס, אין פעסקעס, אין בלויע, קורצע קורטקעס און אין ברייטע פלודערן, וואָס זיינען געווען אונטן שמאָל און אינמיטן ברייט. זייערע האַלזיקע רייד האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם לאַנגזאַמען, צעצויגענעם דיאַלעקט פון די וויאַטקער, מיט דער פעסטער האַסטיקער פּראַזע פון די וואָלגער, מיט דער ווייכער אויסשפּראַך פון די כאָכלעס.

אין רוסלאַנד האָט מען געהונגערט, און דער הונגער האָט צונויפגעטריבן אַהער כמעט אַלע גובערניעס, וואָס זיינען געווען אַרומגעכאַפּט פון דעם אומגליק. זיי האָבן זיך געטיילט אויף קליינע גרופּעס, און האָבן זיך געפלייסט צו האַלטן זיך נאָענט, לאַנדסמאַן לעבן לאַנדסמאַן, בלויז די קאָסמאָפּאָליטן די וואַגאַבונדן האָבן סיי מיט זייער פרייען אויסזען, סיי מיט זייערע קאָסטיומען, סיי מיט זייער באַזונדער אַרט ריידן, זיך תיכף אויסגעטיילט פון די־יעניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין דער מאַכט פון דער ערד און האָבן בלויז צייטווייליק איבערגעריסן מיט איר, זיי האָבן זיך אויסגעטיילט פון די מענטשן, וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון איר דורכן הונגער און האָבן אָבער אָן איר ניט פאַרגעסן. זיי זיינען געווען אין אַלע גרופּעס: סיי צווישן די וויאַטקער, סיי צווישן די כאָכלעס, און האָבן זיך אומעטום געשפּירט אויף זייער אָרט, נאָר דאָס רוב פלעגן זיי זיך אויפזאַמלען אַרום דעם שלאָג־אינסטרומענט, וואָס איז, אין פאַרגלייך מיט דער אַרבעט אויף די טאַטשקעס און מיט די בּרעכאַייזנס, געווען לייכטער.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זיי, זיינען זיי געשטאַנען, די הענט אָפּגעלאָזן פון די שטריק, און האָבן געוואַרט, ביז דער אָנשטעלער וועט עפּעס פאַרריכטן אין דעם בלאָק פון דעם שלאָג־

אינסטרומענט, וואָס האָט, ווייזט אויס, פאַרכאַפּט די שטריק. ער האָט זיך דאָרטן געפּאָרעט אין דער הייך אויף דעם הילצערנעם טורעם, און האָט נאָכאַנאַנד געשריען פון דאָרטן:

— צי!

די שטריק האָט מען פויל געצויגן.

— שטיי־יי!... גיב נאָך אַמאָל אַ צי. שטיי־יי! געאַרבעט!...

דער פּאָרזינגער — אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך לאַנג ניט גע־גאָלט, מיט אַ ראַבן געזיכט, האָט אויסגעקרימט די אויגן אָן אַ זייט, האָט זיך אויסגעהוסט און האָט אָנגעהויבן זינגען:

— די „באַ־בע" טרייבט אין דער ערד די פּאַליע...

דער ווייטערדיקער פערז וואָלט ניט אויסגעהאַלטן אַפילו די סאַמע דוייכסטע צענזור, און האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ שטורעם פון געלעכטער, ווייל דאָס איז, קענטיק, געווען אַ אימפּראָוויזאַציע, וואָס דער פּאָרזינגער האָט אָט־ערשט באַשאַפן, און בעת זיינע חברים האָבן געלאַכט, האָט ער זיך געדרייט די וואָנצעס מיט אַ מינע פון אַן אַרטיסט, וואָס איז געוווינט צו אַזאַ ערפאָלג ביי זיין פּובליקום.

— געאַרבע־עט! — האָט דער אָנשטעלער ווילד געשריען פון דער הויך פון דעם שלאָג־אינסטרומענט. — זיך צעהירושעט!....

— גענעיך ניט, מיטריטש, — ווע סט נאָך פּלאַצן!... האָט אים איינער פון די אַרבעטער געוואָרנט.

די שטימע איז מיר געווען באַקאַנט, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב ערגעץ געזען אָט די הויכע, ברייט־פּלייציקע פיגור מיט דעם לענגלעכן געזיכט און מיט די גרויסע בלויע אויגן. צי איז דאָס ניט אַמאָל קאָנאָוואַלאָוו? אָבער קאָנאָוואַלאָוו האָט דאָך ניט געהאַט אַזאַ שראַם, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם לינקן שלייף ביז דעם נאָז־הויקערל און האָט איבערגעהאַקט דעם הויכן שטערן פון דעם דאָזיקן יונג; קאָנאָוואַלאָווס האָר זיינען גע־ווען העלערע און האָבן זיך ניט געקרייזט אין אַזעלכע קליינע לאָקן, ווי ביי דעם־אָ; קאָנאָוואַלאָוו האָט געהאַט אַ שיינע ברייטע באָרד; דערקעגן דער־אָ האָט זיך גענאָלט און האָט געהאַט גע־דיכטע וואָנצעס מיט די עקן אַראָפּ, אַזוי ווי ביי אַ כאָכאָל. און דאָך איז

אין אים געווען עפעס אַזוינס, וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט. איך האָב באַשלאָסן מיט אים טאַקע צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם, צו וועמען מע דאַרף זיך ווענדן, כּדי „צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט“, און האָב געוואַרט, ווען מע וועט אויפהערן שלאָגן די פאַליע.

— אָ־אָ־און! אָ־אָ־אָך! — האָט דער המון געעטעמט מיט גבורה, האָט זיך צוגעזעצט, האָט אָנגעצויגן די שטריק און האָט זיך ווידער שנעל אויסגעגלייכט, גלייך ער וואָלט געווען גרייט אָפצורייסן זיך פון דער ערד און אַרויפפליען אין דער לופטן. דער שלאָג־אינסטרומענט האָט געסקריפעט און געציטערט, איבער זייערע קעפ האָבן זיך געהויבן זייערע נאַקעטע, אָפגעברענטע און האָריקע הענט, און האָבן זיך אויסגעצויגן צוזאַמען מיט דער שטריק; זייערע מוסקלען האָבן זיך אָנגעגאָסן אַזוי ווי סאָסנע־צאַפנס, נאָר די צוואַנציק־פודיקע שטיק טשוהון איז אַרויפגעפלויגן אין דער הויך אַליין אויף אַ קלענערער דיסטאַנץ, און זיין קלאַפ אין דעם האַלץ האָט געקלונגען אַליין שוואַכער. ווען מע האָט געקוקט אויף דער האָזיקער אַרבעט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ המון געצנדינער ריכט אָפ אַ תפילה און הייבט אויף די הענט אין פאַרצווייפלונג און עקסטאַז צו זיין שווייגנדיקן גאָט און בוקט זיך צו אים. באַגאָסן מיט שוויים, שמוציקע און אָנגעשטרענגטע פנימער, מיט צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפט צו די פייכטע שטערנס, ברוינע העלזער, אַקסלען, וואָס ציטערן פון אָנשטרענגונג, — אָט די אַלע לייבער, וואָס זיינען קוים געווען באַדעקט מיט די פיל־פאַרביקע צעריסענע העמדער און פלודערן, האָבן אָנגעפילט די לופט אַרום זיך מיט זייערע הייסע אויסדעמפונגען און, צונויפגעגאָסן זיך אין איין שווערער מאַסע פון מוסקלען, האָבן זיי זיך אומגעלומפערט געפאָרעט אין דער פייכטער אַטמאָספערע, וואָס איז געווען דורכגעזאַפט מיט דער דרום־דיקער היץ און מיט דעם געדיכטן ריח פון שוויים.

— אַ סוף! — האָט עמעצער אויסגעשריען מיט אַ בייזער און אונטערגעריסענער שטימע.

די הענט פון די אַרבעטער האָבן אַרויסגעלאָזט די שטריק און זיי זיינען שוואַך געבליבן הענגען איבער דער לענג פון דעם שלאָג־

אינסטרומענט, און די אַרבעטער האָבן זיך משאדיק־שווער אַראָפּגע־לאָזן אויף דער ערד, האָבן אָפּגעווישט דעם שווייס, האָבן שווער אָפּגעעטעמט, האָבן באַוועגט מיט די רוקנס, געטאַפּט די פּלייצעס און אָנגעפילט די לופט מיט אַ טויבן וואָרטשען, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ ברומען פון אַ גרויסער צערייצטער חיה.

— לאַנדסמאַן! — האָב איך זיך געווענדט צו דעם אויסדער־ווײלטן יונג...

ער האָט זיך פויל אומגעקערט צו מיר, איז דורכגעלאָפן מיט זיינע אויגן איבער מיין געזיכט און, זיך שאַרף איינגעקוקט אין מיר, האָט ער זיי פאַרזשמורעט.

— קאָנאָוואַלאָוו?

— שטיי... — ער האָט מיט דער האַנט אָפּגעוואָרפן מיין קאָפּ אויף צוריק, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן מיך צו כאַפּן פאַרן האַלז, און האָט זיך פלוצלונג צעשטראַלט מיט אַ פריידעוודיקן און גוטן שמייכל.

— מאַקסים! אַך דו... טײַ־ייוול! פריינד מיינער... אַ? דו האָסט זיך אויך אַראָפּגעשלאָגן פון דיין וועג? זיך אויך פאַרשריבן צווישן די באָרוועסע? דאָס איז גוט! איצט איז גאָר וואויל! וואַנדער אַרום — און קלער וועגן קיין זאַך ניט! שוין לאַנג? פונוואַנען גייסטו? איצטער וועלן מיר ביידע די גאַנצע ערד אַדורכשפּרייזן! וואָס איז דאָרטן פאַר אַ לעבן... הינטער אונז? בלויז לאַנגווייל... אומזיסטע קאָפּ־דרייעניש; ניט דו לעבסט, נאָר דו פוילסט! און איך, ברודער, שפּאַציר פון זינט יענער צייט אָן איבער דער ווייסער וועלט. וואו בין איך ניט אויסגעווען? מיט וואָס פאַר אַ לופט האָב איך ניט געעטעמט... זע, ווי געשייט דו האָסט זיך אָנגעטאָן... מען קען דיך ניט דער־קענען. לויט די בגדים — ביסטו אַ זעלנער, און לויטן פּרצוף — אַ סטודענט! נו־וואָס, ס'איז גוט אַזוי צו לעבן... פון איין אָרט אויפן אַנדערן? אָבער סטענקען געדענק איך נאָך אַליץ... און טאַ־ראַסן אויך, און פילען אויך... אַליץ...

און ער האָט מיר געגעבן אַ זעץ מיטן פויסט אין זייט אַריין, האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט זיין ברייטער דלאָניע איבערן אַקסל, גלייך ער האָט געוואָלט מאַכן פון מיר אַ ביפשטעקס. איך האָב קיין

איין וואָרט ניט געקענט אַריינשטעלן אין דעם האָגל פֿון זיינע פֿראַגעס און האָב בלויז געשמייכלט און געקוקט אין זיין גוט געזיכט, וואָס האָט געשטראַלט מיט צופֿרידנהייט פֿון אונזער באַגעגעניש. איך האָב זיך אויך געפֿרייט, וואָס איך האָב אים דערזען, כ׳האָב זיך זייער געפֿרייט; די באַגעגעניש מיט אים האָט מיך דערמאָנט דעם אָנפֿאַנג פֿון מיין לעבן, וואָס איז, אָן שום ספֿק, געווען בעסער פֿאַר זיין המשך.

ענדלעך איז מיר פֿאָרט געלונגען צו פֿרעגן דעם אַלטן פֿריינט, פֿונוואַנען קומט צו אים דער שניט אויפֿן שטערן און די לאָקן איפֿן קאָפּ.

— דאָס, זעסטו... איז אַ גאַנצע געשיכטע. זאַלבענאַנד האָבן מיר זיך געוואָלט דורכרייסן דורך דעם רומענישן גרענעץ, האָבן געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי איז דאָרטן, אין רומעניע. נו, איז אָט, זיינען מיר אַוועק פֿון קאַהול — אַ שטעטל אַזאַ אין בעסאַראַביע, האַרט לעבן גרענעץ. גייען מיר זיך אַזוי, ביינאַכט, פֿאַרשטייט זיך. פּלוצלונג: שטיי! די וואַך פֿון דער טאַמאָושנע — האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן גלייך אויף איר. נו, האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, גענומען לויפֿן! דאָ האָט מיר איין סאָלדאַטל אַ פּאָר געטאָן איבערן מוח. ער האָט ניט שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן, דאָך האָב איך זיך ביי אַ חודש צייט אָפּגעוואַלגערט אין שפּיטאָל. הער ווייטער, סאַראַ טשיקאַווע געשיכטע! ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער סאָלדאַט איז מיינער אַ לאַנדסמאַן! אונזערער אַ מוראָמער!... אים האָט מען אויך באַלד אַוועקגעלייגט אין שפּיטאָל — אַ קאָנטראַבאַנדיסט האָט אים צעקאַליעטשעט, האָט אים אַריינגערוקט אַ מעסער אין בויך. אַז מיר זיינען געקומען צו זיך, האָבן מיר זיך גענומען פֿונאַנדערקלייבן אין דער גאַנצער געשיכטע. פֿרעגט ביי מיר דער זעלנער: דאָס האָב איך דיך, זאָגט ער, דערלאַנגט? — אויב דו פֿרעגסט, איז מסתּמא דו. — סע ווייזט אויס, אַז איך, זאָגט ער. זיי, זאָגט ער, אויף מיר, ניט בייז, — מיין דינסט איז אַזאַ. מיר האָבן געמיינט, אַז איר גייט מיט קאָנטראַבאַנד. אָט, זאָגט ער, האָט מען דאָס מיך אויך מכבד געווען — מע האָט מיר אויפֿגעטרענט דעם בויך. פֿאַרפֿאַלן: דאָס לעבן — איז אַן ערנסטע שפּיל. נו, האָבן מיר

זיך ביידע באַפֿריינדעט. אַ וואוילער סאָלדאַט געווען — יאַשקע מאַזין... און די לאָקן? די לאָקן, ברודער-לעבן, זיינען דאָס ביי מיר געוואָרן נאָך דעם טיפֿוס. כ'האָב געהאַט אַ טיפֿוס. מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין קישינעוו אין טורמע, און געוואָלט מיך מישפּטן פֿאַר אַריבערגיין די גרענעץ אָן אַ דערלויבעניש, און דאָרטן האָב איך דאָס געפּאַקט דעם טיפֿוס... האָב איך זיך מיט אים געוואַלגערט, געוואַלגערט, קוים אויפֿגעשטאַנען. כ'וואָלט אפשר גאָרניט אויפֿגעשטאַנען, ווען ניט די וואַרטערין, וואָס האָט זייער שטאַרק פֿאַר מיר געזאָרגט. כ'האָב זיך פּשוט געוואונדערט — זי ניאַנטשעט זיך מיט מיר, אַזוי ווי מיט אַ קינד, און פֿרעג, אויף וואָס בין איך איר נייטיק. מאַריאַ פּעטראָוונאַ, זאָג איך איר, וואַרפֿט דאָס אַוועק, ס'איז מיר פֿריקרע. און זי שמייכלט. אַ וואויל מיידל....

פֿלעגט זי מיר אַמאָל לייענען ביכער מיט מאָראַל. זאָג איך איר, צי האָט איר ניט אַמאָל עפּעס... פֿון יענע. האָט זי מיר געבראַכט אַ בוך מכּוח דעם ענגלישן מאַטראָס, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון אַ שיף-בראָך אויף אַ וויסטן אינזל און האָט איינגעאָרדענט אויף אים אַ לעבן. ס'איז גוואַלטיק אינטערעסאַנט! איז מיר דאָס בוך שטאַרק געפֿעלן געוואָרן; כ'וואָלט אַוש אַוועקגעפֿאָרן צו אים. דו פֿאַרשטייסט, וואָס פֿאַר אַ לעבן? אינזל, ים, הימל, — דו לעבסט זיך איינער אַליין, און דו האָסט אַלץ, און דו ביסט אינגאַנצן פֿריי! דאָרטן איז געווען נאָך איינער, אַ ווילדער. נו, וואָלט איך דעם ווילדן דערטרונקען — אויף וואָסערע כּפּרות דאַרף איך אים, אַ? מיר איז אַליין אויך ניט אומעטיק. האָסט געלייענט דעם בוך?

— וואַרט אַ ווײַלע. נו, און ווי ביסטו אַרויס פֿון טורמע?

— מע האָט מיך אַרויסגעלאָזן. מע האָט מיך געמישפּט, געפֿונען פֿאַר אומשולדיק און אַרויסגעלאָזן. גאָר פּשוט... אַט-וואָס: הײַנט אַרבעט איך ניט מער, כאַפּט זי דער טייוול, די אַרבעט! גוט, כ'האָב גענוג אָנגעמאַטערט די הענט, ס'וועט קלעקן. געלט אַ קערבלעך דריי האָב איך, און פֿאַר הײַנטיקן האַלבן טאָג פֿערציק קאָפּיקעס וועל איך אויך באַקומען. אַ קאַפּיטאַל! איז קום, אויב אַזוי, מיט מיר צו אונז... מיר וואוינען ניט אין באַראַק, נאָר דאָ

באַלד אין באַרג... דאָרטן איז פאַראַן אַזאַ לאָך, וואָס איז זייער באַקוועם פאַר אַ מענטשלעכער וואוינונג. מיר וואוינען אין איר זאַל־בעגאַנד, נאָר דער חבר מיינער איז קראַנק, — דער פיבער האָט אים צונויפגעדרייט... נו, איז דו זיי דערווייליע דאָ, און איך וועל גייך צו דעם אונטערנעמער... איך וועל באַלד קומען....

ער איז שנעל אויפגעשטאַנען און איז אַוועק, פונקט אין דער צייט, ווען די פאַליע־שלאָגער האָבן זיך גענומען פאַר דער שטריק און האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן. איך בין געבליבן זיצן אויפן שטיין און האָב באַטראַכט דאָס טומלדיקע האַוועניש, וואָס האָט געהערשט אַרום מיר, און דעם רויקן בלוילעך־גרינעם ים.

קאָנאָוואַלאָווס הויכע פיגור, וואָס האָט שנעל אַרומגענישטערט צווישן די אַרבעטער, צווישן די בערג שטיינער, האָלץ און טאַטש־קעס, איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער ווייטנס. ער איז געגאַנגען און האָט געפאָכט מיט די הענט; אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ בלויער קרעטאָנענער בלוזע, וואָס איז געווען ענג און קורץ אויף אים, אין לייוונטענע פלודערן און אין שווערע פאַנטאָפל. אַ וואַלד פון קלעצער האָט זיך געוויגט אויף זיין גרויסן קאָפּ. טיילמאָל פלעגט ער זיך אומקערן צוריק און פלעגט מאַכן צו מיר מיט די הענט עפעס צייכנס אַזעלכע. אינגאַנצן איז ער געווען עפעס ניי, אויפגעלעבט, רויק און זיכער, גוטמוטיק און שטאַרק. אומעטום אַרום אים האָט מען געאַרבעט, אומעטום האָט געקנאַקט דאָס האָלץ, האָט זיך געשפאָלטן דער שטיין, האָבן אומעטיק געקוויטשעט די טאַטשקעס, האָבן זיך געהויבן וואָלקנס שטויב, עפעס איז געפאַלן מיט אַ טראַס־קעריי, און מענטשן האָבן געשריען, זיך גערודלט, געברומט און געזונגען, גלייך זיי וואָלטן געקרעכצט. און אין דעם־אָ פלאָנטער פון קלאַנגען און באַוועגונגען האָט זיך זייער שאַרף אויסגעטיילט די שיינע פיגור פון מיין פריינט, וואָס האָט זיך ערגעץ דערווייטערט פון מיר מיט פעסטע טריט, האָט כסדר לאַווירט אין אַלע זייטן און איז געווען אַזוי ווי אַן אָנצוהערעניש אויף עפעס אַזוינס, וואָס האָט קאָנאָוואַלאָוון געמאַכט דערקלערבאַר.

אין אַ שעה צוויי אַרום נאָך דער באַגעגעניש בין איך מיט אים געלעגן אין דער „לאָך“, וואָס איז געווען זייער באַקוועם פאַר אַ

מענטשלעכער וואוינונג". די „לאָך" איז ווירקלעך געווען גאַנץ באַקוועם — אין דעם באַרג האָט מען גאָר אַמאָל געהאַט גענומען שטיינער און מע האָט אויסגעהאַקט אַ גרויסע פּירקאַנטיקע נישע, אין וועלכער מע האָט פֿריי געקענט וואוינען זאַלבעפֿערט. אָבער די נישע איז געווען אַ נידעריקע, און איבער דעם אַריינגאַנג אין איר איז געהאַנגען אַ שטיין-גלעמבע, אַזוי ווי אַן אָפּדאַך, אַזוי אַז כּדי אַריינצוקומען אין דער „לאָך", האָט מען זיך געמוזט לייגן אויף דער ערד און אַריינרוקן זיך אין איר. די טיף האָט זי געהאַלטן אַן אַרשין דריי, אָבער אַריינקריכן אין איר מיטן קאָפּ האָט מען ניט געדאַרפֿט, און ס'איז געווען ריזיקאַליש אויך, מחמת די דאָזיקע גלעמבע איבער דעם אַריינגאַנג האָט געקענט איינפֿאַלן און איינגאַנצן אונדז באַגראָבן דאָרטן. מיר האָבן דאָס ניט געוואָלט און האָבן זיך דערײַבער איינגעאָרדנט אַזוי: די פֿיס און דעם גוף האָבן מיר אַריינגערוקט אין לאָך, וואו ס'איז געווען זייער קיל, און די קעפּ האָבן מיר איבערגעלאָזן אויף דער זון, אין דער עפֿענונג פֿון דער לאָך, אַזוי אַז ווען די שטיין-גלעמבע וואָלט אַפֿילו וועלן אויף אונדז אַרויספֿאַלן, וואָלט זי אונדז בלויז צעקוועטשט די שאַרבנס.

דער קראַנקער וואַגאַבונד האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעקליבן אויף דער זון און האָט זיך געלייגט אַ טריט צוויי פֿון אונדז, אַזוי אַז מיר האָבן געהערט, ווי זיינע ציינער האָבן געקלאַפּט פֿונם פֿיבער. דאָס איז געווען אַ דאַרער און לאַנגער כאָכאָל: „פֿון פּילטאַווע, און אפשר אויך פֿון קיעוו... — האָט ער מיר געזאָגט פֿאַרטראַכט.

— אַ מענטש לעבט אַזוי לאַנג אויף דער וועלט, אַז ס'איז ניט וויכטיק, אייב ער פֿאַרגעסט וואו ער איז געבאָרן געוואָרן.... און ס'איז דען ניט אַלץ איינס? דער אומגליק איז, וואָס מע ווערט געבאָרן, אָבער וואו... דערפֿון ווערט ניט לייכטער.

ער האָט זיך געקייקלט איבער דער ערד און האָט זיך געפּלייסט וואָס שטאַרקער איינצודעקן זיך אין דעם גרויען באַלאַכאָן, וואָס איז געווען גענייט פֿון גאָלע לעכער, און האָט זיך זייער פּילדעריש געזידלט, זענדיק, אַז ער קען זיך קיין עצה ניט געבן; ער האָט זיך געזידלט און האָט זיך ווייטער געקוטעט. ער האָט געהאַט

קליינינקע שוואַרצע אייגעלעך, וואָס זיינען שטענדיק געווען אַזוי פֿאַרזשמורעט, גלייך ער וואָלט עפּעס באַטראַכט זייער שאַרף.

די זון האָט אומדערטרעגלעך געבאַקט אונזערע קערק, און קאָנאָוואַלאָוו האָט געמאַכט פֿון סאָלדאַטישן שינעל אַ מין שירעמע, האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד שטעקנס און אויסגעצויגן אויף זיי מיין אָנצוג. ס'איז אָבער אַליין געווען דושנע. פֿון דער ווייטנס איז צו אונז געקומען צו פֿליען אַ פֿאַרשטיקטער גערויש פֿון דער אַרבעט אויף דער בוכטע, אָבער די אַרבעט גופֿא האָבן מיר ניט געזען: רעכטס פֿון אונז איז אויפֿן ברעג געלעגן די שטאָט מיט די שווערע גלעמבעס פֿון די ווייסע הייזער, לינקס — דער ים, אַנטקעגן אונז — דער זעלבער ים, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן אין דער ברעגלאָזער ווייטקייט, וואו אין ווייכע האַלבע טענער האָבן זיך אויפֿגעמישט אין אַ פֿאַנטאַסטישן מיראַזש וואונדערבאַרע און צאַרטע, אויסטערלישע פֿאַרבן, וואָס צערטלען די אויגן און די נשמה מיט דער אומבאַגרייפֿלעכער שיינקייט פֿון זייערע שאַטירונגען...

קאָנאָוואַלאָוו האָט אַהין געקוקט, האָט גליקלעך געשמייכלט און האָט מיר געזאָגט:

— אַז די זון וועט זיך זעצן, וועלן מיר פֿונאַנדערלייגן אַ פֿייער, וועלן אויפֿקאָכן טיי, מיר האָבן ברויט, פֿלייש. און דערווילע וואָס ווילסטו, אַ מעלאָנע, צי אַ קאַוואָן?

מיטן פֿוס האָט ער אַרויסגעקייקלט פֿון דעם ווינקל גרוב אַ קאַוואָן, האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ מעסער און, אַרבעטנדיק מיט אים אויף דעם קאַוואָן, האָט ער בשעת־מעשה געזאָגט:

— יעדעס מאָל, ווען איך בין ביים ים, טראַכט איך אַליין, פֿאַרוואָס באַזעצן זיך אַזוי ווייניק מענטשן לעבן אים? זיי וואָלטן דאָך פֿון דעם געוואָרן בעסער, ווייל ער איז אַ ליבער און אַזאַ... ער ברענגט אַריין גוטע כוונות אין דעם מענטשנס האַרצן. אַנו, דערצייל, ווי אַזוי האָסטו געלעבט אין די דאָזיקע יאָרן?

איך האָב אים גענומען דערציילן. ער האָט געהערט; דער קראַנקער כאָכאָל האָט זיך מיט אונז ניט אינטערעסירט און האָט זיך געבראָטן אויף דער זון, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזן אין ים. און דער ים האָט זיך פֿון ווייטן שוין געהאַט באַדעקט

מיט פּורפּור און גאָלד, און אַנטקעגן דער זון האָבן זיך פון אים אָפּגעהויבן ראָזיקע רויכקאָלירענע וואָלקנס מיט ווייכע קאָנטורן. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון דעק פון ים הייבן זיך אויף בערג מיט ווייסע שפּיצן, וואָס זיינען רייך באַפּוצט מיט שניי און זיינען ראָז פון די שקיעה־שטראַלן. פון די שטיינער און פון די אומגלאַטקייטן פון דעם באָדן האָבן זיך אויף דער ערד אויסגעלייגט פאַר אונז שאָטנס און, אויסגעצויגן זיך אומבאַמערקטערהייט, זיינען זיי געקראָכן אויף אונז.

— לחלוטין אומזיסט דרייסטו זיך, מאַקסים, אַרום אין די שטעט, — האָט קאָנאָוואַלאָוו, אויסהערנדיק מיין עפּאָפּעע, געזאָגט מיט איבערצייגונג. און וואָס ציט דיך אַזוי צו זיי? אַ דומפּיק לעבן איז דאָרטן, און אַן ענגס. ניט קיין לופט, ניט קיין גרוימקייט, ניט קיין זאַך, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. מענטשן? אומעטום זיינען דאָ מענטשן!...

— עהע! — האָט דער כאָכאָל צוגעשטימט און האָט זיך געדרייט אויף דער ערד, אַזוי ווי אַ שלאַנג. — מענטשן זיינען אומעטום... פאַראַן אַ סך; אַ מענטש קען ניט צוקומען צו זיין אָרט, וואו ער זאָל ניט אָנטרעטן זיי אויף די פיס. אָט ווערן זיי דאָס געבאָרן אָן אַ צאָל! ווי אייער־שוואָמען נאָך אַ רעגן... נאָר יענע עסן כאָטש פּריצים.

ער האָט אויסגעשפּייט פילאָסאָפיש און האָט ווידער גענומען קלאַפּן מיט די ציינער.

— און וואָס נוגע דיר, איז זאָג איך דיר נאָך אַמאָל — האָט קאָנאָוואַלאָוו ווייטער גערעדט, — וואוין ניט אין די שטעט. וואָס איז דאָרטן דאָ אין זיי? בלויז קראַנקהייט און אומאָרדענונג. ביכער? גענוג פאַר דיר צו לייענען ביכער! ניט אויף דעם, רעכן איך, ביסטו געבאָרן געוואָרן... און אַפילו ביכער זיינען אויך אַ שטותעריי! נו, קויף זיך דיר אַ ביכל, לייג עס אַריין אין קלומעק און גיי. ווילסט גיין מיט מיר קיין טאַשקענט, קיין סאַמאַרקאַנד, אָדער ערגעץ אַנדערש?... דערנאָך וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן אויף אַמור.... גייט עס? איך האָב, ברודער, באַשלאָסן צו גיין אין פאַרשיידענע קאַנטן — דאָס איז דאָס בעסטע. דו גייסט און זעסט

אַלץ נײַס... און טראַכסט װעגן קײן זאַך ניט... אַ װינטעלע בלאָזט דיר אַנטקעגן, גלײַך ער װאָלט אַרױסגעיאָגט פֿון דער נשמה די פֿאַרשײדענע שטױב, לײַכט און פֿרײ... קײנער און קײן זאַך שטערט דיך ניט: װילסט עסן — שטעלסטו זיך אָפּ און אַרבעטסט עפּעס אָפּ פֿאַר אַ האַלב קערבל; ניטאָ קײן אַרבעט, איז בעט אַ שטיקל ברױט, װעט מען דיר געבן. אַזױ אַרום װעסטו כאָטש אָנזען אַ װעלט... פֿאַרשײדענע שײנקײטן. װאָס, מיר גײען?

די זון האָט זיך געזעצט. די װאָלקנס איבערן ים זײנען טונקל געװאָרן, דער ים איז אױך געװאָרן טונקל און פֿון אים האָט אַ בלאָז געטאָן מיט קילקײט. װאו־ניט־װאו האָבן זיך שױן אָנגעצונדן שטערן, דער רױש פֿון דער אַרבעט אין דער בוכטע האָט אױפֿגעהערט, בלױז פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיך פֿון דאָרטן דערטראָגן שטילע מענטשלעכע קולות, אַזױ װי שטילע זיפֿצן. און װען אױף אונז האָט גענומען בלאָזן אַ װינט, האָט ער מיט זיך געבראַכט דעם מעלאַנכאָלישן קלאַנג פֿון דעם גערױש פֿון די כװאַליעס אָן ברעג.

די נאַכט־פֿינסטערניש איז באַלד געװאָרן געדיכט, און די פֿיגור פֿון דעם כאָכאָל, װאָס האָט מיט פֿינף מינוט פֿריער געהאַט גאַנץ באַשטימטע קאָנטורן, האָט שױן איצט פֿאַרעשטעלט מיט זיך אַן אומגעלומפּערטן קנױל...

— מע װאָלט באַדאַרפֿט פֿונאַנדערלײגן אַ פֿײער... האָט ער, אונטערהוסטנדיק, געזאָגט.

— מע קען...

קאָנאָװאַלאָװ האָט געבראַכט צו שלעפּן פֿון ערגעץ אַ קופּע שפּענער, האָט זײ אונטערגעצונדן מיט אַ שװעבעלע, און דינע צינגעלעך פֿײער האָבן ליבלעך גענומען לעקן דאָס געלע, פּעכיקע האָלץ. שטרעמעלעך רױך האָבן זיך געשלענגלט אין דער בײנאַכטיקער לופֿט, װאָס איז געװען פֿול מיט דער פֿײַכטקײט און פֿרישקײט פֿון ים. און אַרום איז געװאָרן אַלץ שטילער: דאָס לעבן האָט זיך אַזױ װי אָפּגערוקט ערגעץ פֿון אונז, און זײַנע קלאַנגען זײַנען צערונען געװאָרן און האָבן זיך געלאָשן אין דער פֿינסטערניש. די װאָלקנס האָבן זיך צעשטרײט, אין דעם טונקל־בלױען הימל האָבן זיך צעברענט די שטערן, און אױף דער סאַמעטענער פֿלאַך פֿון ים האָבן אױך

קוים געשעמערירט די פייערלעך פון די פישער-שיפלעך און פון די אָפּגעשפּיגלטע שטערן. דער שייטערהויפן פאַר אונז האָט זיך צעבליט, ווי אַ גרויסע רויט-געלע בלום... קאָנאָוואַלאָוו האָט אַריינגערוקט אין אים אַ טשייניק און, אַרומגענומען זיינע קני, האָט ער פאַרטראַכטערהייט געגומען קוקן אין פייער אַריין. און דער כאָכאָל האָט צוגעפויזעט צו אים, ווי אַ ריזיקע יאַשטשערקע, און האָט זיך געלייגט לעבן אים.

— מענטשן האָבן אָנגעבויט שטעט, הייזער, האָבן זיך דאָרטן אויפגעדרענגט צוזאַמען, פאַרחזירן די ערד, ווערן דערשטיקט, מאַכן ענג איינע די אַנדערע... אויך מיר אַ לעבן! ניין, אָט דאָס איז אַ לעבן, אָט דאָס-אָ, אַזוי ווי מיר....

— אָהאָ! — האָט דער כאָכאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, — און ווען מע וואָלט נאָך דערצו געקענט קריגן פּעלצן אויף ווינטער, אָדער אַ וואַרעמע שטוב, וואָלט עס גאָר געווען אַ פּריציש לעבן...— ער האָט פאַרזשמורעט איין אויג, האָט קלוגיטשקע געשמייכלט און האָט געקוקט אויף קאָנאָוואַלאָוון.

— נ-יאָ, — איז יענער געקומען אין פאַרלעגנהייט, — ווינטער — איז... אַ פּאַסקודנע צייט. פאַר דעם ווינטער דאַרף מען טאַקע גייטיק האָבן די שטעט... דאָ קענסטו שוין מיט זיי גאָרנישט ניט מאַכן... אָבער די גרויסע שטעט טויגן פאָרט אויף גאָרנישט... צו וואָס דאַרף מען די מענטשן אויפדרענגען אין אַזעלכע קופּעס, אַז צוויי-דריי קענען צווישן זיך ניט הויזן?... אָט וועגן וואָס איך רייד. פאַרשטייט זיך, ווען מע זאָל זיך גוט באַטראַכטן, איז פאַר דעם מענטשן אין ערגעץ קיין אָרט ניטאָ, ניט אין שטאָט, ניט אין סטעפּ. אָבער בעסער איז, אַז מען טראַכט ניט וועגן אַזעלכע זאַכען... וועסט סיי-ווי-סיי גאָרנישט ניט אויסטראַכטן, וועסט זיך בלויז אָנמאַכן האַרצווייטאָג...

ביז דער צייט האָב איך געמיינט, אַז קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך געענדערט פון דעם וואַנדער-לעבן, אַז די אָנוואוקסן פון אומעט, וואָס זיינען געלעגן אויף זיין האַרצן אין דער ערשטער צייט פון אונזער באַקאַנטשאַפט, זיינען אַראָפּגעפאַלן פון אים, אַזוי ווי אַ שאָלעכץ, פון דער פרייער לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט אין די

דאָזיקע יאָרן; אָבער דער טאָן פון זיין לעצטער פראַזע האָט פאַר מיר אויפגעלעבט דעם זעלביקן פריינט, וועלכן איך האָב געקענט אַמאָל און וועלכער זוכט נאָך אַלץ זיין אייגענעם פונקט. דער זעלבער ראָסט פון אומאַנטשלאָסנקייט פאַרן לעבן און דער גיפט פון טראַכטענישן וועגן אים האָבן צעפרעסן די דאָזיקע מעכטיקע פיגור, וואָס איז געבאָרן געוואָרן, צו איר אומגליק, מיט אַ שפּירעוודיק האַרץ. אַזעלכע „פאַרטראַכטע" מענטשן זיינען פאַראַן אַ סך אין דעם רוסישן לעבן און אַלע זיינען זיי אומגליקלעכער פון יעדער אַנדער מענטשן. ווייל די משא פון זייערע מחשבות ווערט נאָך גרעסער דורך דער בלינדקייט פון זייער שכל. מיט באַדויערונג האָב איך געקוקט אויף מיין פריינט, און ער, גלייך ער וואָלט באַשטעטיקט מיין געדאַנק, האָט טרויעריק אויסגעשריען:

— כ'האָב זיך דערמאָנט, מאַקסים, אונזער אַמאָליק לעבן און אַלץ... וואָס דאָרטן איז געווען... וויפל לאַנד בין איך שוין ניט אויסגעגאַנגען פון זינט יענער צייט, וויפל פאַרשיידענע זאַכן האָב איך זיך שוין ניט אָנגעזען... פאַר מיר איז קיין שום באַקוועמלעכקייט ניטאָ אויף דער ערד! איך האָב פאַר זיך קיין אָרט ניט געפונען!

— צו וואָס ביסטו געבאָרן געוואָרן מיט אַזאַ האַלז, אויף וועלכן קיין איין כאָמוט קען ניט אַרויפגיין? — האָט אים גלייכגילטיק געפרעגט דער כאָכאָל און האָט אַרויסגענומען פונם מייער דעם אויפגעקאָכטן טשאַיניק.

— ניין, דו זאָג מיר נאָר... — האָט קאָנאָוואַלאָוו געפרעגט, — פאַרוואָס קען איך ניט זיין רויִק? אַ? פאַרוואָס־עפּעס לעבן זיך מענטשן — און גאָרנישט. פאַרנעמען זיך מיט זייערע געשעפטן, האָבן ווייבער, קינדער און אַזוי ווייטער... זיי קלאָגן זיך טאַקע אויפן לעבן, אָבער זיי זיינען אויך רויִק און שטענדיק האָבן זיי אַ חשק צו טאָן פאַרשיידענע זאַכן. און איך — איך קען ניט. ס'איבלט. פאַרוואָס איבלט עס מיר?

— אָט סקוואַטשעט עס אַ מענטש. — ניט שוין־זשע, אַז דו וועסט סקוואַטשען, וועט דיר לייכטער ווערן?

— ריכטיק... — האָט טרויעריק איינגעשטימט קאָנאָוואַלאָוו.

— איך זאָג שטענדיק ווינציק, אָבער איך ווייס, ווי צו זאָגן. — האָט דער סטאָקער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אייגענער חשיבות און האָט ניט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך מיט דעם פיבער.

ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט זיך גענומען באָרבלען און האָט ביין גענומען שפייען אין פייער אַריין. אַרום אונז איז אַלץ געווען טויב און שטום, אַלץ איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ געדיכטן שלייער פון פינסטערניש. דער הימל איבער אונז איז אויך געווען פינסטער, די לבנה איז נאָך ניט געווען. דעם ים האָבן מיר גיכער געשפּירט, איידער געזען — אַזוי געדיכט איז געלעגן די פינסטערניש פאָראויס פאַר אונז. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אויף דער ערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער נעפּל. דער פייער האָט זיך געלאָשן...

— לאָמיר זיך גאָר לייגן שלאָפן, — האָט דער כאָכאָל פאָרגעלייגט.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין דער „לאָך" און האָבן זיך געלייגט, און די קעפּ האָבן מיר אַרויסגערוקט אויף דער פרייער לופט. מיר האָבן געשוויגן. תיכף, ווי קאָנאָוואַלאָוו האָט זיך געלייגט, אַזוי איז ער געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, גלייך ער וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן. דער כאָכאָל האָט אָן אויפהער זיך געבאָרבלט און האָט אַלץ געקלאַפּט מיט די ציינער. כ'האָב לאַנג געקוקט, ווי די קוילן פון דעם שייטער-הויפן האָבן געטליעט: תחילת העל און גרויס, פלעגן די קוילן ביסלעכווייז ווערן קלענער, פלעגן זיך באַדעקן מיט אַש און פאַרשווינדן אונטער אים. און באַלד איז פון דעם שייטער-הויפן גאָרנישט ניט געבליבן, אויסער דעם וואַרעמען ריח. איך האָב געקוקט און זיך געטראַכט בשעת-מעשה:

— אָט אַזוי וועלן מיר אַלע זיין... כאָטשבי העלער זיך צעפלאַקערן!

אין דריי טעג אַרום האָב איך זיך צעזעגנט מיט קאָנאָוואַלאָוון. איך בין געגאַנגען אויף קובאַן, און ער האָט ניט געוואָלט. אָבערביידע האָבן מיר זיך צעשיידט מיט דער זיכערקייט, אַז מיר וועלן זיך נאָך וועזן עס איז באַגעגענען.

ס'איז אָבער ניט אויסגעקומען...

די פּאָר גנבים.

איינעם פון זיי האָט מען גערופן ציטערפוס, דעם אַנדערן — בעל־ביטחון און ביידע זיינען זיי געווען גנבים.

זיי האָבן געוואוינט אין סלאָבאָדקע, אויפן עק שטאָט, אין אַ אַלט שטיבל פון ליים און פאַרפוילטע קלעצער. די סלאָבאָדקע איז געשטאַנען אויף אַן אַראָפּ־באַרג און דאָס שטיבל האָט אויסגעזען, ווי אַ בערגל מיסט, וואָס מע האָט אַרויסגעפירט פון שטאָט און דאָ אויסגעטרייסלט פונם וואָגן. גנבענען פלעגן ביידע חברים גיין אין די דערפער, ניט ווייט פון שטאָט, וואָרעם אין שטאָט גופא איז שווער געווען צו גנבענען און אין דער סלאָבאָדקע אַליין איז ניט געווען וואָס צו גנבענען!

געפירט האָבן זיי זיך שטיל און פּאָרזיכטיק: אַז עס פלעגט זיך זיי מאַכן אַוועקצולקחענען אַמאָל אין אַ דאָרף אַ שטיקל לייוונט, אַ פּעלצל, אַ האַק, אַ העמד אָדער אַ הון, פלעגן זיי זיך נאָכדעם ניט ווייזן דאָרטן אַ לאַנגע צייט.

פונדעסטוועגן האָבן זיי די דאָרפס־פויערים זייער גוט געקענט און פלעגן זיך אַליך קלייבן ברעכן זיי די ביינער, נאָר ביז אַהער איז אַליך צוגעגאַנגען מיט חסד, מע האָט זיי ניט געטשעפּעט.

ציטערפוס איז געווען אַ הויכע, איינגעהויקערטע און דאַרע בריאה פון אַ יאָר פערציק, ער פלעגט גיין פאַמעלעך, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די לאַנגע הענט פאַרלייגט אויף הינטן און פלעגט זיך אַלע מאָל אַרומקוקן מיט זיינע אומרויִקע שאַרפע קליינע אייגעלעך. די באָרד האָט ער געגאָלט, די געדיכטע וואָנצעס האָבן אים פאַרשטעלט דאָס מויל און האָבן צוגעגעבן זיין פּנים אַ ברוגזע מינע. די לינקע פוס זיינע איז געווען אויסגעלונקען און אפשר צעבראָכן, און איז אַזוי צונויפגעוואַקסן, אַז זי איז אויסגעקומען לענגער, ווי

די רעכטע; ביים גיין פלעגט די פוס אונטערציטערן און זיך אָפּוואַרפן אין אַ זייט. פון דעם גאַנג האָט ציטערפוס געקראָגן דעם צונאָמען.

בעל־ביטחון איז געווען עלטער פונם חבר מיט אַ יאָר פינף, נידעריקער געוואַקסן און ברייט־ביינערדיקער, נאָר ער פלעגט הוסטן אָפּט און דומפּ, זיין פנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצער באָרד, ערטערווייז גרוי; זיינע אויגן זיינען געווען שוואַרצע און גרויסע און האָבן אויף אַלץ געקוקט ליבלעך און שולדיק. אַז ער פלעגט גיין, פלעגט ער אונטערפייפן תמיד איין און דאָס זעלבע לידל. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ צעפּיצלטן וואַטענעם רעקל פון אַלערליי קאָלירן. ציטערפוס פלעגט גיין אין אַ סוויטע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל.

בעל־ביטחון איז געווען אַ פּויער, זיין חבר — אַ קלויסטער־דינערס אַ זון. אַמאָל איז ער געווען אַ לאַקעי. די חברים פלעגט מען שטענדיק זען צוזאַמען, און אַז די פּויערים פלעגן זיי דערזען, פלעגן זיי תמיד זאָגן:

— זעסט, די חברים האָבן זיך שוין געוויזן, אַצינד קוקט מיט ביידע אויגן.

— טייוואָלים!

— און ווען ווען זיי שוין פּגרן, צו אַלדי־רוחות!

און בעת מע שעלט דאָ אַזוי, גייען שוין אונזערע חברים ערגעץ צווישן די דערפער און קוקן אין אַלע זייטן, אַז קיינער זאָל זיך מיט זיי ניט באַגעגענען. בעל־ביטחון הוסט און פייפט זיין לידל און זיין חברס פוס טאַנצט, גלייך ער וואָלט זיך וועלן אָפּרייסן און אַנטלויפן פונם געפערלעכן וועג, אויף וועלכן עס גייט דער באַלעבאָס, אָדער ביידע חברים ליגן אויפן עק וואַלד צווישן הויכן ווייץ און שמועסן שטיל צווישן זיך, וואו גנבעט מען היינט עפּעס אויף אָנבייסן.

ווייטער פלעגט אונזערע חברים זיין זייער שלעכט. כדי צו קענען ביישטיין אין דער מלחמה פאַרן לעבן, מוז מען זיין באַוואָפנט, און אונזערע חברים זיינען אין דעם פּרט געווען אַ סך שוואַכער פאַר די

וועלף, וואָס לויפֿן אַרום ווינטער אין וואַלד, אויסגעדאַרט, הונגעריק און צערייצט; הגם די וועלף שיסט מען, אָבער דערפֿאַר האָט מען פֿאַר זיי אויך מורא: זיי האָבן נעגל און ציין און קענען פֿאַר זיך בייסטיין און, די הויפּטזאַך, די הערצער זיינען בײַ זיי פֿאַרשטיינער־טער, און דאָס איז זייער וויכטיק, וואָרעם אין דער מלחמה פֿאַרן לעבן מוז מען אָדער האָבן זייער פֿיל שׂכל, אָדער אַ האַרץ פֿון אַ חיה־רעה.

אָפּטמאָל פֿלעגן ביידע חברים אַרויסגיין ווינטער־צייט אויף דער גאַס בעטן אַ גראָשן אויף ברויט. זיי האָבן זיך באַדאַרפֿט היטן, דער פּאָליציאַנט זאָל זיי ניט דערזען, וואָרעם בעטלען אויף די גאַסן איז פֿאַרווערט. גנבענען עפּעס איז ווינטער־צייט געווען זייער שווער, גיין גנבענען אין די דערפֿער איז געווען ניט צו דער האַנט, ווייל דער פֿראָסט איז געווען גרויס און אויפֿן שניי בלייבט פֿון די טריט אַ סימן און חוץ דעם איז דאָרט אַלץ פֿאַרדעקט און פֿאַרשאָטן מיט שניי... שווער איז זיי געווען זיך ראַנגלען מיטן הונגער, און קיינער האָט אַזוי ניט געוואַרט אויפֿן זומער, ווי אונזערע חברים.

נאָר אָט איז געקומען דער פֿרילינג. די חברים קריכן אַרויס פֿון זייער „גרוב" אויסגעדאַרט און אָפּגעשוואַכט און קוקן פֿריילעך אויף די פֿעלדער, אויף וועלכע דער שניי ווערט וואָס אַ טאָג, אַלץ שוואַרצער. אָט בלישטשעט שוין אַ לוזשע אויף דער זון, אַזוי ווי אַ שפּיגל. די וואַסערלעך לויפֿן און ברומען, די זון גיסט אויף דער ערד אירע פֿריילעכע, אומזיסטע שטראַלן און ליבלעכע וואַרעמ־קייט און ביידע חברים וואַרעמען זיך אויף דער זון און שמועסן, אַז אָט באַלד וועט ווערן טרוקן און זיי וועלן שוין קענען זיך לאָזן איבער דער דערפֿער „שיסן". בעל־בטחון, וואָס האָט גאַנצע נעכט ניט געשלאָפֿן איבערן הוסט, פֿלעגט וועקן דעם חבר ווי נאָר טאָג און מיט שׂמחה אים זאָגן:

— שטיי אויף! די טרילערס זיינען שוין געקומען צו פֿליען.

— אַן אמת?

— יאָ, זאָג איך דיר. שטיי־זשע אויף, הערסט ניט, ווי זיי צווישערן?

זיי גייען ביידע אַרויס פֿונם אײַנגעהויקערטן שטיבל און שעהן־לאַנג שטעלן זיי זיך אַוועק קוקן אויף די כמאַרעס שוואַרצע פֿייגעלעך; זייער געשריי גייט ביזן הימל, זיי בויען מיט התלהבות נייע נעסטן און מאַכן צורעכט אַלטע.

נאָכדעם פֿלעגט בעל־ביטחון צורעכט מאַכן די אַלטע נעץ און זי שטעלן אין דרויסן. נאַסע און ברודיקע לויפֿן אונזערע חברים איבערן פֿעלד און טרייבן אונטער דער נעץ די הונגעריקע און מידע פֿייגעלעך, וואָס זוכן עפּעס צו עסן אין דער נאַסער ערד, די געכאַפּטע טרילערס פֿלעגן די חברים פֿאַרקויפֿן צו פֿינף און צען קאָפּיקעס אַ שטיקל. נאָך די פֿייגעלעך פֿלעגט זיך באַווייזן נייע קראַפּעווע און די חברים פֿלעגן זי שניידן און שלעפּן ביסלעכווייז צו פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק. כמעט יעדער זומער־טאָג האָט זיי געגעבן אַ נייע באַשעפֿטיקונג, אָבער דאָס זיינען זיי ניט געווען פֿון די אַלע עסקים קיין איין מאָל.

נאָר דער הונגער האָט זיי באַטש אַזוי ניט געמאַטערט, ווי ווינטער.

איינמאָל, אין אַפּריל, זיינען ביידע חברים געגאַנגען מיטן גרויסן וועג. זיי האָבן גערויכערט פּאַפּיראָסן פֿון מאַכאָרקע און געשמועסט צווישן זיך.

— עפּעס הוסטו אַליין שווערער, — האָט ציטערפֿוס רויִק געזאָגט צום חבר.

— עט, נאַרישקייטן, די זון וועט מיך צעוואַרעמען, וועל איך אַ ביסל אויפֿלעבן.

— הם! און אפֿשר וואָלסטו זיך דורכגעגאַנגען אין שפּיטאָל?

— נו, צו וואָס אין שפּיטאָל? אַז דער טויט וועט קומען, וועל איך אָן דעם שפּיטאָל אויך שטאַרבן.

— יאָ, אַוודאי.

זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

— דו האָסט צו פֿאַמעלעך גענומען גיין, — האָט ציטערפֿוס ווידער געזאָגט.

— עס שטיקט מיך, — האָט בעל־ביטחון געגעבן צו פאַרשטיין, די לופט איז איצטער אַ געדיכטע, אַ פייכטע, אַ פעטע, איז מיר טאַקע שווער צו עטעמען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען הוסטן, ציטערפּוס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, געדרייכערט זיין מאַכאָרקע און געקוקט אויפן חבר. בעל־ביטחון האָט זיך געטרייסלט הוסטנדיק און האָט געריבן מיט דער האַנט דאָס האַרץ; דאָס פנים איז געווען ביי אים בלוי.

— גוט צעשלאָגן די ליחות, — האָט זיך בעל־ביטחון אָפּגערופן, ווען ער האָט זיך אויסגעהוסט.

זיי זיינען געגאַנגען אַ ביסל ווייטער, איבערשרעקנדיק די שפערלען.

— איצט גייען מיר קיין מוכינע, — האָט זיך ציטערפּוס אָפּגערופן, — מע דאַרף זי אַרומגיין דורך די הינטערהויפן, טאָמער וועלן מיר עפּעס פאַקן, דערנאָך וועלן מיר גיין קיין סיווצאָווע, נאָכדעם קיין קוזניעטשיכע, פון קוזניעטשיכע קיין מאַרקאָווקע און פון דאָרטן שוין אַהיים!

— אַ ווערסט דרייסיק וועג, — האָט זיך בעל־ביטחון אָפּגערופן.

— אַבי ניט אומזיסט.

פונם וועג לינקס האָט זיך געצויגן אַ וואַלד, דיביימער זיינען געווען הויל, אָן בלעטער, און צווישן די צווייגן האָט מען נאָך ניט געזען קיין גרין פלעקעלע, וואָס זאָל צוציען צו זיך דאָס אויג. אויפן עק וואַלד האָט געשפּאַנט אַ קליינע האָריקע און צעשויבערטע שקאַפּע מיט איינגעפאַלענע זייטן, די ריפן האָבן זיך ביי איר אַרויסגעזען, ווי די רייפן פון אַ דייזשקע. די חברים האָבן זיך אָפּגעשטעלט און האָבן לאַנג געקוקט, ווי דאָס פערדל האָט פּאַוואָליע געשפּאַנט מיט די דינע פיס, דעם קאָפּ צו דער ערד איינגעבויגן, און געכאַפּט מיט אַלע קרעפטן דאָס געלע פאַראַיאָריקע גראָז און געקייט דאָס מיט די אַלטע אָפּגעריבענע ציין.

— אויך אויסגעמאָגערט פונם ווינטער, האָט זיך אָפּגערופן בעל־ביטחון.

— סיאָק־סיאָק־סיאָק, — האָט ער אַ רוף געטאָן די שקאַפּע.

די שקאַפּע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין, און האָט אים ווידער אַראָפּגעלאָזט.

— זי וויל צו דיר ניט גיין, — האָט בעל־בּיטחון צו פאַרשטיין געגעבן.

— זי אָפּפירן צו די טאָטערן, וואָלט מען אפשר געקענט בּיי זיי נעמען אַ רובל זיבן. — האָט זיך ציטערפוס אָפּגערופן פאַרקלערט.

— ניין, זיי וועלן ניט געבן, צו וואָס דאַרפן זיי?

— און די פעל?

— די פעל? פאַר דער פעל וועלן זיי דיר אפשר געבן אַ דרייערל.

— נו־ו!

— און וואָס מיינסטו? די פעל איז אויף איר אויך אַ דער רוח ווייס וואָסערע.

— אָבער עפּעס וועט מען דאָך געבן.

— נו, אַוודאי.

ציטערפוס האָט אַ קוק געטאָן אויפן חבר און האָט געזאָגט:

— נו?

— אַ שווערער עסק — האָט זיך בעל־בּיטחון אָפּגערופן.

— וואָס איז?

— דער סליאָד, די ערד איז נאַס, מע וועט באַלד זען, וואו מען האָט זי פאַרפירט.

— וועלן מיר אָנטאָן לאַפּטיעס.

— מילא, ווי דו ווילסט.

— האַידאַ! מע דאַרף זי פאַרטרייבן אין וואַלד, אין אַ טאָל. און אַז ס'וועט ווערן נאַכט, וועלן מיר זי אַוועקפירן צו די טאָטערן, ניט ווייט פון דאַגען, אַ ווערסט דריי.

— נו! — האָט בעל־בּיטחון מסכּים געווען, — איך האָב נאָר מורא, טאָמער מאַכט זיך עפּעס... כ'ווייס...

— עט, עס וועט גאָרנישט זיין! — האָט ציטערפּוס געזאָגט מיט זיכערקייט.

דער אָוונט איז געקומען, די חברים זיינען געזעסן אין וואַלד אין אַ טיפן טאָל. זיי האָבן צעלייגט אַ פייער און געוואַרעמט בּיי אים די הענט. ניט ווייט פון זיי איז געשטאַנען די שקאַפּע צו־געבּונדן צו אַ בּוים, דאָס מויל איז געווען בּיי איר פאַרבּונדן מיטן אַרבּל פון בּעל־בּיטחונס רעקל. בּעל־בּיטחון איז געזעסן פאַרטראַכט, ער האָט געקוקט אויפן פייער און געפייפט זיין לידל, ציטערפּוס האָט געפלאָכטן פון ריטלעך אַ קוישל און האָט געשוויגן פאַר־טיפט אין זיין אַרבּעט.

— ווי קלערסטו?... מירן בּאַלד גיין? — האָט בּעל־בּיטחון גע־פרעגט.

— עס איז נאָך פרי, לאָז גוט פינסטער ווערן, וועלן מיר גיין, — האָט ציטערפּוס געענטפערט, ניט אויפהויבּנדיק דעם קאָפּ פון דער אַרבּעט.

בּעל־בּיטחון האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך פאַרהוסט.

— ס'איז דיר קאַלט? — האָט ציטערפּוס געפרעגט נאָך אַ לאַנג שווייגן.

— ניין... עס איז מיר אַזוי עפּעס ניט גוט אויפן האַרצן, עס נאָגט מיך...

— די קרענק.

— קענטיק... און אפשר ניין.

ציטערפּוס האָט געשוויגן אַ ווײַלע און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

— מען דאַרף ניט קלערן... און דו קלערסט צופיל.

— וועגן וואָס?

— וועגן פיל זאַכן?...

פאַרשטייסטו, בּרודער, — האָט זיך בּעל־בּיטחון פלוצלונג צע־רעדט — ניט קלערן קען איך ניט, איך קוק אויף איר (ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער שקאַפּע), איך קוק אויף איר און קלער זיך מיר — וואָ־עס איך האָבּ אויך אַמאָל געהאַט אַזעל־כע — קלער איך מיר: די איז, טאַקע אַ געפּגרטע, אַ דער רוח

ווייסט וואָסערע, נאָר אין באַלעבאַטישקייט איז זי פּאַרט די הויפּט־ספּרוזשינע. כ׳האָב אַמאָל אַפילו אַ פּאָר פּערדלעך געהאַט, כ׳האָב דעמאָלט געזונט געאַרבעט.

— און וואָס האָסטו אויסגעאַרבעט? — האָט זיך ציטערפּוס קורץ און קאַלט אָפּגערופן. דו ווייסט, איך האָב פיינט דיינע העוויות ווען דו הייבסט אָן דולן אַ קאָפּ, קרעכצען און אויקען. און פרעג, וואָס? וואָס קומט דערפון אַרויס?

בעל־בּיטחון האָט אַריינגעוואָרפן עטלעכע צווייגלעך אין פייער און עטלעכע מינוט געקוקט, ווי די פונקען פליען אין דער הויך און ווערן פאַרלאָשן. נאָכדעם האָט ער איבּערגעקערעוועט דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו די שקאַפע איז געשטאַנען, און האָט לאַנג געקוקט אויף איר.

— אַ פּראָסטע חקירה, — האָט ציטערפּוס ווייטער גערעדט, — אַז מיר לעבן איבער אַ טאָג, איז אַ דאַנק גאָט; איז דאָ אַ שטיקל ברויט — איז גוט; איז ניטאָ — איז קריך, זוך און שטום! און דיינע אַלע קרעכצן און זיפצן זיינען אַ גאָרנישט־מיט־גאָרנישט; אַז דו הייבסט אָן דיינע שטיק, איז אַ חלשות צו הערן.... דאָס איז ביי דיר פון דער קראַנקהייט...

— יאָ, איך מיין טאַקע, — האָט בעל־בּיטחון שטיל מסכּים געווען, ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און האָט דערנאָך צוגעגעבן: און אפשר איז דאָס פון דעם, וואָס איך האָב אַ ווייך האַרץ.

און דאָס האַרץ פון וואָס איז? איך פון דער קראַנקהייט, — האָט ציטערפּוס פאַרזיכערט געזאָגט.

ער האָט איבּערגעביסן מיט די ציין אַ ריטל, האָט מיט אים אַ פייף געטאָן אין דער לופטן און שטרענג געזאָגט:

— אָט נעם מיך: איך בין געזונט, גייט מיר ניט אין קאָפּ קיין נאַרישקייטן. בעל־בּיטחון האָט אַ זיפץ געטאָן און די חברים האָבן לאַנג געשוויגן. ציטערפּוס האָט געאַרבעט געשווינדט, ער האָט שוין געהאַט איבּערגעפלאָכטן דעם דעק און אַצינד האָט ער גע־מאַכט די זייטן פונם קויש. די ריטלעך האָט ער געשניטן מיט אַ מעסערל, אָדער איבּערגעהאַקט מיט די ציין. ער האָט געפלאָכטן, געבונדן און געמאַכט מיט די פינגער פייל־אייזן־בייגן. בעל־בּיטחון

האָט געקוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף דער שקאַפּע, וואָס איז געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, דאָ אויפן הימל, אויף וועלכן עס האָבן זיך נאָך קיין שטערן ניט געזען.

— דער פייער וועט זיך אַ כאַפּ טאָן צו דער שקאַפּע, — האָט בעל־ביטחון פּלוצלונג געזאָגט מיט אַ מאָדנעם קול, — ערשט ניטאָ זי... ער וועט זוכן אומעטום — ניטאָ דאָס פערדעלע!

ער האָט צעפּירט מיט די הענט, דער פּנים איז געווען בײַ אים אין דער מינוט אַ נאַרישער און מיט די אויגן האָט ער אָפּט געפינטלט.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו עס? — האָט ציטערפּוס שטרענג געפרעגט.

— איך האָב מיך דערמאָנט אין אַ מעשה, — האָט בעל־ביטחון געענטפערט מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע.

— וואָס פאַר אַ מעשה?

— אָט־דאָ... האָט זיך געמאַכט אַ מעשה... אַ פערד האָט מען צוגעגנבעט... בײַ מײַנעם אַ שכן, — מיכאַילע האָט ער געהייסן... אַ גרויסער פּויער געווען... אַ געשטופּלטער..

— נו?

נו, האָט מען דאָס פערד אַוועקגעגנבעט... אויף די ווינטער־תבואה האָט עס זיך געפּאַשעט — נו, איז עס ניט געוואָרן! איז אַז ער, מיכאַילע, הייסט עס, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געבליבן אָן אַ פערד, האָט ער זיך אַ זעץ געגעבן אָן דער ערד און האָט עס גענומען וואָיען! אַך, ברודערל מײַנס, האָט ער עס דעמאָלט געסקאַוואוטשעט!... און איז אַנידערגעפאַלן... גלײַך מע וואָלט אים די פיס אונטערגעהאַקט.

— נו?

— נו... לאַנג איז ער אַזוי געלעגן.

— נו, איז וואָס איז דאָס דײַן עסק?

בעל־ביטחון האָט זיך בײַ דער שאַרפער פראַגע פון זײַן חבר אָפּגערוקט פון אים און האָט צעשראָקן געענטפערט:

— גלאַט אַזוי... ס'איז מיר אַרויף אויפן זינען... וואָרעם אָן אַ פערד איז דער פּויער ווי געקוילעט!

— אַט וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט זיך ציטערפּוס אָפּגערופן שטרענג און האָט גלייך געקוקט אויפן חבר — וואַרף עס אַוועק. פון דיינע אַלע שמועסן וועט גאָרניט אַרויסקומען... פאַרשטייסט? אַ שכן, מיכאַילע! ס'איז ניט דיין עסק.

— ס'איז דאָך אָבער אַ רחמנות, — האָט בעל־בטחון געענטפערט און האָט באַוועגט מיט די אַקסלען.

— אַ רחמנות? און אויף דיר האָט עמעצער רחמנות?

— דאָס איז ריכטיק, ניטאָ וואָס צו ריידן!...

— נו, טאָ שווייג... מיר דאַרפן שוין באַלד גיין.

— באַלד?

— נו, יאָ...

בעל־בטחון האָט זיך צוגערוקט צום פייער, האָט אַ מיש געטאָן אין אים מיט אַ שטעקל און האָט קרום אַ קוק געטאָן אויפן חבר, וואָס איז געזעסן פאַרטיפט אין דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער שטיל און מיט געבעט געזאָגט:

— לאָמיר זי בעסער אָפּלאָזן...

— אַט אַ מיאוסע טבע ביי אַ מענטשן! — האָט ציטערפּוס אויסגעשריען מיט פאַרדראָס.

— אויף מיין וואָרט! — האָט בעל־בטחון געזאָגט שטיל און מיט איבערצייגונג. — דו באַקלער נאַר, ס'איז דאָך אַ סכנה! מע דאַרף זיך דאָך מיט איר שלעפּן אַ ווערסט פיר... און אַז די טאָטערן וועלן ניט נעמען, וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן?

— דאָס איז מיין זאַך.

— ווי דו ווילסט! נאָר בעסער וואָלט געווען, אַז מיר וואָלטן זי אָפּגעלאָזט... זאָל זי זיך שלעפּן... זי איז דאָך אַן אמתער פּגר!

ציטערפּוס האָט געשוויגן, בלויז די פינגער זיינע האָבן זיך שנעלער באַוועגט.

— וויפל וועט מען פאַר איר געבן... אַרום־און־אַרום? — האָט בעל־בטחון שטיל און מיט עקשות געצווינגן. — און אַצינד איז די בעסטע צייט... באַלד וועט ווערן פינצטער, — וועלן מיר בע־

סעה אַוועקגיין מיטן טאָל און אַרויסקומען גלייך צו די בענקע... און דאָרטן וואָלטן מיר עפּעס געפּאַקט.

בעל־בטחונס מאָנאָטאָן ריידן האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם מורמלען פונם וואַסערל און איז געשוואומען איבערן טאָל און האָט אויפגערעגט דעם פלייסיקן ציטערפוס.

ער האָט געשוויגן, האָט פאַרקוועטשט מיט די ציין, און פון אויפרעגונג האָבן זיך די ריטלעך געבראָכן אונטער זיינע פינגער.

— די פויערטעס ווייסן איצט לייוונט....

די שקאַפּע האָט הויך אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך גענומען באָרכלען. איינגעהילט אין פינסטערניש, איז זי איצט געוואָרן נאָך פאַרקריפּלטער און רחמנותדיקער. ציטערפוס האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און האָט אויסגעשפּיט אין פייער אַריין...

— די עופות גייען איצט אַרום פריי... און די טייכלעך — גענז...

— ווייסט אויפהערן אַמאָל, טייוול? — האָט ציטערפוס גע־פרעגט מיט כעס.

— בנאמנות!... זיי ניט בייז אויף מיר, סטעפּאַן... לאָמיר זי אָפּלאָזן צו אַלדי־רוחות! איך מיין וואָרט!

— זאָג מיר, דו האָסט היינט געגעסן? — האָט ציטערפוס אויסגעשריען.

— ניין... — האָט זיך בעל־בטחון אָפּגערופן פאַרשעמט און האָט זיך דערשראָקן פון זיין געשריי.

— איז כאַפּט דיך דאָס שוואַרצע יאָר! קרענק, אַז דו ווילסט... און איך שפּיי אויף דעם.

בעל־בטחון האָט שטום אַן ווערטער אַ קוק געטאָן אויף אים— ער האָט צונייפגעקליבן אַ קופּע ריטער, האָט זיי צונויפגעבונדן אין אַ בינטל און האָט בייז געסאָפּעט. פון דעם פייער איז אויף זיין פּנים געפאַלן אַן אָפּגלאַנץ, און זיין געזיכט מיט די אויפגעשטעלטע וואָנצעס איז געווען רויט, בייז.

בעל־בטחון האָט זיך אָפּגעקערט און האָט שווער אָפּגעזיפצט.

— טו ווי דו ווילסט, איך שפּיי אויף דעם, — האָט ציטערפוס געזאָגט מיט כעס און מיט אַ הייזעריקן קול.

— אָט אַזוי! — האָט זיך בעל־ביטחון שטיל אָפּגערופן.

— נאָר איינס וועל איך דיר זאָגן: אויב דו וועסט ווייטער אויך אַזוי דרייען... בין איך מיט דיר מער קיין חבר ניט! גע־נוג! איך קען דיך שוין... אָט־וואָס....

— אָט אַ נאַרישער מענטש...

— אוים, גענוג, מוחל!

בעל־ביטחון האָט זיך צונויפגעדרייט און האָט זיך פאַרהוסט; דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויסגעהוסט, האָט ער, עטעמענדיק שווער, געזאָגט:

— פאַרוואָס, מיינסטו, זאָג איך עס? ווייל מיט איר איז אַ סכנה...

— נו, גוט, גוט! — האָט ציטערפוס אויסגעשריען מיט כעס.

ער האָט אויפגעהויבן די ריטער, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל, האָט דעם ניט־פאַרענדיקטן קויש גענומען אונטער דער פאַכווע און האָט זיך אַנידערגעשטעלט.

בעל־ביטחון האָט זיך אויך אויפגעהויבן, האָט אַ קוק געטאָן אויפן חבר און איז מיט שטילע טריט אַוועק צום פערד.

— טפּררו! טפּררו!... גאָט איז מיט דיר... האָב קיין מורא ניט!... — האָט זיך אין טאָל דערהערט זיין פאַרשטיקטער קול.

— טפּררו, טפּררו... שטיי! נו, גיי זיך דיר... אָט איצט מעגסטו גיין... נאָ־אָ, נאַרעלע!

ציטערפוס האָט געקוקט, ווי זיין חבר האָט זיך געפּאָרעט מיט דער שקאַפּע, האָט אַראָפּגענומען אַ שמאַטקע פון איר מאָרדע און די האָנצעס פון דעם שטרענגן גנב האָבן אויפגעציטערט.

— קום שוין, קום! — האָט ער געזאָגט און זיך גערירט פון אָרט.

— איך גיי. — האָט בעל־ביטחון אָפּגעענטפערט.

און ביידע חברים האָבן זיך שווייגנדיקערהייט געלאָזט גיין צווישן די קוסטעס, לענג־אוים דעם טאָל אין דער נאַכט־פינסטערניש, וואָס האָט אים אָנגעפילט ביז די ברעגעס.

דאָס פערד איז אויך אַוועק נאָך זיי.

דערנאָך האָט זיך הינטער זיי דערהערט אַ פּלעסק, וואָס האָט פאַרהילכט די מעלאָדיע פונם וואַסערל.

— אָט אַ שוטה!... אַריינגעפאַלן אין דעם וואַסערל... — האָט בעל־בּיטחון געזאָגט.

ציטערפוס האָט בייז אַ סמאַרע געטאָן מיטן נאָז און איז אַנט־שוויגן געוואָרן.

אין דער פינסטערניש און אין דעם פאַראומערטן שווייגן פון דעם טאָל האָט זיך דערהערט אַ שטילער גערויש פון די קוסטעס, וואָס איז לאַנגזאַם אַוועקגעפלאָסן פון דעם אָרט, וואו דאָס רויטע הייפעלע קוילן פונם שייטער האָט געפינקלט אויף דער ערד, אַזוי ווי עמעצנס אַ פאַנטאַסטיש, בייז און קאָמיש אויג.

ס'איז אויפגעגאַנגען די לבנה.

איר געשפּענסטאַרטיקע שיין האָט אָנגעפילט דעם טאָל מיט אַ דויכקאָלירענער פינסטערניש; אומעטום זיינען געפאַלן שאָטנס; דער וואַלד איז פון דעם נאָך געדיכטער געוואָרן, און די שטילקייט אין אים — פולער און שטרענגער. די ווייסע שטאַמען פון די בערעזעס, וואָס זיינען געווען באַזילבערט פון דער לבנה, האָבן זיך געצייכנט אויף דעם טונקעלן פאָן פון דעם דעמב, פון דעם וויאַז און פון די נידעריקע ביימלעך, אַזוי ווי וועקסענע ליכט.

די חברים האָבן שווייגנדיקערהייט געשפּרייזט איבער טאָל; זיי איז געווען שווער צו גיין: זייערע פיס האָבן זיך דאָ געגליטשט, דאָ טיף געריזנעט אין בלאָטע. בעל־בּיטחון האָט געעטעמט אָפט און ביי אים אין ברוסט האָט געפייפט, געכריפּעט און געקוויטשעט, גלייך ער וואָלט דאָרטן באַהאַלטן אַ גרויסן, לאַנג ניט־געריניקטן וואַנט־זייגער. ציטערפוס איז געגאַנגען פאָראויס; דער שאָטן פון זיין גלייכער און הייכער פיגור איז געפאַלן אויף בעל־בּיטחונען.

— גיי! — האָט ער פּלוצלונג געגומען ריידן וואָרטשענדיק און מיט פאַרדראָס. — און וואוהין גיין? נאָך וואָס? עכמאַ!...

בעל־בּיטחון האָט אָפּגעזיפצט און האָט געשוויגן.

— די נאַכט, ווידער, איז איצט קירצער, ווי די נאָז פון אַ שפּערל... אַז מיר וועלן קומען אין דאָרף, וועט שוין זיין טאָג... און ווי גייען מיר? אַזוי ווי פריצטעס... מיר שפּאַצירן זיך...

— ס'איז מיר שווער, ברודער... האָט בעל־בטחון שטיל געזאָגט.

— שווער? — האָט ציטערפוס איסגעשריען איראָניש.

— אָט זעסטו! און פאַרוואָס?

— ס'איז מיר זייער שווער צו עטעמען... — האָט דער קראַנקער גב געענטפערט.

— עטעמען? און פאַרוואָס איז דיר שווער צו עטעמען?

— צוליב דער קראַנקהייט... דאַרף מען רעכענען....

— דו לייגסט! דאָס איז צוליב דיין נאַרישקייט.

ציטערפוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אומקערט מיטן געזיכט צו זיין חבר און, אַ פּאַך געטאָן מיטן פינגער ביי אים אונטערן נאָז, האָט ער צוגעגעבן:

— צוליב דיין נאַרישקייט קענסטו ניט עטעמען... האָסט פאַרשטאַנען?

ציטערפוס האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט געזאָגט מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע:

— נאַטירלעך...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די ציטערנדיקע הענט אָן שטאַם פון בוים און האָט לאַנג געהוסט, געטראָטן מיט די פיס אויף איין אָרט, געמאַכט מיטן קאָפּ און ברייט געעפנט דאָס מויל.

ציטערפוס האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין זיין געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען שלעכט, איז געווען שוואַרץ ווי די ערד און גרינלעך פון דער לבנה־שיין.

— וועסט אַלע רוחות אויפוועקן אין וואַלד.... — האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט צאָרן. און אַז בעל־בטחון האָט זיך אויסגעהוסט און, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, פריי אָפּגעעטעמט, האָט ער מיט אַ באַפעלערישן טאָן אים פאָרגעלייגט:

— רו זיך אָפּ... לאָמיר זיך צוזעצן!

און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פייכטער ערד, אין דעם שאָטן פון די קוסטעס.

און ציטערפּוס האָט צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס, האָט פאַרדרויכערט, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פייער און האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן:

— ווען מיר וואָלטן אין דער היים געהאַט וואָס צו עסן, וואָלטן מיר זיך געקענט אומקערן אַהיים...

— דאָס איז ריכטיק... — האָט בעל-בטחון אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

ציטערפּוס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן קרום און האָט ווייטער געזאָגט.

— אָבער אין דער היים האָבן מיר גאָרנישט — איז דאַרפן מיר גיין...

— פאַרשטייט זיך... — האָט בעל-בטחון אָפּגעזיפצט.

— כאָטש וואו צו גיין האָבן מיר ניט, ווייל קיין טאָלק וועט פון דעם סיי ווי ניט אַרויסקומען... מיר זיינען גרויסע נאַראָנים, אָט דאָס איז דער אומגליק! פערד זיינען מיר...

ציטערפּוס טרוקענע שטימע האָט געשניטן די לופט און האָט, ווייזט אויס, פאַרשאַפט זיין חבר גרויס שרעק: — ער האָט זיך אַליך געפּאָרעט אויף דער ערד, האָט געזיפצט און האָט מאָדנע געוואָרטשעט.

— און הונגעריק בין איך... אַ גוואַלד ווי הונגעריק! — האָט ציטערפּוס פאַרענדיקט זיינע אויסגעצויגענע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען מיט פאָרוואורף.

דעמאָלט האָט זיך בעל-בטחון פלוצלונג אויפגעשטעלט...

— וואוהין? — האָט ציטערפּוס געפרעגט.

— קום.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי... צעלאָזט?

— קום.

— לאָמיר גיין... — ציטערפּוס האָט זיך אויך אַנידערגעשטעלט. — ס'איז אָבער אַן אומזיסטע זאַך...

— גוט... זאָל זיין אומזיסט! — האָט זיין חבר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל אַזוי היציק?...

— וואָס דען? אַז דו גריזעסט מיך און עקבערסט מיך...
ליבער גאָט!

— פאַרוואָס=זשע טוסטו אומבאַרעכנטערהייט?

— אומבאַרעכנטערהייט?

— אַוודאי!

— און וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז מיר אַ רחמנות!

— אויף וועמען, אויף וואָס?

— אויף וועמען! אויף אַ מענטשן, נאַטירלעך...

— אויף אַ מענטשן? — האָט ציטערפּוס אויסגעצויגן. — נאַט=
אַייך, נעמט, גיט עס אַ שמעק און וואַרפט עס אַוועק!... אַך,
האָסטו אַ גוט האַרץ, נאָר אין קאָפּ איז שוואַרץ! וואָס איז ער
דיר געווען, דער מענטש? האָסט כאָטש אַ קלער געטאָן וועגן
דעם אַמאָל? אָט וועט דיך אַ כאַפּ טאָן, דער מענטש דיינער,
פאַרן קראַגן און וועט דיך צעקוועטשן, אַזוי ווי אַ פלוי! אָט דעמאָלט
האָב טאַקע אויף אים רחמנות... יאָ! אָט דעמאָלט קענסטו אים
ווייזן דיין טיפּשות. פאַר דיין רחמנות... וועט ער דיך אויספּיי=
ניקן מיט אַלערליי יסורים. אַלע דיינע קישקעס וועט ער זיך אָנוויק=
לען אויפן האַנט... אַלע דיינע אָדערן וועט ער פון דיר אַרויס=
ציען... ביסלעכווייז... אַך דו, נאַרישער בעל=רחמנות! דו בעט בע=
סער גאָט, מע זאָל מאַכן גלייך מיט דיר אַ סוף, אָן קיין שום
רחמנות — און אַן עק! עך דו! דער רעגן זאָל דיך צעווייקן!
רחמנות... טפו!

ער איז געווען אויפגערעגט, ציטערפוס!

זיין שטימע, אַ שאַרפע, פול מיט איראָניע און פאַראַכטונג
צו דעם חבר, האָט זיך הילכיק געטראָגן איבערן וואַלד, און די
צווייגן פון די קוסטעס האָבן זיך געוויגט מיט אַ שטילן גערויש,
גלייך זיי וואָלטן צוגעשטימט צו די שטרענגע און ריכטיקע ווערטער.

דערדריקט פון די שטראָפרייד, האָט בעל=ביטחון לאַנגזאַם גע=
שפּרייזט מיט ציטערדיקע פיס, די הענט פאַררוקט אין די אַרבל
פון זיין קורטקע און דעם קאָפּ נידעריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער
ברוסט.

— וואַרט־נאָר... — האָט ער צום סוף געזאָגט... — וואָס דאַרפסטו ריידן? איך וועל זיך פאַרריכטן... אָט וועלן מיר קומען אין דאָרף... וועל איך אַוועקגיין... אַליין וועל איך אַוועקגיין... דו גיי ניט. כ'וועל פשוט כאַפּן... וואָס ס'וועט זיך מיר מאַכן אונטער דער האַנט... און אַהיים!... אַז 'מיר וועלן קומען צוריק, מוז איך זיך לייגן! ס'איז מיר שווער... רייד שוין בעסער ניט...

ער האָט געערדט שטיל, קוים וואָס מע האָט געהערט, און האָט זיך פאַרכליניעט, מיט אַ גריפּ, מיט אַ ברומעניש אין ברוסט. ציטערפוס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פאַרדעכטיק... האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט עפּעס געוואָלט זאָגן... האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט גאָרנישט ניט געזאָגט און איז אַוועק ווייטער...

אַ לאַנגע צייט זיינע די געגאַנגען שווייגנדיק און לאַנגזאַם.

הענער האָבן דאָ דערביי ערגעץ געקרייט, אַ הונט האָט אַ ביל געטאָן; דערנאָך איז געקומען צו פליען אַ טרויעריקער קלאַנג פון אַ וועכטער־גלאָק פון אַ ווייטן דאָרפישן קלויסטער און איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם שטרענגן שווייגן פון דעם וואַלד... אַ גרויסער פויגל האָט זיך פון ערגעץ אַ לאָז געטאָן, אַזוי ווי אַ גרויסער שוואַרצער פלעק, אין דער טריבער לבנה־שיין, און אין דעם טאָל איז דורכגעפלאָסן, אַזוי ווי אַ בייז־בשורהדיקער קלאַנג, אַן אייליקער פייף און רויש פון פליגלען.

— אַ וואָראָנע... אָדער גאָר אַ פעלד־קראָ, — האָט ציטערפוס באַמערקט.

— אָט־וואָס... — האָט בעל־בטחון גענומען ריידן און האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, — דו גיי, און איך וועל דאָ בלייבן... איך קען ניט מער, — עס שטיקט מיך... עס שטיקט מיך... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ...

— אָט האָסטו דיר! — האָט ציטערפוס געזאָגט אומצופרידן. — ניט שוין־זשע קענסטו ניט?

— איך קען ניט...

— גוט יום־טוב דיר! טפו זאָלסט ווערן!

— איך בין שוין גאָר אָפּגעשוואַכט... ·

— ווי־דען! מיר שלעפּן זיך אַרום פון אינדערפרי אָן ניט געגעסנערהייט.

— ניין. אַפּנים, אַז מיין... סוף איז שוין געקומען! דו זעסט, ווי דאָס בלוט פליצט!

און בעל־בטחון האָט צוגעטראָגן זיין האַנט, וואָס איז געווען איינגעשמירט מיט עפּעס שוואַרצס, צו זיין חברס פּנים. יענער האָט זיך אַ קרים געטאָן אויף דער האַנט און האָט געפרעגט מיט אַ שטילער שטימע:

— איז וואָס־זשע וועלן מיר טאָן?

— גיי דו אַליין... און איך וועל דאָ בלייבן... כ׳וועל אי־בערליגן אַ ביסל, אפשר וועט מיר בעסער ווערן...

— וואוהין זאָל איך גיין? סיידן אין דאָרף... גיין זאָגן זיי — אַז אַ מענטשן איז געוואָרן שלעכט...

— ניין, מע וועט דיך נאָך דאָרטן שלאָגן...

— דאָס איז טאַקע אַזוי... פּאַל נאָר אַריין אין זייערע הענט!...

בעל־בטחון האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן רוקן, האָט דומפּ גע־הוסט און אויסגעשפּיט פון מויל גאַנצע שטיקער בלוט.

— ס׳גייט? — האָט ציטערפוס געפרעגט, שטייענדיק איבער אים, נאָר קוקנדיק אָן אַ זייט.

— ס׳גייט שטאַרק... — האָט בעל־בטחון קוים אַרויסגערעדט און זיך פאַרהוסט.

ציטערפוס האָט זיך ציניש און הויך געזיידלט.

— מע דאַרף כאָטש עמעצן רופן!

— וועמען? — האָט בעל־בטחון אָפּגעענטפערט, אַזוי ווי אַ טרויעריקער עכאָ.

— און אפשר... וואָלסטו אויפגעשטאַנען און... אַוועק פּאַ־וואָליע?...

— ניין, איך קאָן ניט...

ציטערפוס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם חברס קאָפּ און, אַרומגענומען די קני מיט די הענט, האָט ער אים גענומען קוקן אין

געזיכט אַריין. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן ניט גלייכמעסיק, מיט אַ פאַרשטיקטן כריפ, די אויגן זיינען אַיינגעפאַלן און די ליפן האָבן זיך עפּעס מאָדנע אויסגעצויגן און האָבן זיך אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו די ציינער. פון דעם לינקן ווינקל מויל האָט איבערן באַק געפויזעט אַ לעבעדיק טונקל שטרעמעלע.

— עס רינט נאָך אַלץ? — האָט ציטערפוס שטיל געפרעגט, און אין דעם טאָן פון זיין פראַגע איז געווען עפּעס נאָענטס צו אַכטונג.

בעל־ביטחונס געזיכט האָט אַ ציטער געטאָן.

— ס'רינט... — האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער כריפ.

ציטערפוס האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו די קני און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איבער זיי איז געהאַנגען די וואַנט פון דעם טאָל, וואָס איז געווען צעאַקערט אין טיפע רינעס פון די פרילינגדיקע שטראָמען. פון זיין שפּיץ האָט געקוקט אין טאָל אַריין אַן אָנגעפּעלצטע ריי ביימער, וואָס זיינען געווען באַלויכטן פון דער לבנה. דער צווייטער אַראָפּהאַנג פון טאָל, מערער משופּעדיק, איז אינגאַנצן געווען באַוואַקסן מיט נידעריקע ביימלעך; פון זייער טונקעלער מאַסע האָבן זיך ערגעץ אַרויפגעהויבן די גרויע שטאַמען פון די אַספּעס, און אויף זייערע נאַקעטע צווייגן האָבן זיך דייטלעך געזען די נעסטן פון די פעלד־קראָען... און דער טאָל, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט לבנה־שיין, איז געווען ענלעך צו אַ חלום, צו אַן אומעטיקן חלום, אָן לעבנס־פאָרמען; און דאָס שטילע מורמלען פון דעם וואַסערל האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיין לעבנסלאָזיקייט, האָט באַטאָנט די אומעטיקע שטילקייט אין אים...

— איך שטאַרב... — האָט בעל־ביטחון זייער שטיל אַ שעפּטשע געטאָן און האָט דערנאָך הויך און קלאָר איבערגעחזרט: — כטעפאַן, איך שטאַרב אַוועק!

ציטערפוס האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, האָט זיך גענומען עסקן, האָט גענומען סאָפּען און, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די קני, האָט ער מיט פאַרווירונג און שטיל גענומען ריידן, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט עמעצן צו שטערן:

— דו שרעק זיך ניט! ס'איז גאָרנישט! מעגלעך, אַז ס'איז גלאַט אַזוי... נישקשה, ברודער! אויף מיין וואָרט!

— יעזוס קריסטוס... — האָט בעל־ביטחון שווער אָפּגעזיפּצט.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט זיך ציטערפּוס איבערגעבויגן איבער אים און געשעפּטשעט... ס'וועט אפשר איבערגיין...

נאָר בעל־ביטחון האָט גענומען הוסטן; אין זיין ברוסט איז אַנטשטאַנען אַ נייער קלאַנג — גלייך אַ נאַסע שמאַטע וואָלט זיך געשלייפּט אָן זיינע ריפּן. ציטערפּוס האָט אויף אים געקוקט און האָט שטום באַוועגט מיט די וואָנצעס. זיך איסגעהוסט, האָט בעל־ביטחון גענומען עטעמען הויך און מיט הפסקות — גלייך ער וואָלט געלאָפן ערגעץ מיט די לעצטע כוחות. אַ צייט האָט ער אַזוי געעטעמט, דערנאָך האָט ער גענומען ריידן:

— זיי מיר מוחל, סטעפּאַן... אויב איך האָב דיר עפּעס... אַט פּאַרן פערד... זיי מיר מוחל, ברודערל!...

— דו דאַרפסט מיר מוחל זיין, — האָט אים ציטערפּוס איבערגעשלאָגן און, געשוויגן אַ ווילע, האָט ער צוגעגעבן: — איך... וואוהין זאָל איך איצטער גיין? און וואָס וועט איצטער זיין?

— נישקשה! זאָל דיר גאָט געב...

ער האָט אַ קרעכץ געטאָן, האָט די ווערטער ניט פאַרענדיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דערנאָך האָט ער גענומען כריפּען... דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די פיס... איין פוס האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַן אַ זייט....

ציטערפּוס האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען פון אים קיין אויג. ס'זיינען פאַריבערגעגאַנגען מינוטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַזוי ווי שעהן.

אָט האָט בעל־ביטחון איפּגעהויבן אַ ביסל דעם קאָפּ; אָבער ער איז ביי אים תיכף מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— וואָס, ברודער? — האָט זיך ציטערפּוס צו אים אָנגעבויגן. אָבער ער האָט שוין ניט געענטפערט, איז געווען רויק און אומבאַוועגלעך.

דער שטרענגער ציטערפּוס איז נאָך געזעסן אַ ביסל לעבן דעם חבר, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל,

האָט זיך איבערגעצלמט און איז לאַנגזאַם אַוועק פּאַזע טאָל. זײַן געזיכט האָט זיך פאַרשפּיצט, די ברעמען און די וואָנצעס האָבן זיך אויפגעשטעלט און ער האָט געשפּרייזט אַזוי פעסט, גלײַך ער וואָלט מיט די פיס געשלאָגן די ערד, גלײַך ער וואָלט איר גע־וואָלט ווי טאָן.

ס׳האָט שוין געטאָגט. דער הימל איז געווען גרוי, אומפרײַנט־לעך. אין טאָל האָט געהערשט אַן אָנגעכמורעטע שטילקייט; בלויז דאָס וואַסערל האָט, ניט שטערנדיק קיינעם, געפירט זײַן איינטאָ־ניקן, אומקלאָרן שמועס.

נאָר אָט האָט זיך דערהערט אַ שאָרך... אַ שטיק ערד האָט זיך, קענטיק, אַראָפּגעקייקלט איפן דעק פון טאָל. האָט זיך אויפ־געכאַפּט די פעלד־קראָ, האָט אויסגעשריען צעשראָקן און איז ער־געץ אַוועקגעפלויגן. דערנאָך האָט זיך צעקלונגען דער בלויפויגל. אין דער פייכטער, קאַלטער לופט פון טאָל האָבן די קלאַנגען גע־לעבט בלויז אַ קורצע צייט — זיי פלעגן געבאָרן ווערן און פלעגן תיכף פאַרשווינדן...

אינהאַלט

		זייט
1.	מאַקסים גאָרקי (קורצע לעבנס־באַשרייבונג)	3—4
2.	דער פּאָגראָם	5—15
3.	קין און אַרטעם	16—68
4.	באָלעס	69—76
5.	אַ בוך וואָס לאָזט ניט שלאָפן	77—82
6.	אַ ליגן	83—85
7.	דער שטורעם־פויגל	86—87
8.	דער קיניג וואָס האַלט הויך זיין פאָן	88—99
9.	חבר	100—108
10.	אַ שטימע פון דער ווייטן	109—111
11.	די סאָלדאַטן	112—127
12.	דער פילאָסאָף	128—132
13.	מעשהלעך	133—176
14.	דער זייגער	177—183
15.	קאָנאָוואַלאָוו	184—263
16.	די פאָר גנבים	264—284